STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01662

TSIGL

M. Shifris

Permanent preservation of this book was made possible
by Norman Lewin
in memory of
Bialystok Jewry

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



ארויסגעגעבן פון

האַרלעמער פּראָגרעסיוון יוגנט - קלוב

נ י ו י אָ ר ק

.1929

IRVING WIENER
834 FOSTER AVE.
BROOKLYN, N. Y.

ביכער פון משה שיפרים:

ל י ד ע ר

פאַרלאַג „קולטור“ ניו יאָרק

1922

ר א כ א מ א

און

אַנדערע לידער

פאַרלאַג „די פעדער“ ניו יאָרק

1925

נישט געשטויגן, נישט געפלויגן

(קינדער מעשיות)

פאַרלאַג „אויפגאַנג“ טאָראָנטאָ, קאַנאַדע

1928

צ י ג ל

(דערציילונגען)

אַרויסגעגעבן פון

האַרלעמער פּראָגרעסיוון יוגנט־קלוב

1492 מעדיסאָן עוועניו, ניו יאָרק

1929

*   *

*

אין דעם בוך גייען אריין א טייל פון די דערציילונגען וואס איך האב געדרוקט אין משך פון די לעצטע עטלאכע יאר. די דערציילונגען זיינען ניט אויסגעשטעלט כראנאלאגיש, אזוי צום ביישפיל איז די דערציילונג „ארום טויער" וואס קומט דא אין בוך, כמעט באם סוף, מיין ערשטלינג (געשריבן 1918, געדרוקט מיט עטלאכע יאר שפעטער) און פארקערט די ערשטע, זיינען געשריבן געווארן די לעצטע פאר יאר.

צוליב מאנגל אין פלאץ, האב איך אויסגעקליבן בלויז א טייל און זיי אויסגעשטעלט לויטן אייגענעם קאפריז. צוליב דער זעלביקער סבה זיינען אויך ניט אריין די פארטייטשונגען פון די ענגלישע ווערטער און אמעריקאניזמען.

א הארציקן חבר׳שן דאנק די יונגע הארעפאשניקעס פון הארלעמער פראגרעסיוון יוגנט קלוב, פאר מעגלאך מאכן די דערשיינונג פון דעם בוך.

איצט, אין א צייט, ווען כמעט אלע אידישע פארלאגן אין אמעריקע מיטן אויסנאם פון דער „פרייהייט", זיינען אפגעשטארבן, איז דאס א גרויסער אויפטו פון א יונגען קולטורעלן ארבעטער קלוב.

מ ש ה   ש י פ ר י ם.

Copyright — 1929
by
M. SHIFRIS
New York, N. Y.

אינהאַלט:

מיטוואָך אָף־דער־נאַכט — 7
אין אַ זומער נאַכט — 16
באַדי — 21
מערי — 33
ציגל — 43
טאָני דהי וואָפ — 63
מעגי איז געשטאָרבן — 70
ביל — 77
דאַרע חלה — 96
צוויי חברים — 101
ווייסע פרייד — 107
רב אלתר שוחט — 113
צוויי וואָס האָבן זיך צעטיילט — 118
שותפים — 123
קוני דער נאַר — 128
סטרייק — 132
מיין פריינט, דער שונא — 158
אין דער וואזא פון קאַאיראָ — 171
אַרום טויער — 183
„געלע זאַמד“ — 195
אַזע — 203
קיין אַמעריקע — 211
די „קליינע“ משפחה — 217
אברהם שוסטער'ס הויז — 221

אָריאָם פרעס, אינק.
54 קאַנאַל סט. נ. י.

234

מיטוואָך אַף־דער־נאַכט

דער צווייטער האַלבער טאָג, וואָס פאַר מיטוואָך אַף־דער־נאַכט, איז אומרואיק, ווי דער ערשטער האַלבער טאָג פון שבת. יענקי־מיידל׳ס פּנים איז ליכטיק, דאָס האַרץ פלאַטערט און די מאַשין זינגט. יענקי־אינגל׳ס הענט באַם פּאַק־טיש זיינען פלינקער, פּעקלאַך לויפן פון די הענט.

אַף־דער־נאַכט איז „טרעפעניש“. אַף־דער־נאַכט איז „אויס־גיין“.

באַנען לויפן זינגענדיק, דזשיגענדיק, פאַכנדיק מיט ווייסע פליגל. — — —

— אַ, מיטה מי טו־נאַיט אַן דהי קאָרנער.

אין דער הויז פון דער פאַמיליע וואַלאַך פילן זיך שוין די באַלד־אַנקומענדיקע יאָגעניש און טומלדיקע ענגשאַפט פון קיך. פון קיך וועט זיך שוין די ענגשאַפט צעשטופּן אין אַלע זייטיקע צימערן — ס׳איז באַלד מיטוואָך אַף־דער־נאַכט.

פון דער לינקער טיר זעט זיך אַרויס אַ האַלב־באַלויכטענער „טשאַיני קלאָזעט“. אַ רויט גאַז־פלעמל ציטערט אַפן אויסגע־קאַלעכדיקן גלאָז. קיינמאָל עפנט זיך ניט די טיר פון דער דאָזיקער שאַפע מיטן גלעזערנעם האַרץ, וואָס איז אָנגעפילט מיט גלעזערנע און ניקעלנע כלים. דער טייוועל ווייס, אַף וואָס מ׳דאַרף זיי האָבן. רעכטס האָט זיך צעשפּרייט מיט רחבות דער בופעט, ווי אַן אָנגעפּרעסענער ישוב׳ניק, אַ רייכער פעטער, וואָס איז זיכער באַ זיך, אַז צו אים וועט מען זיכער דאַרפן אָנקומען. לינקס, באַ דער וואַנט, וואָס האָט אָפּגעגעבן אַ שטיק פון זיך פאַר דער טיר, שטייט די בעל־גוף׳דיקע פּיאַנאָ. זי רוקט זיך צו דער וואַנט מיט דער

בעל־עגלה׳שער פּלייצע. זי וויל פאַרנעמען וואָס ווייניקער פּלאַץ.

אַרום די פיר אייגן, וואָס רופן זיך „פּאַרלאָר", שטייען שווייגנ־דיק די פיר שפּאַלירטע ווענט, און אין דער האַלב־טונקלקייט דוכט זיך, אַז זיי בויגן זיך אונטער דער שווער־באַלאָדענער משא.

איבער דער פּיאַנאָ הייגגען אַ גראַדואיר־דיפּלאָם, סיידי׳ס בילד מיט דעם זעלביקן דיפּלאָם אין דער האַנט, און לעבן דעם אַ בילד פון אַלע גראַדואירטע חבר׳טעס פון איר „פּובליק סקול".

אויף דער צווייטער וואַנט — בעקי׳ס דיפּלאָם, אַ בילד פון בעקי׳ן מיטן דיפּלאָם אין האַנט, און אַ בילד מיט אַלע חבר־טעס.

אויף דער דריטער וואַנט — דער זעלבער אויסשטאַט פון דער אינגערער, פון ראָזי׳ן, וואָס האָט ערשט לעצטן יאָר געענדיקט.

אויף דער פערטער וואַנט — צוויי קאָלירטע בילדער, אָפּגע־בליאַקעוועטע, מיט גאָלדענע שווערע ראַמען, געפּינטלטע. יעדן זומער פאַרמערן זיך די פּינטעלאַך . . . אַמאָל האָבן די דאָזיקע צוויי בילדער פון מיסטער און מיסעס וואַלאַך געשמייכלט; איצט זיינען זיי אַנגעכמורעט . . . אינמיטן הייגגען די „סיטיזען־פּייפּערס".

די זייטיגע טיר, וואָס פירט אין שלאָף־צימער, איז מיטוואָך אויף־דער־נאַכט צוגעמאַכט. די „באָים" זאָלן ניט זען דאָס אָנגע־וואַרפענע בעט, וואָס די מוטער וואַלאַך האָט קיין צייט ניט געהאַט צו פאַרבעטן. זי איז אַ „שווער מענטש", און אַ חוץ די דריי מוידן זיינען נאָך דאָ צוויי קליינע ממזרים, וואָס קערן איבער די שטוב, און אַיינס באַ דער ברוסט. די נשמה ציט ער אַרויס . . .

דאָס צימער פון קיך רעכטס איז די צוויי עלטערע מיידלאַכ׳ס. שטייט דאָרטן אַן אייזערן בעט און אַ „דרעסער". קוים זיך דורכ־צושפּאַרן. אַ צוליִיג זיי אין בעט איז סעמי, אַ צען־יאָריק אינגל האָט ער אַ טבע אַרויס־צושטעקן די פיסלאַך פון אונטער דער קאָלדרע. און אַז זיי פּרירן זיך גוט אָן, כאַפּט ער זיי אַרונטער צוריק: מיט איין פיסל גיט ער אַ פּאָר אַריין איינער אין די פּיס, און דער צווייטער אין בויך אַריין. דערלאַנגט עס שניט, ווי מיט אַן אייזיק מעסער. ער מיינט, אַז ער פאַרט אָפּן וועליסאַפּער.

נאָך איין טיר איז פאַראַן אין קיך, נאָר יענע איז שטענדיק צוגעמאַכט, און אפילו די ממזרים וועלן ניט וואגן צו עפענען יענע טיר — ווי אין אַ קאַסע־קאַסטן ווערט דאָרטן אָפּגעהיט דער „באָרדער“ — אַ חלק פונם דירה־געלט. פאַר אים האָבן אַלע דרך־ארץ.

איצט, מיטוואָך אַף־דער־נאַכט, זיינען אַלע אין קיך. מיסעס וואַלאַך מיט אַ צעפלאָמט פנים, שווימט די טעפּלאַך אָפּן שוואַרצן אויוון, קאַטשעט זיך צו צום אייז־קאַסטן, נעמט עפּעס אַרויס, פאַרהאַקט צוריק. זוכט מיט די אויגן. דערמאָנט זיך. זי גייט צו צו דער געשיר־שאַפע, פאַררייסט די הענט איבערן קאָפּ, באַברעט זיך דאָרטן און שלעפּט אַרויס, סאָפּענדיק שווער, אַ גרויסן פאָלי־מעסיק.

זי דרייט אוים דעם קאָפּ צום „וואַש־טאָפּ“, וואו ראָזי שטייט איבערגעבויגן מיטן יונגען, פון מידקייט שווערן קערפּער און רייבט מיט אַ גרוים שטיק זייף אַ זיידן קאָפּטל.

— נו, ווען וועסטו שוין פאַרטיק ווערן ? די מוידן וועלן דאָך באַלד אַריינפאַלן.

ראָזי, אַ שטענדיק אומצופרידענע מיט איר הויז־אַרבעט, מיט אָפענער קנאה צו די עלטערע שוועסטער, וואָס אַרבעטן אין שעפּער, זיינען גאַנצע פאַרדינער, האַלטן אויף דאָס הויז, קויפן זיך וואָס זיי ווילן, און גייען וואוהין זיי ווילן, און ווילן גאָר ניט טאָן אין הויז. גיב זיי אַלעס גרייטס. זי גיט אַ וואָרף דאָס שטיק זייף און גיט אַ שים אַרויס :

— נאָר זיי און זיי. איך וויל ניט זיין זייער דינסט. לאָז מיך אויך גיין זוכן אַ „דזשאָב“. וואָס בין איך ערגער פון זיי ?

דער יונגער, פופצן־יאָריקער קערפּער צאַפּלט זיך פון פאַרדראָס און האַרץ־ווייטאָג. דאָס יונג־קיילעכדיק פנים קנייטשט זיך, און די טרערן גיבן זיך אַ שפּאַר צו די אויגן־לעדלאַך, גרייט צו לאָזן זיך איבער אירע אויפגעפלאָמטע באַקן, טראָפּן נאָך טראָפּן.

— וואס איז שוין ווידער ? — דערהערט זיך פון „פארלאר“ א סקריפענדיק קול, ווי פון א ניט געשמירטן וואגן.

און ווידער:

— ווא־אס איז שוין ווי־דע־ער, פרע־עג אי־יך !

די איבערגע׳חזר׳טע ווערטער קומען ארויס ווי פון איינעם, וואס שפרינגט אונטער און רעדט אין דער זעלבער צייט.

באלד שפרינגט אריין אף דער רעכטער פוס מיסטער וואלאך. די לינקע פוס האלט עס אויסגעצויגן פון פארנט, א באנדאזשירטע.

וואלאך איז א „ווארנישער“ אין א מעבל־געשעפט. האט ער בא דער ארבעט געכאפט א קלאפ אין פוס, און שוין עטלאכע חדשים, אז ער קען ניט ארבעטן. זיצט ער אין „געהאקטע וואונדן“ און דארף אויסקוקן אף די מוידן די פרנסה־געבער.

איז ער שטענדיק אף ראזי׳ס זייט.

— נו, ווארדען — אוי, — זעצט ער זיך שווער אוועק אין ווינגדיקן שטול. — נו, זי איז דען ניט גערעכט ? מען נעמט א קינד און מ׳פארמאטערט עס.

בא דער מיסעס וואלאך גיבן א שפריץ־אויף די אויגן און דאס מויל.

— שוין, ער איז שוין דא, דער גרויסער פארדינער. נו, וואס וואלסטו געוואלט ? אנגעשאטן א פולע שטוב מיט ממזרים, און ער רעדט נאך. ווי, זאל איך זיך אליין צערייסן, ווי ? די דינסטן דיינע וועלן מיר העלפן !

סיידי מיט בעקי׳ן גיבן א פאל אריין מיטן גאנצן מיטוואך־אף־דער־נאכטיקן אימפעט, און איילעניש, און איידער מ׳נעמט ארונטער די היט, ווערט שוין א גוואלד:

— עסן, שנעלער עסן !

— זע נאר, ווי די הונגעריקע וועלף ! — גיט זיך אף זיי א ווארף די מיסעס וואלאך. — ס׳ברענט ניט.

— וואו זיינען מיינע „סילקענע סטאקינגס“ ? דזשאו וועט באלד קומען.

— וואו זיינען אהינגעקומען מיינע „גלאָוס“? דזשעק קומט גלייך. איך האָב געמאַכט מיט אים אַ „דעיט“ אַף פּונקט אַכט אַ זייגער.

אין הויז ווערט אַ טומל, אַ יאָגעניש. סיידי און בעקי מיט בלאָנדע, אויפגעכוואַליעטע האָר אַף די קעפּ, רייסן זיך איבערן „סינק“, איינע לאָזט לויפן דאָס וואַסער, בויגט איין דעם קאָפּ און פּאַרזשמורעט די קליינע גרינע אייגעלאַך, גיט די צווייטע אַ רוק אונטער אַ פּאָר נאַקעטע הענט מיט אַ שטיק זייף גלייך אין די אויגן אריין, גיט זיך יענע אַ צאַפּל, גיט אַ צעשפּרייט ביידע הענט, ווי די פליגל פון אַ פלעדער־מויז, גיט אַ צי־אָפּ דעם קערפּער רעכטס, און מיטן הינטער־חלק גיט זי דער צווייטער אַ שטופּ־אָפּ, אַז זי פאַלט צו צום טיש.

עס קומט אָן דער „באָרדער“. מיסטער וואַלאַך האָט גרויס דרך־ארץ פאַר דעם יונגן־מאַן. ער ליגט שטענדיק איבער די ביכער. ער שטודירט. „אַ גאַנצער פילאָזאָף“. און צו אים באַנוצט ער נאָר אַן אַנדער שפּראַך. ער הויבט אָן ריידן „דייטש“. עפּעס קומט אויס, אַז צו אַזאַ געלערנטן דאַרף מען ריידן אַנדערש. מ׳קען ניט באַנוצן די זעלבע שפּראַך וואָס מ׳רעדט אין שאַפּ, אָדער אין הויז. האָט ער עפּעס אַ פּאָר דייטשע ווערטער, באַנוצט ער זיי. און איבערהויפּט האַלט ער זיך אין איין אַנטשולדיקן. נאָך יעדע עטלאַכע ווערטער קומט אָן „אַנטשולדיקט מיר“. ער וויל זיך פאַר אים אויסריידן דאָס האַרץ. נאָר ער וויל ניט צוגיין גלייך צום ענין. ס׳פּאַסט ניט.

— גוד איוונינג, מיסטער ראָזען. אַנטשולדיקן זי. האָבן זיי געלייענט דעם „פּייפּער“? יאָ, יאָ, אַזוי איז עס . . . מען זיצט, אַנטשולדיקט מיר, אין „קיטשן“ און מ׳דאַרף ליידן. וואָס זאָגן זי?... אָט זעט, — ווייזט ער אַף די מיידלאַך, — אויסגעהאָדעוועט, איר וועט מיר אַנטשולדיקן, טעכטער, געאַרבעט שווער און ביטער, איר וועט מיר אַנטשולדיקן, אין שאַפּ און איצט, נו, וואָס? און אַז אַ טאַטע, איר וועט מיר אַנטשולדיקן, ווערט קראַנק, איז אויס.

מ׳הערט אים, איר וועט מיר אַנטשולדיקן ווי די קאַץ. וואָס דיינקען זיי, וויפיל זיינען זיי אַלט? די עלטערע ניינצן, און די קלענערע זיבצן. גייט מען שוין, איר וועט מיר אַנטשולדיקן, אוים, און מ׳טוט וואָס מ׳וויל.

ראַזען שטייט אַ פאַרלוירענער, לויפט מיט די אויגן איבער אַלעמען אין קיך, בעטראַכט דעם צעווייטאָגטן טאַטן מיט דער קראַנקער פוס, די מאַמע מיטן רחמנות׳דיקן פּנים; דער דריי־יאָריקער ממזר רייסט איר אָפּ דאָס קלייד, און כאַפּט אַ פּליאַסק אין פּנים אַריין. און דער בײַ דער ברוסט שמאַטשקעט מיט גרוים פאַרגעניגן, קנייפּט די ברוסט מיט די הענטלאַך און שמייכלט מיט די אייגעלאַך.

האַלב־אויסגעטאָנענע לויפן אַרוםביידע עלטערע מיידלאַך, רייסן מיט ברייטע קאַמען די געדיכטע, צעפּלאָנטערטע האָר, און די מיילער מאַכן זיך ניט צו.

הויפּנס האָר, איינגעפּלאָנטערטע אין קנוילן, וואַלגערן זיך אויפן „וואַש־טאָפּ" און אין „סינק". ס׳כאַפּט אים אָן אַ נודנעקייט אונטערן האַרצן.

ראַזען שטייט אומגעדולדיק. ער הערט ניט, וואָס יענער רעדט, ער שאָקלט נאָר צו מיטן קאָפּ: „יאָ, יאָ, אַזוי איז עס". און ער אָטעמט אויף פרייער, אַז ער פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך.

שנעל דערלאַנגט מען די וועטשערע. ביידע מיידלאַך כאַפּן, האַלב זיצנדיק, האַלב אָנגעטאָן. דער טאַטע ברומט אונטער, גיט אַ וואָרף אַ וואָרט אַ בייזס, אַ שטעכיקס, איז אָדער ס׳ווערט פאַר־לוירן אין טומל, אָדער ס׳קומט צוריק, שטעכיקער און בייזער, ווי ס׳איז אַוועק . . .

ווען מ׳גייט נאָך די קליידער, פאַרענדיקט מען די לעצטע ביסנס. ווערט אַ פרישער טומל. זיך פאַרביטן מיט די „וויסטלאַך", ס׳פעלט דער „קאַרסעט־קאַווער", די „בלומערס" זיינען ניט אויס־געוואַשן.

— דו האָסט זיי געטראָגן לעצטן מיטוואָך אויף־דער־נאַכט.

— װער, איך ? — שפּרינגט אויף די צווייטע.

אינמיטן טומל אַ קלאַפּ אין טיר.

עס קומט אַריין סיידי׳ס „באַי״ דזשאָו, אַ לאַנגער בחור מיט צוויי װאָנצעלאַך, װי מייזישע עקלאַך אָף בײדע זייטן ליפּ. צוויי ברוינע הענט הײנגען לעפּיש אָף בײדע זייטן, און אָפן קאָפּ אַ קעפּקע.

באַלד קומט אַן דזשעק, אַ בלאָנדער בחור, אַ נידעריקער, מיט אַ „דוירבי״, ממזר׳יש אַרױפגעזעצט אָף איין זייט קאָפּ. דאָס „דוירבעלע״ גיט אַ טאַנץ אונטער און זעצט זיך צוריק אָפן שפּיץ קאָפּ. דאָס האָט ער זיך באַגריסט.

דאַ גיבן זיך בײדע שװעסטער אַ נעם צו די „באַיעס״.

— דזשאָו, פּליעז, קנעפּל מיר צו די „װײסט״.

— דזשעק, דערלאַנג מיר די שיך.

דער הויכער דזשאָו בויגט זיך איין, און אומגעלומפּערט אַרבעטן זיינע צעהאַקטע פינגער, װאָס שאַרן זיך און שאַרשקען איבערן זייד װי ריב־אײזנס.

פלינק און לעבעדיק באַװעגט זיך דזשעק, װעלכער פילט זיך שוין הײמישער פון דזשאָו׳ן, כאָטש יענער האָט אים ניט לאַנג צוריק אַהער געבראַכט.

אַז מ׳איז שוין פאַרטיק, גיט מען אַ װאָרף אַזוי, פון דער טיר אין קיך אַריין:

— גוד נאַיט, פּאַ ; גוד נאַיט, מאַ. מיר גייען אין „לאָעס״.

און בײדע „באַיעס״ װאַרפן נאָך :

— גוד נאַיט פּאָפּ !

ראָזי בלייבט אַליין מיט די אָנגעװאָרפענע קלײדלאַך, קאַפּטלאַך, שיך, זאָקן, און אַ פולן טיש מיט שמוציק געפעס.

די מאַמע בלייבט זיצן אַ מידע, מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, און דער טאַטע פאַרענדיקט די װעטשערע . . .

ראָזי בלייבט שטיין אַ פאַרלוירענע, אינמיטן פון דעם איבער־געלאָזטן טומל, און ס׳פאַרקלעמט איר באַם האַרצן. ס׳פאַרדריסט איר, וואָס היינט איז מיטוואָך אַף־דער־נאַכט, וואָס ביידע שוועסטער „גייען אוים" מיט „באָיעס" אין „לאָעס", און זי דאַרף זיצן אין הויז און טאָן די „דוירטי וואָרק". גייט אויף אין איר אַ רחמנות אַף זיך אַליין, זי הויבט אָן פּראָטעסטירן:

— איך קען ניט אַרבעטן אַזוי שווער. מאָרגן גיי איך זוכן אַ „דזשאָב", „דאַטס־אַל!"

— נו, גיי אויך אַ ביסל אַרונטער, — גיט עס שוין אַ ריר די מאַמע, — איך וועל שוין אָפּטאָן די אַרבעט.

אָפּן „סטופּ" בלייבט ראָזי שטיין.

„וואָס טוט מען?" — און אין געדאַנק גייט דורך: — פאַרוואָס „גייען די שוועסטער אוים" מיט „באָיעס", און זי ניט? — זי קוקט זיך אַרום, קוקט איבער דער לייִנג פון דער גאַס. אויך אַף אַנדערע „סטופּס" שטייען מיידלאַך. זיי וואַרטן אודאי אַף די „באָיעס". און אפשר שטייען זיי, ווייל זיי האָבן אויך ניט קיין „באָיעס"?

זי וועט גאָר אַריינגייען אין „לאָעס". אַליין? מיטוואָך אַף־דער־נאַכט?

פון דער פינצטערניש פון קאָרידאָר הערט זיך אַרוים אַ פרייליך וואָוילינגעריש פייפן. זי דערקענט, דאָס איז סעם.

אַז סעם דערזעט זי, גיט ער אַ ריס אַרויף זיין געקעסטלטע קעפּקע.

— העלאָו, ראָוז!

הויבט מען אָן ריידן.

גיט זי זיך אַזוי אַ זאָג:

— סיידי מיט בעקי׳ן זיינען „אויסגעגאַנגען" אין „לאָעס" מיט זייערע „פעלערס".

גיט סעם אַ צי אַרויף זיינע לאַנגע הויזן, וואָס ער האָט ניט לאַנג אָנגעטאָן:

— ווילסט גיין אין „לאָעס“, ראַז ? איך האָב היינט אָפּגענומען „פּעי“. זעקס דאָלער האָב איך געגעבן דער מאַ, און צוויי דאָלער פאַר מיר. קאָם אַן !

ראַזי׳ס האַרץ גיט זיך אַ צאַפּל.

די זיבעטע גאַס בלייבט אַליין מיט דער בענקשאַפט פון מיטוואָך אַף־דער־נאַכט.

דאָ און דאָרטן אַף אַ „סטופּ“, שטייט אַ מיידל אַ פאַרביינקטע. שטייט אַ בחור אַ פאַרביינקטער. איינע אַליין. איינער אַליין. מיטוואָך אַף־דער־נאַכט.

אין אַ זומער נאַכט

אַ זומערדיקע, הייס־שטיקנדיקע נאַכט. די ברענענדיקע זון האָט אַ גאַנצן טאָג געגליט די ציגל־שטיינער. שטאָל און אייזן פון די שטאָטישע מויערן, האָט צעגליט און צעפּאַרעט צעמענטענע טראָטואַרן און אַנגעסמאָליעטע שטיינערנע גאַסן.

איצט דעמפּט זיך אויס די שטיקנדיקע פּאַרע, צעגייט זיך איבער די גאַסן און קריכט אַריין דורך די אָפענע פענסטער אין די הייזער.

שלאָפן קען מען ניט. די לונגען לעכצן דורשטיקע נאָך אַ ביסל פרישע לופט — אָפּצופרישן און אויפצולעבן.

עס צאַפּלט זיך מיין קערפּער ווי אין אַ אַסטמאַ־אַנפאַל. אַלץ איז איבעריק; עס איז איבעריק און עס שטיקט דאָס בעטגעוואַנט, עס שטיקן די ווענט, דער דאַך, דאָס מעבל, די גאַסן; דער אייגע־נער קערפּער איז איבעריק. איצט ווילט זיך זיין גאָלע רוחניות, אַן קערפּער. זאָל זיך אַלץ צעשווימען, צערינען, צונישט ווערן: אַן פלייש, אָן ביינער, נאָר הוילע נשמה, ריינע נשמה. מען שוועבט זיך אַרום העט־העט אויבן, וואו די שטיקנדיקע פּאַרע פון שטאָט קען ניט צוקומען און מען געניסט פון פרישע פרייע לופט...

אַ גאַנצן אַף־דער־נאַכט האָב איך אַרומגעוואַנדערט אין די גאַסן, בין אַרומגעפאָהרען אַף טראַמווייען און הויך־באַנען צו פילן כאָטש אַ לייכט לופטעלע פאָכען איבער מיין מידן, פון היץ־אויס־געמאַטערטן פּנים.

איצט בין איך שוין מיד, און שלאָפן קען איך ניט.

זיץ איך באַם פענסטער, שטופּ דעם קאָפּ וואָס ווייטער אין דרויסן אַריין, שטרענג אָן אַלע מיינע חושים אויפצוכאַפּן דאָס מינדסטע ווינטל, די מינדסטע באַוועגונג פון דער גאַסיקער לופט.

איך בין שוין מיד און אויסגעמאַטערט פון אָנשטרענגונג. מיין קאָפּ טוט זיך אַ בויג לייכט אַף דער זייט און בלייבט אָנגעשפּאַרט אַף דער לינקער זייט פון פענסטער־ראַם. מיינע אויגן זיינען ברייט אָפן און זען אַלץ, — די אויערן פאַרנעמען אַלץ — אָן מיר.

די גאַס איז שטיל, אָפּגעלעבט, פאַרגליווערט אין היץ.

פון צייט צו צייט — טריט. טעמפּע טריט. לייכטע טריט. אַ געשטאַלט קומט אָן, טרעמפּ, טרעמפּ, געשטאַלט ניטאָ. און ווי־דער שטיל.

העכער און נידעריקער — אַ פּאָרל קומט אָן. ער מיט איין האַנט און אויגן אַף איר. זי — איינגאַנצן אין אים.

מיינע אויגן גייען נאָך נאָכן פּאָרל, אַריבער אַנטקעגן, פּונקט אַנטקעגן אַף יענער זייט גאַס.

דאָס פּאָרל איז שוין ניטאָ — נאָר די בליקן האָבן זיך איינ־געשטאָכן אַנטקעגן. אַריבערגעציטערט אין הארצן אַ שטילן ציטער און פאַרגליווערט געוואָרן.

ס'איז אַ גרויסע קראָם. פוןביידע גרויסע פענסטער שרייט אַראָפּ מיט גאָלדענע ווערטער „אונדערטייקער", און אונטן איז צו־געגעבן: „באַלזאַמירן קערפּערס — אונזער ספּעציאַליטעט".

די קראָם איז גרוים און הויך און טיף. דער דיל איז אָפּגע־ווענקסלט און גלאַנצט מיט זיין טונקעלער רויטקייט. דער הינטער־גרונט איז דראַפּירט מיט שוואַרצן. בײַ די זייטן — ווייך־געבעטע שטולן. אַף אַ דריי־פּיס, אין אַ ווינקל שטייט אַ ווייסער גיפּסענער מלאך מיט צענומענע פליגל און קוקט אַ פאַרגליווערטער אין דער טונקלקייט פון צימער.

אין מיט־צימער, אַף אַ פּאָר בענקלאַך, עטוואָס אין דער קרום, ליגט אַ לאַנגער קאַסטן, אויבן ברייט און אונטן שמאָל. לעבן קאַסטן זיצט אַ מענטש — אַ פרעג־צייכן, מיט אַ געל־וואַקסן פּנים.

דאָס טונקעלע ליכט פאַלט פון איינציקן ראָזן עלעקטרישן לעמפּל און ציטערט אָפן וואַקסענעם פּנים פון דער זיצנדיקער פיגור, און אָפן לינקן פליגל פון גיפּסענעם מלאך.

איך וויל אַפּרייסן די בליקן, נאָר ווי שטענדיק, ווען מען זעט אַ זאַך, וואָס מען וויל ניט זען, ציט עס אַף להכעיס יאָ צו קוקן. אַזוי האָט עס מיך געצויגן. האָב איך פאַר׳עקשנ׳ט זיך איינגעגראָבן מיט די בליקן און דורך דער גלעזערנער טיר און פענסטער אַלץ דורכגענומען.

פון דער טונקלקייט האָט זיך אַ הויב געטאָן די פיגור מיטן געל־וואַקסענעם פנים און מיט די הענט, פאַרלייגט אַף הינטן, גענומען שפּאַצירן אַהין און צוריק איבער דער שמאָלער טעפּיד־סטעזשקע, וואָס האָט זיך געצויגן פון אַריינגאַנג אַוועק אין הינטערגרונט. די געשטאַלט האָט זיך געדרייט אַהין און צוריק עפּעס מיט אַ מין פאַר׳עקשנ׳טקייט.

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך אַוועקגעזעצט אַפן נאָענטן בענקל נעבן לאַנגלאַכן קאַסטן, און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ נידעריק.

...האָט זיך פון קאַסטן געגעבן אַ הויב די דעק און ס׳האָט זיך אַרויסגעהויבן אַ וואַקסן פּנים, זיך געהויבן העכער און העכער — און די אויגן צו מיר. האָט זיך געדאַכט, אַז ס׳וועט זיך באַלד אַ הויב טאָן נאָך איינער און נאָך איינער און ס׳וועלן זיך אָנהויבן ווייזן וואַקסענע קעפּ איינער נאָכן צווייטן. מחנות גאַנצע. זיי וועלן אָנפילן דאָס צימער, אַרויס דורך טיר און פענסטער און אָנפילן די גאַס. ברר...

מיט אַמאָל האָט זיך דער לאַנגער קאַסטן געטאָן אַ הויב און אַ שטעל אַוועק. דאָס וואַקסענע פּנים — אַף בייגער־קנאָכן. קליק־קליק, קליק־קליק, דורך דער טיר, ניט עפענענדיק זי, און גלייך איבער דער גאַס, און גלייך צו מיר, נאָענטער, נאָענטער. מיינע ווייטע בליקן, וואָס האָבן פריער דערגרייכט איבער דער גאַס, זיינען קירצער געוואָרן. איינגעגראָבן אין וואַקסענעם פּנים, וואָס דערנאָענט זיך, ווערן זיי קירצער און קירצער... איך פיל שוין דעם אָטעם, דעם בית־הקברות־אָטעם... עס ווערט מיר ענג אין האַלז...

שטאַרקע ביינער־הענט שטיקן... פּאַר — — — וואָס — — — — פּאַ — — —

איך האָב אויפגעצאַפּלט —

און בין געבליבן רואיק.

די פיגור מיטן וואַקסענעם פּנים איז נאָך אַלץ געזעסן איינגעבויגן נעבן קאַסטן, און די שטילקייט אַרום איז שטילער געוואָרן.

נעבן רעכטן פענסטער פון „אונדערטייקער", באַם אַריינגאַנג פון לאַנגן שמאָלן קאָרידאָר, איז געשטאַנען אַ פּאָרל אָרומגענומען.

זיין האַנט האָט זיך, ווי איבער גלאַטן סאַמעט, אַרונטערגעגליטשט פון איר פּלייצע. עפּעס אַ באַוועגונג פון אירע ליפּן האָט אים אָפּגעווייטערט אַ פּאָר טריט. וואָרט מיט וואָרט האָט זיך ווי שווערד מיט שווערד געגומען שאַרפן. מיט אַמאָל האָט ער זיך געגעבן אַ האַסטיקן דריי און אַ יאָג. איז זי נאָך אים, פאַרוואָרפן אירע הענט אַרום זיין האַלז, זיך איינגעקלאַמערט און ניט אָפּגעלאָזט — געוואָלט מיט דער משא אים ברעכן. צי מיט דער נאָענטער וואַרימקייט צעשמעלצן.

ער האָט מיט פיל אָנשטרענגונג צעריסן אירע הענט, און זיך באַפרייט. ער האָט זיך געבייזערט אויף איר. זי האָט זיך געבויגן אונטער זיינע ווערטער, ווי ער וואָלט זי מיט אַ בייטש געשמיסן. און זי, מיט אויסגעשטרעקטע הענט, ווי אין אַ געבעט, האָט זיך באַ אים געבעטן און זיך פאַרענטפערט.

ער האָט ניט געוואָלט הערן, און געוואָרפן זיינע שטעכיקע, ווייטאַקדיקע רייד צו איר. זי האָט זיך געצויגן צו אים, געוואָלט אים אַרומנעמען, איינקלאַמערן אים אין אירע אָרעמס. ער האָט זיך געוועריט, אַ וואָרף געטאָן די לעצטע ווערטער און איז שנעל אַוועק.

זי איז געבליבן מיט אויסגעשטרעקטע הענט, ליידיקע, און געבליבעט שטיל. אָנגעשפּאַרט אָן דער טיר־ראַם, האָט זי געקוקט, ווי ער פאַרשווינדט אין דער נאַכט.

ווער ווייס, וואס זי האט געטראכט?

א שכור איז פון ערגעץ אנגעקומען. א שאקלענדיקער, האט ער זיך געזונגען עפעס א לידל און אלע ווײלע עפעס ארויסגע־בורטשעט. אז ער האט דערזען דאס מיידל, איז ער געבליבן שטיין, האט זיך א וואקל געטאן אהין און צוריק, א מאך געטאן מיט דער האנט אין דער געדיכטער לופט און ארויסגעזייט פון צווישן די ציין:

— העי, קיה, ווארטסט אפן מילכמאן, צי אפן פאליסמאן? כע־כע...

די פיגור מיטן וואקסענעם פנים איז נאך אלץ געזעסן אױף איר פלאץ, ווי פריער.

באַדי

פון ביידע זייטן לויפן רחבות'דיקע טומלדיקע עוועניוס און אין מיטן, אַפּגעשניטן, אַ געסל, איינע פון אַ סך.

פון ביידע זייטן, געטוליעט שטייען הייזלאַך, דריי־פיר שטאָקיקע. עטלאַכע שטיינערנע טרעפּלאַך פירן אַ'ויף אויף קליינע גאַניקלאַך ווי באַן־פּלאַטפאָרמעס און אונטן, זייטיק, שוואַרצע אַרויס אייזערנע געגראַטעטע טירן.

אַ היימישער מענטש וועט באַלד דערקענען — מעבלירטע צימערן, אַ פרעמדער וועט באַלד דערזען אַף ווענט און פענסטער, קליינע שילדלאַך „מעבלירטע צימערן צו פאַרדינגען".

איז בערגער אַרויף אויף איינע פון די גאַניקלאַך און אַריינגעקוועטשט דאָס ווייסע קנעפּל. אין דער ליידיקייט פון קאָרידאָר האָבן זיך גלעקל־קלאַנגען דין־גרילצנדיק צעשאָטן. ס'האָבן זיך דערהערט שווערע טריט אַפּן ווייכן דיל.

— איר האָט אַ צימער? — האָט ער געפרעגט.

געענטפערט האָט אים אַ פאַרוואונדערטער פּנים מיט פרעגנדיקע אויגן.

די טיר האָט אים אַריינגענומען און זיך פאַרהאַקט.

ס'האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ געהיימע טונקלקייט. אין נאָז האָבן זעץ געטאָן און גענומען צופּן אַלטקייט און טרוקנקייט פון האָלץ און פּאַפּיר.

די קיילאַכדיקע שווערע קליבעס פון דער באַלעבאָסטע האָבן זיך שווער געהויבן אַרויף און אַראָפּ איבער די טרעפּ, וואָס האָבן געקרעכצט און זיך געוויגט אונטער דער שווערער משא.

בערגער איז שווייגנדיק נאָכגעגאַנגען.

פון א בינטל, אף א דראָט, האָט זי געקליבן שליסלען, גע־פּאָרקעט און געדרייט דעם שלאָס אַלע מאָל מיט אַן אַנדערן שליסל. דער שלאָס האָט זיך גע'עקשנ'ט און צום סוף זיך אונ־טערגעגעבן — א קליק, און די טיר האָט זיך געעפנט. א שטיק טאָג־ליכט האָט זיך ראַפּטאָם א וואָרף געטאָן אף דער פינסטער־ניש פון קאָרידאָר.

בערגער'ס אויגן האָבן גיך־גיך געוואָנדערט, מורא האָבנדיק אויסצולאָזן עפּעס. א בעט, א טיש, בענקלאַך, א קאַמין, עטלאַכע נאַרישע בילדער אף די ווענט: יעגער מיט שפּיר־הינט, אַן אויגן פאַרגלאָצטע מאַדאָנע און א נעגערשע חתונה.

אַלץ האָט געשמעקט מיט פּרעמדקייט, אַלטקייט, טרוקנקייט, עלנדקייט. א קעלט האָט געבלאָזן פון יעדן ווינקל...

די באַלעבאָסטע האָט זיך געקאַטשעט איבערן צימער, גע־פּראָכט, געהאַלטן זיך מיט דער האַנט אפן פּאַרשמאַלצטן הויכן בוזים, און צווישן די אויפגעלאָפענע פּידפּאַליק־באַקן האָבן די פּליגל פון דעם גרויסן נאָז געציטערט, ווי בא א גוסס'דיקן פויגל.

אַז די האַנט איז אַרונטער פון בוזים איבערצוציילן די גרינע שמאַטעדיקע פּאַפּירלאַך, האָבן זיךביידע באַקן א הויב געטאָן, נעגעבן א שווים אַרויף און בלויז צוויי קליינע שפּעלטעלאַך זיי־נען געבליבן דאָרטן, וואו עס זיינען פריער געוועזן אויגן — ס'האָבן זיך באַוויזן ווייסע געזונטע ציין — עס איז געווען א שמייכל.

פאַרנאַכט האָט שוין נאָך א מעבלירט צימער געלויכטן. פּעק־לאַך מיט צעוואָרפענע זאַכן. ערשט איצט האָט ער גוט אַרומגע־קוקט דאָס צימער און געזען א שוואַרצן פאַררויכערטן סופיט. אַלטע פאַרגעלטע שפּאַליר, מיט טונקעלע און ליכטיקע פלעקן. דאָ און דאָרטן איבער א ליכטיקן פלעק, א נאָגל, זיכער פון א בילד, וואָס איז דאָרט געהאַנגען.

א פּרעמדקייט ווי א קעלט האָט איהם אַרומגענומען. ער האָט פאַררויכערט א פּאַפּיראָס, א שטאַרקן צי געטאָן און מיט חשק

גענומען ארבעטן איבער די פעקלאך. ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אַף א פעקל אַלטע פאַרגעלטע בריוו, ארומגעבינדן מיט א בלוי שנירל. געוואָלט עס גלייך אָוועקלייגן. א טראַכט געטאָן און עס צעבונדן.

ווי פון צעריבענע האַרבסט־בלעטער איז אים פאַרגאַנגען א האַרבקייט אין נאָז.

ס'זיינען געווען פאַרוועלקטע געלע בלעטער פון א פאַרגאַנגע־נער פרילינג־ליבע און אַז ער האָט זיי אָנגערירט, איז זיך דאָס האַרץ פאַרגאַנגען ווי האַרבסטיקע קופּער־בלעטער, ווען מען טרעט אַף זיי. דאָס פרעמדע, אַליין צימער האָט א שאַרפן שניט גע־טאָן.

ער האָט א כאַפּ געטאָן ס'פעקל און געוואָלט א ריס טאָן — איינמאָל א ריס און זאָל ניט בלייבן קיין דערמאָנאַכץ. ער האָט עס אָבער ניט געטאָן און געלייגט צוריק דאָס פעקל, מיטן בלויען שנירל — זאָל עפּעס האַלטן פאַרבונדן.

אַפן נייעם געלעגער האָט זיך ניט געשלאָפן. האָט ער זיך גע־דרייט אַהין און אַהער, געטריבן פון זיך געדאַנקען, בילדער, אויפ־געשוואָומענע אין דער בלויער טונקלקייט פון צימער, פאַרדריקט די אויגן־לעדלאַך, נאָר ס'האָט זיך פאָרט ניט געשלאָפן.

ער האָט דערהערט, נעבן הויז, שטעלט זיך אָפּ אַן אויטאָ־מאָביל מיט א פאַרהאַקטן קריץ. ער האָט אַזש געזען דעם קריץ אַפן אַספאַלט פון גאַס. עס האָט זיך דערהערט אַן איינגעהאַל־טענער פייף, ווי מען וואָלט אים אַרויסגעלאָזט און באַלד חרטה געקראַגן. דער פייף איז געווען ווי פון א וואויל־יונגעריש מויל. באַלד איז געקומען אַן אַרויפרוף ערגעץ אין דער הויך. ס'האָט זיך אָנגעקלאַפּט אין פענסטער, ניט שאַרף. דער ערשטער בוכשטאַב פון וואָרט אָדער נאָמען איז ניט געווען שאַרף. אין גיהער האָט געקלונגען „דאַדי”, „דאַדי”, זינגענדיק.

דער זייגער מיט די צוועלף קוועקזילבער־ציפערן אין ראָד האָט זיך געליכטיקט אין דער טונקלקייט פון צימער און געוויזן צוויי.

דער שלאָף איז געקומען אומגעריכט. בערגער איז פאַרלאָרן געגאַנגען.

אויפגעכאַפּט האָט ער זיך ווען שפּעטער טאָג האָט איהם אָפּגעגאָסן מיט ווייסער זילבער ליכטיקייט.

מיטן האַנטוך, ווי אַ שטיק ווייסקייט פון טאָג, פאַרוואָרפן איבערן אַקסל, האָט ער זיך געלאָזט צום באָד־צימער. געגאַנגען איז ער ווי דורך אַ קאָרידאָר פון אַ שפּיטאָל, האָט שטיל געטראָטן איבער די אַלטע פאַרפלעקטע און אויסגעריבענע ווייכע סטעזשקעס. ווייל אַלץ האָט געסקריפּעט פון אַלטקייט, האָט ער זיך אַלע ווײַלע פאַרכאַפּט און נאָך שטילער געטראָטן. פון דער צווייטער טיר איז אַרויס אַ מיידל אין אַ קימאָנע, העכער האַלב פּנים פאַרדעקט און אפשר האָט זיך אים נאָר אויסגעדאַכט, ווייל דער וועג איז שמאָל. ער האָט זיך געשטופּט צו די שטאַכעטן פון קאָרידאָר, און זי, צו דער וואַנט און ס׳וואָלט געוועז חוצפּה׳דיק אַרײַנצוקוקן יענעם אין פּנים. אָט אַזוי ווי ס׳גיט זיך אַ הייב אַן אַ חלום און מען כאַפּט זיך גלייך אויף. אין זכרון בלײַבט ווי אַ בלייפעדערכתב, וואָס איז לאַנג געלעגן אין קעשענע. עפּעס איז יאָ געשריבן, נאָר וואָס ווייס מען ניט. איז אים אין זכרון, אָדער אפשר גאָר פאַר די אויגן געבליבן, דוכט זיך, אַ טונקעלע קימאָנע, אַ שניט האָר, אינגליש פאַרשייט און אַ שאָטן פון אַן אויג.

* * *

אין הויז פון „מעבלירטע צימערן" זיינען געשטאַנען ליידיק עטלאַכע צימערן. איז די באַלעבאָסטע געווען גוט, געכאַפּט אַ שמועס מיט די „באָרדערס", ווען זיי האָבן אַרונטערגעבראַכט דירה־געלט, אָדער געקומען פרעגן אַף בריוו.

ווען בערגער איז אַרונטערגעקומען, איז די באַלעבאָסטע געווען פאַרטאָן אין אַ לעבעדיקן, געשמאַקן שמועס מיט צוויי אַלטע מוידן. איינע מיט ברילן און אויבערשטע ווייט־אַרויסשטאַרצנדיקע ציין. די צווייטע, אַ דאַרע מיט אַ פּאַיאַציש ווייס פּנים, ווי ערשט איינגעטונקט אין אַ זעקל מעל, לאַנג און אינגליש־מאָגער.

זיינע אויערן האבן אויפגעכאפט:

— די טיר מאכט זיך בא זיי ניט צו. מען גייט ארויף און אראפ, א גאנצע נאכט. די טרעפ האלטן אין איין סקריפען.

די מיטן מעליקן פנים האט מיט אויפגעבליצטע אויגן גע־טענה'ט:

— זי, באדי, איז די גאנצע מאכערקע. אלע רופן נאר זי, נאר אף איר פרעגט מען זיך.

זיי זאגן, אז זיי טאנצן אין א טאנץ־זאל אין דער הונדערט און פינף און צוואנציקסטער גאס. אף בילעטן טאנצן זיי. וואס מער בילעטן, אלץ מער פראצענטן קריגן זיי.

— ווי קענען זיי טאנצן? זיי זיינען דאך אזוי אויסגעמא־טערט.

גיט א סטארטשע די מיט די ציין:

— באנאכט פוצט מען זיך צו. פארב און קאלך פארדעקט אלץ.

— פון אזעלכע פארדינסטן קען מען טראגן פוטערנע מאנט־לען? פון בילעטלאך מאכט מען אפשר צוויי דאלאר א נאכט.

גיט די באלעבאסטע שעלמיש א ווונק מיט אן אויגל, וואס קוקט אויס, ווי א שווארץ פינטל אין א שיסל מילך.

— זיי פארדינען מערער ליגנדיק ווי טאנצנדיק, כי־כי־כי. — און אלע שיסן אויס מיט א געלעכטער. בא דער באלעבאסטע טרייסלט זיך אזש דער הויכער בוזים ווי א שטיק כאלאדעץ.

בערגערן דוכט זיך, אז די אלטע מוידן פארדעקן זייער קנאה מיט דעם איבערגעטריבענעם געלעכטער. אין מוח בא זיי פלא־נעווועט זיך עפעס אנדערש.

דערזעענדיק בערגערן, גלייכט זיך די באלעבאסטע אויס, ווערט ערנסט, געשעפטסמעסיק.

— איך וועל זיי מאכן צו „מופן", די שכנה קלאגט זיך, אז מען טומלט שפעט אין דער נאכט, מען פייפט און מען רופט. זיי קענען מיר אנמאכן צרות. איך וועל זיי נאך היינט זאגן.

און ווענדנדיק זיך צו בערגערן:

— מיסטער בערגער, איר הערט ניט קיין טומל באנאכט?

— יא, איך הער טאקע, ווי מען פייפט באנאכט, מען רופט עמיצן. איך האב ניט געוואוסט וואס דאס איז.

— ס'זיינען אייערע שכנים. די צוויי מיידלאך. די וואס מען רופט איז באדי. איר האט זי שוין געוויס באמערקט.

איצט האט בערגער געכאפט דעם ריכטיקן אויסבייט פארן ערשטן בוכשטאב, ניט דאדי נאר באדי.

איז ער שוין ארויס מיטן נאמען באדי אין די אויערן און א פלאטער אין הארצן.

* * *

האט ער שוין רעגנדיק געוואָרט אויפן האסטיקן קריץ פון מאשין —

— באדי! באדי!

האט רעגנדיק געציטערט דורך די שויבן און ציטעריק גע־פלאטערט צו זיינע אויערן.

ער איז פארזיכטיק צו צום פענסטער, ארויסגעקוקט. דער גאס־לאמפ פונקט אנטקעגן פענסטער — האט ער נעבן אויטאמאביל געזען א קעפקע אדער צוויי, געזען פון וואנען עס רייסט זיך דער איינגעהאלטענער פייף, דער זינגנדיקער רוף „באדי", געזען און געהערט דעם קלאנג פון שליסל, געהערט, ווי די גאסן־טיר סקריי־פעט־אויף און פארהאקט זיך און געהערט דאס סקריפען פון די שטיגן.

דורך דער וואנט האט זיך געהערט איינגעהאלטענער געררו־דער, רוקן פון בענקלאך, אן אויספלאץ פון געלעכטער, א ראז־ציטערדיקער, א ליידנשאפטלאך־פריידיקער.

נאך אנגעשטרענגטער צוהערן זיך — ביז קאפ־שווינדל, האט אויפגעריסן אין איהם א בענקשאפט, ווי א בלאטער, זיך צעגאסן איבער זיין גאנצן איך, און געיאגט דאס בלוט, דאס היציקע.

מיט געזשמורעטע אויגן אין נאכט־בלויקייט פארלירט ער זיך אין זיך.

זעט ער:

א גרויסער, ווי א קאזארמע, טאנץ־זאל. דער נעגערשער אר־קעסטער אף א קליינער בינע רעוועט, פארגייט זיך, צעברומט זיך צעפויקעט זיך, צעגיסט זיך, צעלאכט זיך און כשופ׳ט און דרייט די פארלאר.

ברוסט צו ברוסט, קערפער צו קערפער צעהיצט און געטוליעט, באקן ברענען באקן, פיס ציטערן פון באריר פון פיס, פנימ׳ער פאר׳חושכ׳טע, פארפלאמטע, פארטייעטע, פנימ׳ער בלאסע, אויס־געצויגענע, מיט שפיציקע נעזער און אויפגעפלאטערטע אומהיימ־לאכע אויגן. אין די קעפ געדאנקען אויף בעטן צעטאלטע, אויף קערפערס צעפלאמטע. נאר פיס טאנצן, דרייען זיך אליין אנ׳ם באלעבאס.

אויפגעשפיצטע בריסטלאך, פון שלאנקע מיידלאך אריינגע־טוליעט צום בחור, ציען־מיט די קערפערס בויגיקע, און בעטן זיך: נעם מיך אריין, בחור, איך בין אינגאנצן דיינע. (פיס דרייען זיך, שפילן נאך דעם שפיל פון אויבן).

דער בחור דריקט פעסט שמאלע פלייצע, ברעכט מיידל ווי שטרוי: אריין, אריין מיידל, אינגאנצן אריין. (פיס שפילן נאך דעם שפיל פון אויבן).

מענער שטופן בילעטלאך אין באדי׳ס הענט:

— מיין טאנץ, מיט מיר טאנץ.

א פליכעוואטער מנוול׳ניק — האט זיך באזארגט מיט א גאנצן דאלאר בילעטן. זי געקויפט פאר עטלאכע טענץ מיט אמאל.

נאר דער אלטער וויל ניט טאנצן. ער וויל די צייט פון טענץ אויסזיצן מיט איר בא א טישל.

באַדי מוז שמייכלען און זיצן.

דער אַלטער מנוול קריכט מיט אַדערדיקע ציטערדיקע הענט אויף באַדי'ס שמאַל הענטל. בי־בי־בי.

באַדי מוז שמייכלען און זיך לאָזן גלעטן.

מיטן אַלטן שלאָגט אָבער באַדי באַלד כפרות. — אַהיימגיין מיט אים, אַ מכה!

מיט יונגע סוד'עט זיך באַדי. שעפּטשעט זיי געלעכטערדיק אין די אויערן און שפּעטער קומען זיי און פּייפן אַרויף און זינגען אַרויף.

באַדי, אַ באַדי, יואו!

כאַפּן אונטער די שליסל און די שטיגן צו באַדי'ס צימער סקריפּען אַלע נאַכט.

* * *

אַף מאָרגן קלאָגן זיך די שכנים. בערגער הערט און שווייגט. נאָר אינוויניק, אין איהם, שווייגט ניט.

יעדע נאַכט זינגט בא זיינע פענסטער פלאַטערדיק, ציטער־דיק, ווי אַ שטיל ליידענשאַפטלאַך שעפּטשען אין אַ מיידעל'ס אויער:

— באַדי!

— באַדי!

אונטן הערט ער רעדן וועגן באַדי'ן.

און אַז ער גייט אַראָפּ אין גאַס, גייט נאָך, נאָך זיינע אויערן — באַדי.

באַדי האָט פאַרנומען זיין גאַנצן איך.

באַדי — ווער איז באַדי? — איז געוואָרן אַן אייגענע, אַ נאָענטע.

— באַדי?

איז דאָס די, וואָס ליגט אין זיין זכרון, ווי אַ בלייפעדער־כתב אויף אַלטן פּאַפּיר? זיכער איז ער ניט.

נאָר באַדי איז אים נאָנט.
זיין גאַנץ בלוט זינגט: באַדי.
זיין גאַנצער איך שרייט: באַדי.
זיינע ליפּן מורמלען: באַדי.

אַז ער גייט פאַרביי איר טיר, פּלאַטערט זיין האַרץ, ציטערט דורך אַ רעגונג דורך זיין קערפּער.

דער נאַכטיקער געוודער אין באַדי'ס צימער, מענער־שטימען, פאַרשטיקט געלעכטער און דער נאָמען באַדי אַף אַלעמענס ליפּן, גיט אים ניט קיין רו.

אַז ער גייט פאַרביי איר טיר, איז גלייך ער וואָלט דורכגע־גאַנגען און זיך אַנגערירט אַן באַדי'ס זיידן־רוישיקער קימאָנע.

איינדערפרי, אַז די אַלטע נעגערטע, וואָס ריינעקט באַדי'ס צי־מער, לאָזט די טיר אָביסל אָפן, כאַפּט ער פאַרבייגייענדיק אַ פאַר־גנב'עטן קוק, שטייט אַ ווײַלע בלומרשט צורעכטמאַכנדיק דעם ראָק, קוקט קנאה'דיק אַף די צוויי שמאָלע בעטן, די קאָלדרע איז האַלב פאַרקאַטשעט, די מאַטראַצן איינגעטאָלטע, אין איינער פון זיי שלאָפט באַדי, אין איינער פון זיי... דורך דער חוט־השדרה ציטערט דורך אַן עלעקטערישער שטראָם. ער לויפט שנעל און רעש'יק אַרונטער די טרעפּ.

איינמאָל, ווען די טיר איז געווען ברייט אָפן, האָט ער אָפן טיש דערזען גלעזער, איבערגעקערטע ביר־פלעשער. האָט אויפגע־טויכט באַדי'ס נאַכטיקע הוליאַנקעס.

די נעגערטע האָט אַרונטערגעטראָגן אַ צעבראָכן ביינקל פון באַדי'ס צימער. די באַלעבאָסטע האָט עס צוגענומען און געזאָגט בערגערן:

— זיי רוען דאַרט ניט איין, די חברה.

בערגער איז שוין אַ גאַנצן טאָג ניט געווען רואיק. די באַקן, נאָענט צום מויל, האָבן אַלע ווײַלע נערוועז אויפגעציטערט. דער גאַנצער קאָפּ האָט געפלאַמט.

אויף מארגן האט ער זי שוין יא געזען. שוין זיבער זי.

פון אונטן האט די באלעבאסטע גערופן באדי'ן צום טעלעפאן. זי האט זיך אריבערגעבויגן איבער די שטאכעטן און געזאגט, אז זי קומט.

ער איז געגאנגען ארויף די שטיגן, זי ארונטער. איינס קעגן צווייטן.

ער האט דערזען שלאנקע שטייפע פיס דורך לייבלאך־דורכזיכטיקע זאקן. א ראז־געבלימלטע קימאנע און ס'האט פאר אים א בליאסק געטאן א ליכטיק־ווייס הארץ, פון האלז ארונטער ברייט און זיך פארשמעלערט, שמעלער און שמעלער, דורכשניידנדיק זיך דורך די צוויי קליינע שטייפע, ווי בארנעס אויפגעשפיצטע בריסטלאך, אויף ביידע זייטן. א פארריסן, חוצפה'דיק נעזל, אינגלשגעשוירענע שיקסל־בלאנדע האר און, דאכט זיך, בלויע אויגן. ניט געוואגט זיי גוט אנצוקוקן. זי איז אים פארביי, ער זי, און ער האט אוועקגעטראגן דאס געפיל פון אויסגעקנאטן ווייך טייג.

מער האט ער זי ניט געזען.

נאר געפילט האט ער זי מער ווי פריער. זי האט זיך ארומגעוועבט ארום זיין גאנצן איך.

באנאכט האט ער, ווי אלעמאל, געהערט דורך די שויבן „באדי“, געזען די קעפקעס אונטן און געהערט און געזען דאס פאלן פון שליסל.

נאר דער גערודער אין איר צימער איז געווען שטארקער ווי אלעמאל.

דורך דער וואנט האט דורכגעוויינט באדי'ס אויפרעגנדיקע שטים:

— איך וויל אייך דא ניט. קיינעם ניט.

א טעמפער קלאפ. א יאג. א פארשטיקט געוויין, א רעגנדיק געטומל.

ער איז ארויס אין קארידאר. באדי'ס טיר איז געווען האלב אפן.

זי איז געזעסן האלב נאקעט אפן בעט, דאס פנים איינגע־גראבן אין די הענט (ווידער ניט געזען דאס פנים). זי האט גע־שלוכצט. פיר מענער זיינען געשטאנען. צוויי האלב אויסגעטאן, דער אף דער שוועל אינגאנצן אנגעטאן, דער אנדער מיטן מאנטל אין האנט. זיי האבן געשמייכלט. די האלב אויסגעטאנענע, מיט מאדנע שמייכלען ליפן־זייטיקע, נארישע אין פארלעגנהייט.

— גייט — האט זי זיך פארצווייפלט געבעטן.

בערגער איז צוריק אריין צו זיך אין צימער. ווי מיט א בייטש האט עס אים ארומגעיאגט אויף און אפ.

אינדערפרי האט זיך אונטן געטומלט. די באלעבאסטע איז גע־שוואומען אין רייד. אפן טיש איז געשטאנען א האנט־רענצל מיט אן אפן מויל פון א קראקאדיל, און ווי בא א פערד דער שוים, האט דא ארויסגערונען רויט־שרייענדיק, רייצנדיק זיידן אונטער־וועש.

די באלעבאסטע האט זיך געטומלט. די פידפאלעק־באקן זיי־נען ארומגעשוואומען ווי אויף געגנזן־שמאלץ.

— וואס ס'האט זיך דא אפגעטאן באנאכט! אינמיטן נאכט איז זי אבונטער צו מיר, באדי, דער איטאליענער האט זי גע־סטראשעט מיט א רעוואלווער, זי ארומגעזוכט.

די צוויי אלטע מוידן האבן אויפגעלעבט, געשלעפט די זיידע־נע העמדלאך און הייזלאך לייכטע, דורכזיכטיקע, זיי געהאלטן אין דער הויך מיט צוויי פינגער.

די באלעבאסטע האט זיך ניט געקענט איינשטילן.

— איך האב עס ארונטערגענומען, זייער גאנץ פארמעגן. זיי וועלן קומען, וועלן איך זיי הייסן גיין, שוין.

די. כיט די אויסגעסטארטשעטע ציין, האט אויסגעצויגן דאס פנים.

— דאָס אַלץ וואָס זיי פאַרמאָגן?

די, מיטן מעליק־אינגליש פּנים, האָט אויפגעלעבט.

— וואָס דען, די חברה דאַרפן עפּעס. זיידענע אונטערוועש און אַ פּוטער אין גאָס. איין קליידל איז גענוג. אין הויז דאַרף מען גאָרניט...

בערגער איז אַ צעטומלטער אַרויף צו זיך אין צימער.

ווי פּילקעס זיינען צו די ווענט צוגעפּאַלן און אָפּגעשפּרונגען קלאַנגען: באַדי, באַדי.

באַדי איז שוין מער ניט געקומען.

נאָר אַף בערגער'ס ליפּן איז באַדי'ס נאָמען פאַרבליבן.

צוויי אזייגער באַנאַכט האָט דורך די שויבן ניט געקלונגען — נאָר אין די אויערן האָט געקלונגען, אין האַרץ האָט געפּלאַטערט און די ליפּן האָבן געמורמלט:

ב—אַ—ד—י.

מערי

מערי איז אויפגעוואקסן אין קאַרנוויל, אַ שטעטל פון איין לאַנגער גאַס מיט איין ריי הייזער, קאַזאַרמעדיקע, מיט הילצערנע טרעפּלאַך. דאָ און דאָרטן האָט זיך געפונען אַ קליין הייזל, נאָר ווי אַף להכעיס די קאַזאַרמעדיקע, האָט זיך דאָס הייזל אַ רוק געטאָן אַף הינטער אָדער אַ שפּרייז געטאָן פאָראויס, כדי צו צעשטערן די מאָנאָטאָנע גלייכגילטיקייט.

הארט באַם שטעטל האָט זיך געצויגן אַן אומגעהויער לאַנגער ציגעלנער מויער, מיט אַ סך פענסטערלאַך מיט גראַטעס, פון וואַנען ס'האָט זיך שטענדיק געטראָגן אַ הוּשעריי און גרילצענדיקע בייז-קייט — דאָס איז געווען די פאַבריק, פון וואַנען דאָס גאַנצע שטעטל האָט געצויגן חיונה.

גאַנץ פרי האָט די פאַבריק מיט גרילצעדיקן קוויטש גערופן פאַרכמורעטע, אַנגעבּרוגז'טע פּנים'ער, האָבן זיך געאיילט טאַטעס און קינדער; מאַמעס זיינען פאַרבליבן אין די קיכן באַ די אויוונס.

מיטאָג-צייט האָט די פאַבריק צעעפנט די טירן, און דאָס שטעטל האָט אויפגעלעבט. נאָכן עסן האָט יונגוואַרג געשפּילט באָל, און די באַיאָרנטע האָבן גערויכערט די פּיפּקעס אַף די הילצערנע לאַנגע גאַניקעס פון די קאַזאַרמע-הייזער.

איינס אַזייגער איז ווידער דאָס שטעטל פאַרשטילט געוואָרן, ביז זעקס אַזייגער, ווען דער לעצטער פאַבריק-פייף האָט זיך צעשפּרייט איבער די דעכער און איז פאַרלוירן געגאַנגען אַף נאַכטיקע פעלדער און אַף מאָרגן ווידער צוריקצוקומען.

שבת, איינס אַזייגער, האָט זיך דאָס גיהנום-פייפל פאַרמאַכט ביז מאָנטיק פרי.

האט דאס שטעטל זיך ארויסגעשיילט פון וואכעדיקער אנגע־צויגענער שטילקייט און אויפגעלעבט מיט דער פרייד פון רו־שעה'ן.

אפגעגעסן דעם שבתדיקן מאלצייט, האבן זיך די באיארנטע מענער, מיט גרויסע שטעכיקע וואנצעס, ברוינע פנים'ער און שווארצע אויגן, ארויסגעלאזט אף דער גאס און וואוויליונגעריש זיך פאר־מאסטן אין די שפילן: אייניקע האבן זיך פארמאסטן מיט קליינע הארט־געפלאכטענע שטריקענע רייפלאך אף אין דער ערד אריינ־געשטעקטע פלעקער. אנדערע האבן מיט הילצערנע באלן זיך פאר־מאסטן אף הילצערנע פלעשער.

די איינגערע האבן פארמירט א „טים" און געשפילט „בייס־באל".

די מיידלאך האבן זיך געפוצט און געגרייט צו דער נעקסטער „קאר", וואס וועט פארביילויפן דאס שטעטל און זיי אוועקפירן קיין ניובוירג, א גרעסערע שטאט, מיט דעפארטמענט סטארס, מיט אן „אקעדעמי און מוזיק" און „לאעם" טעאטער. דארטן וועט מען זיך ארויסלאזן אף „שאפינג", און ווען ס'וועט נאכט ווערן, וועט מען אריינגיין אין „לאעם" אדער „אקעדעמי" און לעבן א גוטן טאג.

די מאמעס זיינען אוועק מיט דעם מאנ'ס און קינדער'ס „ענ־וועלאפס" אין דער קאמפאני־קראם זיך אפרעכענען. דער גרעסטער טייל פון פארדינסט איז שוין דארטן פארבליבן, און דאס, וואס איז איבערגעבליבן, האט צוגענומען יעדן שבת דער פעדלער פון ניו־בוירג, וואס האט מיט זיינע רייצנדיקע סחורות זיי צוגעמאניעט צו קויפן.

דער פעדלער איז געווען א יונגער בחור, א שווארצער מיט קוטשמע שווארצע האר. אויסגעזען האט ער ווי אן איטאליענער. נאר אז ער איז אריינגעקומען א פאר מאל אין שטוב אריין, האט ער זיך אנגעגעבן פאר א איד. נאר אזוי ווי ער איז געווען ענלאך צו זיי, א פרעמדער אין א פרעמד לאנד, גלייך ווי זיי, און גערעדט האט ער א פרעמדע שפראך, גלייך ווי זיי, און ענגליש האט ער

גערעדט פונקט אזוי צעבראָכן, ווי זיי, האָבן זיי זיך געפילט היימיש מיט אים. א גאַנצע וואָך, אז מ'האָט געזען פאַר זיך דעם שבת'דיקן רו־טאָג, האָט מען שוין געזען דעם אידישן פעדלער אויך.

יעדעס מאָל האָט דער פעדלער ניט פאַרגעסן צו דערציילן, אז ער פאַרט קיין ניו יאָרק איינקויפן פריש־צאַפּלדיקע סחורה. א פּיסקל צום רעדן האָט ער געהאַט. אז געלט האָט זיך געלייזט, האָט זיך דאָס שאַרפע צינגל א לאָז געטאָן, און עס איז אוועק אַף רעדלאַך.

— ניו יאָרק איז א וואונדערבאַרע שטאָט, — ס'אַרא מויערן, רעסטאָראַנען, טעאַטערס, הימל־קראַצערס, פאַבריקן, דעפּאַרטמענט סטאָרס. היינט בראָדוויי, דער ווייסער וועג! א, באַי, שוין איינמאָל א שטאָט!

אז די מאַמע איז געשטאַנען מיט שיינענדיקע אויגן און זיך געשפּילט אין דער צעוואָרפענער כוואַליעדיקער סחורה אַף א ניי קליידל איז מערי געשטאַנען בא דער זייט, און פאַרכאַפּט זיך איינגעהערט און איינגעזאַפּט אין זיך די באַגייסטערטע רייד וועגן ניו יאָרק. פון דעם פעדלער'ס רייד האָט זי שוין געזען פאַר זיך די שטאָט, און דאָס האַרץ האָט זיך געצאַפּלט און געצויגן אַהין.

צווישן די איינוואוינער פון שטעטל האָט זיך מערי ניט געקענט איינגלעבן. זי, אן אַמעריקאַנערין, צווישן אזוי פיל פרעמדע.

דורך א צופאַל איז איר פאָטער אריינגעפאַלן צווישן די פרעמדע, וואו א חוץ דעם אויפזעער האָט זיך ניט געפונען קיין איין אַמעריקאַנער.

זי האָט עס שוין ניט איינמאָל געהערט פון איר פאָטער.

זיי האָבן געלעבט עטלאַכע מייל פון קאַרנוויל, געהאַט א גרויסע פאַרם, א צוויי־שטאָקיק הויז, שייערן, שטאַלן, געפירט באַלעבאַטיש־קייט — מיט אמאָל איז אַלץ מיטן פייער אוועק, האָט אָפּגעברענט ביז צום גרונט. פאַרזיכערט איז מען ניט געווען, איז כאַטש וואַרף זיך אין וואַסער אריין.

האט זיך דער פאטער געמוזט ארײנקלײבן אהער. געדרײנקט קומען צו א ביסל געלט און צו־זיך.

און אזוי ליגט מען שוין דא. וואס מ׳פארדינט, נעמט די קאמפאניע צוריק אפ.

מילא, דער טאטע מיט דער מאמען — פארפאלן. אבער זי, נײן! זי וועט ניט אפליגן אירע יארן מיט די פרעמדע דא. זי וועט אוועק קײן ניו יארק. זי וועט זיך שוין דערשלאגן צו עפעס.

און מערי האט געחלומ׳ט און געבײנקט און זיך געריסן. ביז אײנמאל איז אראפגעקומען איר׳ס א חבר׳טע פון ניו יארק און געבראכט דאס ניו־יארק׳ישע מיט זיך, האט מערי אויפגעהערט עסן, האט געהאלטן אין אײן װײנען; די מאמע האט אײנגעפאקט א פאר קלײדלאך, אפגעװישט א טרער, און מער׳ים הארץ האט זיך געצאפלט אין יאגנדיקן װאגאן און געלאפן שנעלער פון דער באן.

פארשװאונדן איז מיט אמאל דאס אײנגאסיקע שטעטל מיט דער פאבריק און קאמפאני־סטאר מיט דעם גאנצן מאנאטאנעם ארימען לעבן.

איר חבר׳טע האט געפונען פאר איר ארבעט אין א פאבריק פון פרויען־קלײדער.

מערי איז פארכאפט געװארן פון דער גרויסער פאבריק מיט די צענדליקע פענסטער, הונדערטער ארבעטער, „עלעװײטארס“.

די אכצן־יאריקע בלאנדינקע מיט שלאנקע בויגיקע גלידער און הימל־בלויע אויגן האט זיך געװיגט בא דער מאשין, װי א יונגע סאסנע.

נײט זיך אײנמאל ארײן דער באלעבאס קײעט דעם גראבן האװאנא־ציגאר, מיט אײן אויגל פארזשמורעט, און דאס צװײטע אויפגעריסן, קוקט ער ארום דער פאבריק און שטעלט עס אפ אף מערי׳ן. איבער די פעטע ליפן בליצט זיך דורך א שמײכל.

— א רעגעלע „סװיט סיקסטין“. װי קומט זי צו דער מאשין?

מיט א װאונק רופט ער צו דעם פארמאן. ער רעדט זיך דורך מיט אים, װײזנדיק מיט די אויגן אף מערי׳ן. מערי דערפילט עס.

א ווארימע רויטקייט פילט זי, פארגייט איבער די באקן, און דאס הארץ הויבט אן קלאפן האסטיקער.

דער פארמאן רוקט זיך צו צו איר מיט א שמייכל און רופט זי אריין אין אפיס. מערי גייט מיט א קלאפנדיק הארץ.

ביז זי קומט צו צו דער טיר פון אפיס, טויכן אויף פאר איר בילדער פון ראמאנען און „מואווים" וועגן שיינע מיידלאך, וואס רייכע מענער ווארפן אף זיי אן אויג, פארווארפן זיי מיט גאלד, פאלן צו זייערע פיס.

דער באלעבאס בעט זי זיצן און שמייכלט צו איר אזוי זיס, אז מערי'ס הארץ גייט אזש איין. ער ווייזט איר אן א שטול.

די טיר עפנט זיך אלע ווײַלע. עס קומען אריין און פארשווינדן מיידלאך שלאנקע, אנגעטאן אין זיידנס, אויסגעפוצטע, ערשט פון „ביוטי פארלאר" ארויס. אנדערע אין זיידענע, רווישיקע, ראזע אונטערוועש.

— וואס איז דיין נאמען ?

ער מעסט זי פון אויבן אראפ און פון אונטן ארויף.

— מערי, — ענטפערט זי מיט אראפגעלאזטע אויגן.

— הער זיך איין, מערי, אזא שיינע מיידל, ווי דו, דארף ניט זיצן בא דער מאשין. קענסט פארדינען מער בא א שענערער ארבעט, אט ווי די מיידלאך. דאס זיינען מיינע מאדעלן, גייען ארום א גאנצן טאג אויסגעפוצט, ווי ליאלקעס, און מאכן א שיין לעבן. מ'דארף נאר שכל האבן, ווי צו ציען א „באיער". פארשטייט זיך, אלץ מיט א „לימיט, יו נא !"

בוירדי, א פייערדיקע ברונעטקע מיט א לאנגלאך פנים, האט א שטורם געטאן דורכן אפיס.

— בוירדי ! — האט זי דער באלעבאס א רוף געטאן.

בוירדי האט זיך פלינק, קאקעטיש א דריי געטאן, א בויג געטאן גראציעז דעם קערפער.

— יעס, מיסטער סאקס.

— נעם מעריין אונטער דיינע הענט און מאך זי פאר א לייט. זי וועט זיין אלרייט.

מעריס הארץ האט זיך א צאפל געטאן. אזא אומדערוואַרטע־טע איבעראשונג. אט דאס איז דאס. איצט הויבט זיך עס אן, דאס ניו יארקער לעבן. א מאדעל אין א גרויסער פאבריק מיט זיידענע קליידער, מיט, מיט... איר הארץ האט געטאנצט אין איר.

איר אונטערבאוואוסטזיין איז געקומען צום לעבן. עס האט אויפגעטויכט א בילד, וואס האט זיך אפגעדרוקט דארטן, א בילד, וואס פעלט ניט אויס אין כמעט אלע פילם־בילדער, וואס מערי זעט:

— אין דער רייכער „שאו־רום" דרייט זי זיך ארום. זי איז אנגעטאן אין א וואונדערלאך שיין קלייד. א נייער „סטייל", וואס דער „דעזיינער" האט ערשט פארענדיקט.

זי שפאצירט ארום אף דער קליינער בינע, באגאסן מיט אלע־מאל־זיך־בייטנדיקע ליכט־עפעקטן.

עס זיצן ארום מיליאנערסקע מענער און פרויען און עסן זי מיט די אויגן.

א יונגער מיליאנער, א ספארט, זיצט נאענט צו דער בינע און לאזט פון איר די אויגן ניט אראפ.

זייערע בליקן טרעפן זיך אן, און דער קליינער קופיד לעכערט דורך מיט זיינע פיילן ביידע הערצער.

דער יונגער מיליאנער לאזט זי שוין ניט אפ. ער לאדט זי איין פאר „לאנטש" אין דעם גרעסטן בראדוויי האטעל.

און — אינמיטן אטלאנטיק שווימטט זיך רואיק א שיף. אפן שיף זיצט א פארל: מערי און דער יונגער מיליאנער. זיי פארן אף זייער „האנימון" קיין אייראפע — — — — —

— וואס חלומ'סטע, קיד? — קאם־אן!

מערי האט זיך א צאפל געטאן און דערזען בוירדי'ן לעבן זיך.

בוירדי האט זי גענומען אונטער אירע פליגל.

מערי האָט זיך שנעל אויסגעלערנט ווי אָנצוטאָן אַ קליידל אָדער אַ מאַנטל, ווי אַרומצושפּאַצירן איבער דער „שאָו־רום", ווען „באַיערס" זיינען דאָ. פּויל, נאַכלעסיק, ווי אַן אַריסטאָקראַטקע, זיך באַוועגן, בויגן דעם קערפּער קאָקעטיש, אַזוי, אַז יעדע באַוועגונג זאָל אונטערשטרייכן די ליניעס פון איר שלאַנקן, יונגען קערפּער. זיך גע'חנ'דלט, געקאָקעטעוועט און אָנגעצויגן די „באַיערס" „צום פּלאַצן".

מיסטער סאַקס, דער באַלעבאָס, האָט געמונטערט:

— אַזוי, מערי, דאָ איז דיר ניט קאַרנוויל. ווערסט אַמאָל אַריינכאַפּן אַ רייכן „באַיער", זיי נאָר ניט קיין יאָלד.

בוירדי, צו אַנאַנסירן דעם באַלעבאָס' „סטיילס", האָט מערי'ן מיטגענומען אין די רייכע נאָכט קלובן, קאַבאַרעטס, און פאַרוואָרפן ווערטער:

— מ'דאַרף ניט זיין קיין יאָלד. ס'איז דאָ גענוג „סאַקערס". אַז מיין „דעדי" ווערט מיר נמאס, קריג איך באַלד אַן אַנדערן. איך בייט זיי ווי אונטערוועש. כאַ־כאַ־כאַ.

מערי האָט אַ גלאָץ געטאָן די אויגן:

— האָסט אַ דעדי?

בוירדי האָט אויסגעשאָסן אַ שעלמישן געלעכטער:

— אַ כאַ־כאַ־כאַ. ווער ס'האָט אַ גרעסערן „ראָל", דער איז מיין „דעדי", פאַרשטייסט? דאַרפסט אויך זען קריגן אַ „דעדי". עטלאָכע „דעדים", טייערע. וואָס מער, איז בעסער, קיד!

מערי האָט אַ נעם געטאָן דאָס ניו יאָרקער לעבן באַ די הערנער. איז געוואָרן אַ שטערן, אַ ליבלינג. שוין ניט געהייסן מערי, נאָר מעגי.

אַ גאַנצן טאָג איז זי ווי אַ זומער־פייגעלע אַרומגעלאָפן איבער דער פאַבריק.

אין אונטערוועש, מיט אַ רייצנדיק ראָז זיידן העמדל, מיט קורצע הייזלאַך, האָבן זיך אַרויסגעוויזן ראָז־ווייסע פיס. גלאַטע רונדע אַקסל מיט קלאָרער ווייסקייט האָבן זיך פאַרשמאָלט איב־

מיטן מיט אַ שמאָל טיף ריטשקעלע און זיינען פאַרלוירן געגאַנגען אונטער די זיידענע אימפּאָרטירטע שפּיצן, מיט פרווילאַכן רייץ.

די אַרבעטער באַ די מאַשינען האָבן געבלאַנדזשעט איבער דער ווייסקייט פון איר לייב, זיך געפּלאָנטערט און געגליטשט העכער, איבער ווייסער גלאַטקייט פון פיס, געפינקלט מיט די אויגן און געציטערט מיט די ליפּן.

די אַרבעט איז געוואָרן אַ נערוועזע, אַ ציטערדיקע, און באַלד איבערגעריסן געוואָרן ווי מיט אַ שאַרפן מעסער.

— גע'הרג'עט זאָל זי ווערן, זי ברענט דעם שאַפּ.

— מ'קען מיט איר אויסקומען אַן אַ ווייב.

— ווינטער קען מען מיט איר ניט פרירן.

און מיילער האָבן זיך לאַנג ניט צוגעמאַכט, נאָך איר פאַרשווינדן צוריק אין „שאָו־רום".

אריינגעקומען צוריק אין „שאָו רום", איז זי געוואָרן אַן אַנדערע, געשמייכלט, גע'חנ'דלט זיך און אינזינען געהאַט אַנציען די „באַיערס".

ביינאַכט איז זי געגאַנגען איבער די קאַבאַרעטן און גע'שכור'ט ביז ווייסן טאָג.

דאָס געצוימטע בלוט פון פּוריטאַנישע דורות האָט אויפגעברויזט און איז אַרוים פון די ברעגן. האָט זי עס שוין ניט געקענט, און אפשר ניט געוואָלט צוימען.

* * *

אַ פרימאָרגן געווען.

די אַרבעט אין פאַבריק איז אין פולן אימפּעטיקן גאַנג. די מאַדעלן רוישן אַרום, קאַקעטעווען און בלישטשען מיט די אויגן און לייבער.

גיט זיך מיט אַמאָל אַ רייס־אויף די טיר — מערי איז דאָ! די האָר צעפּאַטלט, דאָס פּנים פאַרלאָפן, ווי אויפגעשוואָלן, אונטער די אויגן הייגנען שוואַרצע הייטלאַך, נאָכגעלאָזטע פון נאַכט־אַרגיעס:

— „היער אי עם באָס!“

דער באַלעבאָס ציטערט אויף:

— אַזוי שפּעט? וואָס איז דאָס? וואָס דיינקסטו איז דאָ?

מעגי צעלאַכט זיך מיט אַ שעלמישן שכור׳ן געלעכטער.

— „ווהאַט איז דהי מעטער, באָס? יו דאָנ׳ט לאַיק מי עני מאָר?“

באַם באַלעבאָס פלאַמט אויף דאָס פּנים. אַזוי פיל „באַיערס“ ארום.

דער גאַנצער אַפּיס האָט זיך אָפּגעשטעלט.

ער גיט זיך אַ צאַפּל, כאַפּט זי אָן בא דער האַנט און שלעפּט זי אריין אין אָפּיס. מעגי לאָזט זיך ניט, פאַר׳עקשנ׳ט זיך בא דער טיר.

דער באַלעבאָס גיט זי אַ שליידער אָפּ:

— נאַכט־מויד! טראָג דיך באַלד אָפּ פון דאַנען! דאָ איז ניט קיין פּלאַץ פאַר אַזעלכע, ווי דו!

מעגי ווערט פארגליווערט. דער פארטעמפּטער, איינגע׳שכור׳טער מח הויבט זיך אָן באַוועגן. מיט אַמאָל גיט זי זיך אַ גלייך אויס און הויבט אָן רייסן פון זיך די זיידענע קליידער.

— „היר, נאַ, בעסטערד“, נאַ דיר נאַכט־מויד! נאַ דיר זיידענע קליידער. נאַ דיר „באַיערס“. אַזוי, איך שטיי דיר שוין ניט אָן אָן? אפשר נישט דאָס זעלביקע פליישׁ, פיינער מענטש, וואָס דו ביסט, „יו דוירדי דאָג!“. אפשר נישט די זעלבע חן־גריבלאַך אין די קני? נאַ, קוק! שמוציקער הונט, איך בין דאָך געווען גוט צו דיינע „באַיערס“, אפשר ניט? האַ?

דער באַלעבאָס האָט געוואָרפן מיט די הענט הין און צוריק. רעדער האָבן זיך געדרייט פאַר זיינע פאַרלאָפּענע אויגן. ער האָט גענוצט עפּעס, און ניט געוואוסט וואָס, איז באַלד אַוועק און באַלד צוריק געקומען.

פיר געזונטע הענט האָבן זיך איינגעקלאמערט אין מערי'ן און געעפּנט מיט איר די טיר. די טיר האָט זיך צוריק פאַרהאַקט און אָפּגעהאַקט דעם טומל.

מעגי'ס יונג־געבראָכענער קערפּער איז געלעגן האַלב אָנגע־שפּאַרט אָן דער בלינדער קאָרידאָר־וואַנט. די פאַרגלעזטע אויגן צו דער טיר, די ליפּן טרוקענע, האָבן געהאַלטן אין איין מורמלען:

— „יו דוירדי דאָג! יו דוירדי דאָג!"

די אַרבעט אין פאַבריק איז געגאַנגען אין פולן אימפּעטיקן גאַנג.

ציגל

דער אַלטער, רחבות'דיק־צעלייגטער באַרג האָט זיך אָפּגערוקט עטלאַכע הונדערט פּיס פונם ברעג, כדי ער זאָל קענען פון דער־ווייטנס באַוואונדערן דעם בלויען, שפּילעוודיקן האַדסאָן. האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אַף באַרגיקער־פלאַך אַ שטעטל און זיך אַ נאָמען געגעבן — „קאַרנוויל".

אַפן קאַרק פון באַרג האָבן זיך אָנגעהאַנגען עטלאַכע הילצערנע, אַלט־גרויע שטיבלאַך, וואָס האָבן שוין קיין כח ניט געהאַט צו קלעטערן העכער און קיין ווילן צוריקצוגיין הינטער, קוקן זיי אויס ווי אַ גרופּע באַרג־קלעטערער, וואָס די הויכקייט און שיינקייט פון באַרג, האָט זיי אַרויפגעמאַניעט אויבן, נאָר אינמיטן קלעטערן האָבן זיי זיך צופעליק אויסגעדרייט און דערזען דעם וואונדערלאַכן האַד־סאָן און אַזוי פאַרגליווערט געוואָרן מיט צע'חידוש'טע אויגן — איז שווער צו זאָגן, צי זיי וועלן זיך באַלד אויסדרייען און צוריק אָנ־הויבן קלעטערן באַרג אַרויף, אָדער זיך נעמען יאָגן באַרג־אַרונטער, ניט קענענדיק איינהאַלטן די אייגענע טריט — אָט אַזוי־אַ וועלן זיי זיכער ניט בלייבן שטיין.

צופיסנס דעם באַרג, ווי צעשראָקענע נעגערס, האָבן זיך צו־געטוליעט איינגעשרומפּענע אין זיך, קאַסטן־שטיבלאַך, מיט פענס־טער לעבער פאַרבילמעטע מיט שמאַטעס און צעשראָקענע טירן ווי פליגל בא פאַרצווייפלטע פייגל.

האַרט באַם האַדסאָן, האָבן רעלסן־רייפן, מיט שטאָלענעם גלאַנץ, ווי קרעפּטיקע אָרעמס איינגעקרעמפּט דעם ברעג. עטלאַכע מאָל אַ טאָג זיינען באַנען פאַרבייגעלאָפן מיט ווילדער רציחה, אויפ־געריסן בא די ציגל־אַרבעטער די אויגן, אויפגעצאַפּלט אַ פרייד און איבערגעלאָזט אַ נאָגנדיקע בייזקשאַפט.

ס׳האָט זיך דורכגערעדט שטאָלענע חיה מיט נעגערשע אויגן.

שטאָלענע חיה האָט סנאָביש געבלאָזן און געריטשעט:

— ציצי־טאַ־טאַ אַט בין איך דאָ און אופאַ־טאַ־טאַ... ערגיץ ליגן שטעט, לעבן מענטשן... או! או! —

און נעגערשע אויגן האָבן געבליצט און געבעטן:

— נעם אונז מיט, אונזערע הערצער צאַפּלען זיך. שלעפּ אונז אַרויס פון דאַנען. פון קלעפּיקן ליים.

און מיסטער סמיטה׳ס בייזע שטימע האָט אַ קנאַל געטאָן ווי אַ בייטש:

— העי, דאָרטן, ניגערס, וואָס האָט איר זיך דאָרטן פאַרקוקט צו אַלדע שוואַרצע יאָר. גייט דאָרטן אָן מיט דער אַרבעט — און אַריינגעבורטשעט אין די שטעכיקע וואַנצעס — גאָט פאַרדאַמטע הינט שוואַרצע.

דער שטענדיק בייזער מיסטער סמיטה איז געווען דער אויפזעער איבער דער גרויסער ציגל־פאַבריק, וואָס האָט זיך רחבות׳דיק צעלייגט צווישן די רעלסן און די קאַסטנס־שטיבלאַך צופיסנס דעם באַרג.

אַט דאָ גלייך פאַר די נעגער שטיבלאַך, האָט מען דאָס ליים נעקנאָטן, און די פאָרמס געפּרעסט. אַביסל ווייטער האָבן ברייטע פלאַכע אויוונס די רויע ציגל געשלונגען און ביז רויטקייט געברענט.

ריזיקע דעכער אַף סליפּעס, ווי שוואַרץ־נאַכטיקע פליגל פון קראָען, האָבן די רויטע ציגל פון קאַפּריזנעם וועטער באַשיצט.

קעסטלאַך־וואַגאָנדלאַך, זיינען אַף שמאָלינקע רעלסן, ווי פּאָר קינדער־באַנען, געלאָפן אַהין און צוריק. ברוינע מוסקעלירטע הענט, פון זין צעבאַקענע, איינגעגעסן מיט ציגעלנעם שטויב, האָבן די וואַגאָנדלאַך אָנגעלאָדן און געשטופּט צו די פראַכט־וואַגאָנען, וועלכע זיינען געשטאַנען עטלאַכע הונדערט פים פון די אויוונס. אָדער צו די שווערע באַרזשן, וועלכע זיינען געשטאַנען אין קליינעם האַפן, צוגעבונדן מיט דיק־געפלאָכטענע שטריק און זיך געלאָזט וויגן פון די שטיפערישע האָדסאָן־כוואַליעס. נאָך די שווער־

געלאַדענע וואַגאַנדלאַד, האָבן זיך מידע פּיס אין רערן־הויזן נאָכ־געשלעפּט.

איבער דער גאַנצער געגנט האָט בייז געבייטשט מיסטער סמיטה׳ס בייזע שטים. און ווייל די היימען פון די נעגער־אַרבעטער זיינען געווען הארט בא דער גרעניץ פון פאַבריק, כמעט אינע־ווייניק — האָט זיין שטים געבייטשט ניט נאָר איבער די געבויגענע רוקנס פון די נעגער אַרבעטער, נאָר אויך איבער זייערע היימען. און האָט זיך אפילו אַרויפגעטראָגן העכער אַפן קאַרג פון באַרג, וואו ס׳האָבן געוואוינט די קליינע צאָל ווייסע אַרבעטער. העט־אויבן אַפן באַרג האָט זיין בייזע שטים ניט דערגרייכט.

* * *

די הייזלאַך און די געגנט אַרום האָבן געדרימלט אַ זומער נאָכ־מיטאָגדיקן דרימל. דער גאַנצער אַרום איז געווען פאַרמאַטערט פון שווערער באַטאָגיקער היץ, נאָר דער האָדסאָן איז פון אייגענער קילקייט געווען פריש און שטיפעריש, האָט ער די באַרזשען, אָנ־געלאַדענע מיט נייע ציגל מיט פרישער רויטקייט ווי אַ בעסאַ־ראַבער באַלעבאָס ערשט פון דער אויבערשטער באַנק אַרונטער געקיצלט אין די מגושמ׳דיקע זייטן. אַלעמאָל איז אַ נייע כוואַליע צוגעלאָפן, אַ קוש געטאָן דעם ברעג און אַנטלאָפן.

די אַרבעט אין דער ציגעלניע איז געגאַנגען שווער. עס האָט געבאַקן די זון און די אויוונס האָבן געגליט. די הייסע לופט האָט געמאַטערט. פון אייביקן ציגל־שטויב, וואָס איז געקראָכן אין מויל, אין די אויגן, אין די נאָז־לעכער און זיך איינגעגעסן אין די הויט, איז שווער געווען צו דערקענען די ווייס־הויטיקע פון די שוואַרצע. די שווערע, האַרעפּאַשנע אַרבעט און דער שטויב האָט אַרויפגע־צויגן איין הויט איבער אַלעמען. האָט אַלעמען אויסגעגלייכט —

די ברייטע אויוונס האָבן געשטרעקט פלאַמיקע צונגען און געריסן:

— ציגל, ציגל, ציגל!

און רוקנס האָבן זיך געבויגן, און ציין האָבן זיך אין גראָבע ליפּן געביסן, און הענט האָבן זיך געשטרעקט:

— נאָ, פּרעס און ווארג זיך מיט דיין מיסטער סמיטה׳ן צוזאַמען.

וואַגאַנדלאַך זיינען געלאָפן אויף־און־אָפּ, צו און פון די בּאַרזשן.

דזשים, אַ הויכער, געזונטער יונג, מיט ווייסע ציין און אַ טשופּ־רינע בלאָנדע האָר, וועלכע איז זיך שטיפעריש צעפאַלן אַפן שטערן, איז געגאַנגען געבויגן אַף פאָראויס און אונטערגעשטופּט אַ וואַגאַנדל אָנגעלאָדן מיט ציגל.

אַ נידעריקער, קיילעכדיקער נעגער מיט אַ צעפלעטשטער נאָז, איז געשטאַנען לעבן פאַרקנאָטענעם ליים און אָריינגעשאָרט די ברעגן, וואָס האָבן זיך צעגאָסן. אַז ער האָט דערזען דזשימי׳ן האָט ער זיך אויסגעגליכן, דערפילט פון דעם אַ ווייטאָג אין די קריזשעס, צוגעשפּאַרט די לאָפּאַטע צום בויך, זיך אָפּגעווישט דעם שווייס און אַ קלאַפּ געטאָן מיט די גראָבע, פליישיקע ליפּן צו דזשימי׳ן:

— ס׳אַ גהינום׳דיקער טאָג היינט, דזשים!

דזשים האָט זיך אויסגעגליכן, אַרויפגעוואָרפן די האָר פון שטערן אַפן קאָפּ:

— מיסטער סמיטה׳ן אַרט דאָס ניט. אַז ער בעס׳ט זיך אָן, לויפט ער אַוועק אין סאַלון זיך לעשן, דער בעסטערד.

— דאָט׳ס רייט באָי — האָט דער נעגער אַ פליעסק געטאָן מיט די ליפּן — גוט געזאָגט. הערסט דזשאַנסאָן — האָט ער אַ וואָרף געטאָן צום צווייטן נעגער וואָס האָט געהאָדאָוועט דעם אייוון — און צוריק צו דזשימ׳ן — און אַז אַן אונזעריקע גייט צו צום פּאָמפּ נאָך אַן עמער וואַסער, מאַכט ער גוואַלדן אַז מע צע׳פּטר׳ט צייט, אַזאַ הינטישער זון.

— אַז איר, ניגערס לאָזט זיך, מעג ער — האָט דזשים מיט אַ להכעיס־פייערל אין די אויגן אַ זאָג געטאָן — זייט ניט קיין גאָט־פאַרדאַמטע שקלאַפן.

אָפּגעזאָגט און אַוועק מיט מיט וואַגאַנדל.

— סעי, ניגער — האָט דער נעגער אַ רופגעטאָן דזשאַנסאָנען — וואָס ביסטו ברוגז? אַזאַ ווייסן האָב איך נאָך ניט אָנגעטראָפֿן, ער נעמט זיך אָן פֿאַר אונז ווי אַן אונזעריקער. ער לאָזט זיך ניט שפּייען אין פּנים אַריין און קען ניט ליידן וואָס מיר ציטערן אַזוי פֿאַר מיסטער סמיטה'ן. סעי, מיר איז קיין וואונדער ניט וואָס עוועלין איז אַזוי משוגע פֿאַר אים.

דזשאַנסאָן איז צוגעקומען און געזאָגט מיט איינגעהאַלטענעם כעס:

— אָט דאָס איז דאָך מיט אייך ניגערס, אַז איר דערזעט אַ ווייסן דרייט איר זיך אין דרייען.

— דזשים איז אַן אַנדערער. ער איז טאַקע אַ ווייסער, אָבער ער איז מיט אונז, אַן אונזעריקער. דו ביזט אייפערזיכטיק, קוקסט אַף אים מיט גרינע אויגן, דערפֿאַר רעדסטו אַזוי. יעס סיר.

עס זיינען צוגעקומען נאָך עטלאַכע אַרבעטער. איינער האָט אַ זאָג געטאָן צום בארעדעוודיקן נעגער:

— סעי, פּעט, וואָס רעדסטו וועגן אים. פֿאַר וואָס האָסטו בעסער ניט חתונה? זייט סערע האָט דיר דערלאַנגט מיט אַ פוס אין הינטן, דרייסטו זיך אַרום ווי אַן אַלטער קאָטער.

פּעט האָט זיך צעטרעסלט:

— יעד־יעד־יעד! איך חתונה האָבן? נאָ סערי. נאָ סערי. אַ ניגער טאָר ניט חתונה האָבן. פֿאַר וואָס זאָל אַן אַנדער ניגער שלאָפֿן מיט מיין ווייב, אַז איך קען שלאָפֿן מיט יענעמס! יעד־יעד־יעד!!

אַ הויכער אויסגעדאַרטער נעגער איז צוגעקומען. מיט אַן אויסגעצויגן פֿרום פּנים, האָט ער גענומען רעדן, ווי ער וואָלט תפילה געטאָן:

— און איך זאָג, ברידער, ניגערס דאַרפֿן ניט חתונה האָבן. צו וואָס חתונה האָבן און בריינגען קינדער אַף דער וועלט? וואוינען אָט דאָ אין ציגל־שטוב, אונטערן באַרג אין מייז־לעכער, מיט קעסטלאַך פֿאַר מעבל און שמאַטעס פֿאַר קליידער. ליגן אין רעגנ־

דיקע טעג אין די נארעס און ארויסקוקן אפן פאר'חושכ'טן ווינקל דא און בעטן גאט אף זוניקע טעג, מען זאל קענען ארבעטן, און מיסטער סמיטה זאל שרייען אף אונז ווי אף עקלדיקע שרצים און זיך זייפן די הענט, נאכדעם ווי ער דערלאנגט איינעם פון אונז א קלאפ. איך זאג, ניגערס, מיר טארן ניט חתונה האבן, מיר טארן ניט ברייננען קיין קינדער אף דער וועלט. גענוג וואס די ווייסע פארמאטערן אונז, אויב אונזערע קינדער קענען ניט אויפוואקסן קיין פרייערע מענטשן פון אונז, דארפן זיי ניט געבוירן ווערן.

דזשים איז ראפטאם צוגעקומען:

— און איך זאג: ניין. ניט דאס איז דער וועג, ניט אפ־שטעלן אייער לעבן. נאר קעמפן! איר הערט, קעמפן! זאלן זיי אפשטעלן, די סאנאוואביטשעס. אט פריווט איינמאל זיך ניט לאזן שפייען אין פנים אריין און איר וועט הערן גאר אנדערע רייד.

— וועט מען ארויסווארפן ווי די גע'פגר'טע הינט, און אראפ־ברייננען אנדערע, פארלאזט זיך אף מיסטער סמיטה'ן —

דזשימ'ס פנים האט זיך פארענדערט, די אויגן האבן געשפריצט מיט פייער־רויטע שטיקלאך ציגל:

— ניגערס, איר זייט גאט פארדאמטע, געבוירענע שקלאפן. האט איר קיין ביסל שטאלץ ניט אין זיך? באליידיקט ווערן, ווארטן אף שיינע טעג ווען מ'עט קענען ארבעטן, פארדינען א קרענק און לעבן הינטיש.

— וואס קען מען טאן, דזשים?

— גאר ניט טאן, אט זאל ער מאכן די ארבעט. גיסט נאך אזוי און אזוי — איז גוט, א ניט — ארבעט מען ניט.

— וועט מען ברייננען סקעבס!

— וועט מען געבן קלעפ. וואס האבן מיר צו פארלירן? לאמיר ניט זיין קיין קנעכט. צוזאמען און מיר וועלן זיגן.

פונוויטנס האט איינער דערזען מיסטער סמיטה'ן. אלע זיינען אוועק צו זייער ארבעט.

סמיטה איז צוגעקומען. זיין ברייטן מגושמ'דיקן קערפּער האָט ער געשטופּט פאַראויס, זיין רעכטע האַנט, מיט וועלכער ער האָט געהערשט איבער די אַרבעטער, איז געווען פאַרדרוקט אין אַ מגושמ'דיקער פויסט.

— העי, נינערס — האָט זיין שטים געגומען בייטשן מיט אַ הייזעריקן פייף — וואָס האָט איר זיך דאַרטן צעוואַרטשעט?

די האַנט האָט אים געביסן צו פאַרפאַרן עמיצן אין מאָרדע.

אונטער געבויגענע רוקנס האָבן זיך קעפּ פאַרגראָבן אין דער אַרבעט.

נאָר מיסטער סמיטה'ס גראָבער מגושמ'דיקער גוף, פאַרגאָסן מיט פעטקייט, האָט ניט צוגעלאָזט צו זיין בייז האַרץ, די גיפטיקע שנאה'דיקע בליקן. דערפאַר האָט ער זיי ניט געפילט.

* * *

ס'איז געווען אַ וואונדערלאַכע זומערנאַכט. אויף אַ באַרזש, פאַרלייגט מיט ציגל, זיינען געזעסן די נעגערס. די באַרזש האָט זיך געהוידעט און זיי צוגעוויגט צו די טענער פון האַרציקן ליד. וואָס האָט זיך געצויגן ציטערדיק — געצערטלט פון אַ יונג-נעגערשן האַלז. אפן האַדסאָן זיינען עקסקורסיע שיפן, ווי פאַר'כישופ'טע פּאַלאַצן געשוואומען. גאַרן אף גאַרן האָבן שורות עלעקטרישע לאַמפּן געמאַניעט מיט אַלערליי קאָלירן, פון די פאַר'חלומ'טע ליכט, ווי זשמורענדיקע קעצישע אויגן, זיינען לידער אַרויסגעשוואומען און זיך אַנגעשלאָגן אין די בערג. די בערג האָבן קלאַנגנדיקע עכאָס צוריקגעוואָרפן; די שפּילעוודיקע כוואַליעס האָבן זיי אויפגעכאַפּט, זיי צוריק געקייקלט צו דער שיף און איינגעוויגט די פאַרלאַך וועלכע האָבן האַלז אף האַלז, ווי פערד וואָס חבר'ן זיך, פאַרוואָרפן, געוואָרן איין — און פאַרלוירנגעגאַנגען.

אַז אויסגעשטערנטער הימל, האָט זיך ווי אַן איבערגעקערטער קופּאל געוויגט אין דער טיפעניש פון האַדסאָן און אפן וואַסער-פלאַך, האָט אַן איבערגעקערטע שיף מיט רייען אַנגעצונדענע פענס-טער מאַיעסטעטיש געשניטן דאָס טונקל-בלויע וואַסער.

דער יונגער נעגער האָט געצויגן און געציקלט די טענער און די אַנדערע אַרום האָבן אויפגעכאַפּט און האַרמאָניש געצויגן דעם ניגון:

Oh Down —
Oh Down,
Mammy Wanna Take Me Downa Milky Way,
Oh Down —
Oh Down,
Pappy Say To-Morra-a-a-ah !
But Mammy Say To-Day,
Yes — Mammy Say To-Day !

אין צווייטן עק באַרזש, וואו צווישן די ציגל און דער וואַנט, איז געווען אַ ברייטער דורכגאַנג, זיינען אַ גרופּע נעגער געשטאַנען אויף די קני, אַרום זיי אַנדערע, איבערגעבויגענע און חברה האָט געשאָסן „ביינדלאַך". די שפּילער זיינען געווען צעהיצט. די וועלכע זיינען געשטאַנען אויף די קני, האָבן זיך אָנגעשפּאַרט מיט די גרויסע מאַלפּע־הענט אויף די ליטקעס און זיך געוויגט אַהין און אַהער. די איבערגעבויגענע, האָבן זיך מיטגעוויגט.

„פּעט", אַ נידעריקער און געפּאַקטער, האָט איצט אויף די קני, אויסגעזען ווי אַן אויפגעשטעלט פּעסל, אויף אַ הוידנדיקער שיף, וואָס וועט זיך באַלד איבערקערן און זיך נעמען קאַטשען איבער דעם ליידיקן שטיק פּלאַץ, אויף דער באַרזש. ער האָט פאַרקאַטשעט די אויגן אַזוי, אַז ס'האָבן זיך אַרויסגעזען בלויז די ווייסלאַך. ער האָט אויסגעפּליעסקעט מיט די פליישיקע ליפּן אַ תּפילה, אַרויסגעשאָסן די ביינדלאַך מיט אַ קנאַק פון צוויי פינגער און זיי אונטערגעגעבן מוט:

— קאַם אָן, בייבי, מעמי נידס עי פּעיר אויף שוס!

— קאַם סעווען, קאַם אָן בייבי!

אף א שטאַנג האָט זיך געוויגט א לאַמטערן איבער די קעפּ פון די שפּילערס. ליכט און שאָטן האָבן געקעמפט פאַרן פּלאַץ. אַט האָט שאָטן פאַרטונקלט די פּנים׳ער, און אַט האָט ליכט זיי באַשיינט, און באַקופּערט. לאַנג האָבן זיך ביידע ניט געקענט האַלטן. איז געוואָרן א שפּיל אין בייטעניש: אַט איך, אַט דו. אַט דו, אַט איך.

אונטער דעם ליכט־און־שאָטן־שפּיל, האָט די גרופּע נעגערס אויסגעזען ווי זי וואָלט דורכגעפירט א מיסטעריעזע, רעליגיעזע צערמאָניע און מיט די גראָבע מורמלדיקע ליפּן און ברייט־צעשפּריי־טע הענט פאַר׳כישופ׳ען זיי די ביינדלאַך.

די באַרזש האָט זיך געוויגט און איבער די שפּילערס האָבן גע־ציטערט די טענער פון די זינגענדיקע נעגערס:

Oh Down —

Oh Down,

Mammy Wanna Take Me Downna Milky Way —

דזשאָנסאָנען האָט פאַרשפּילט, ער האָט געוואָרפן איינס נאָך ס׳אַנדערע גרינע, צונויפגעקאָרטשעטע פּאַפּירלאַך, געביטן די רעכטע האַנט אף דער לינקער, געביטן דאָס פּלאַץ און ס׳האָט ניט געהאָלפן. ער האָט זיך אָבער געמאַכט האַרץ און געשאָסן מיט וויצן. זאָל אַלע זען, אַז דזשאָנסאָן איז א ספּאָרט. פון לעצטן פינפערל, האָט ער יעדן דאָלער באַגלייט מיט א קוש. ער האָט צוזאַמענגעצויגן און אויסגערונדעט די גראָבע פליישיקע ליפּן, ווי א שטיק פון אָפּ־געבראָכענע געטרוקנטע קישקע, א שמאַטשקע געטאָן דעם דאָלער און א וואָרף געטאָן פון זיך מיט א ברייטן זשעסט.

ער האָט הויך געהירזשעט פון זיינע אייגענע וויצן און אַז פּעט האָט אים געגעבן א זאָג אריין:

— העי, ניגער, ס׳גייט דיר ניט אין „קרעפּס" און — ניט אין ליבע.

האָט ער זיך נאָך העכער צעהירזשעט און דאָס געלעכטער איז אַרויסגעקומען, ווי ער וואָלט וועלן פאַרלאַכן דעם ברען וואָס „פּעט“ האָט אים דערלאַנגט גלייך אין האַרצן אַריין.

— יעד־יעד! יאַד־ יאַד!

ער האָט זיך געכאַפּט מיט די הענט באַ די זייטן און זיי גע־הויבן איבערן קאָפּ מיט צענומענע מאַלפּע־פינגער, זיי אַראָפּגעלאָזט אויף די ליטקעס מיט אַ פּליעסק און ווידער זיי אויפגעהויבן איבערן קאָפּ, בייגנדיק זיך אַרויף און אַראָפּ — ווי אַן אַראַבער בשעת תּפילה־טאָן.

אַז ער האָט אויפגעהערט לאַכן, האָט ער מיט דער צונג אַ פּיר געטאָן איבער די פאַרטרוקנטע ליפּן:

— פּריי זיך ניט ניגער, איך וועל זי נאָך אַזוי לייכט ניט אָפּגעבן. נאָ סערי! איך וועל אים ווייזן דעם דזשים׳ן! לאָמיך אים נאָר פּאַקן אין דער ריכטיקער צייט.

—קוק אויפן ריכטיקן פּלאַץ, וועסטו געפינען, ניגערשער קאָפּ. האָסט קיין „מאַרטגעדזש“ אויף איר ניט געלייגט און דזשים מיינט עס ערנסט.

— נאָ — האָט דזשאַנסאָן צעפירט די הענט — קיין ווייסער מיינט ניט ערנסט מיט אַ ניגער. נאָ סיר, ער וועט זיך איבערשלאָפן מיט איר, וועט ער איר געבן מיט אַ פוס פון הינטן — אָט דאָס וואָס ער וועט טאָן מיט איר.

— ניט דזשים, — האָט פּעט זיך ניט געלאָזט — ניין, דזשאָנ־סאָן, דזשים איז אַ מאַן, טאַקע אַ ווייסער, אָבער אַן הינטער־חכמות, ער האָט פיינט הינטישע שטיק. דאָס וואָס ער זאָגט מיינט ער.

דזשאָנסאָן האָט אַ קוש געטאָן דעם לעצטן דאָלאַר און אַ וואָרף געטאָן די ביינדלאַך:

— גענוג פאַר מיר.

ער איז אַרויסגעקראָכן אויפן באָרג ציגל, זיך פאַרקוקט אויפן האָדסאָן, מיט אַמאָל זיך אין עפּעס דערמאָנט און זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער פאַבריק. ווי אויסגעשפּרייטע פליגל האָבן די

ריזיקע דעכער געוואָרפן ברייטע און לאַנגע שאָטנס. די שאָטנס האָבן זיך געפלאָכטן איינער איבערן אַנדערן. פון אַלע זייטן האָבן זיך געצווינגן און געהויבן ווענט פון ציגל, ציגל, ציגל, שמאָלע, לאַנגע, האַרטע, ציל.

אונטער די ווענט פון ציגל, האָבן איינגעשרומפּענע זיך גע־שראָקן די נענער־שטיבלאַך. דאָ און דאָרט האָט אַ שיין פון אַ לעמפּל זיך איינגענעסן און אַ שאָטן, אַ שמאָלן שניט געטאָן און אַליין געציטערט.

מיט אָפענע שוואַרצע מיילער זיינען די אויוונס געשטאַנען קעגן די צעשראָקענע שטיבלאַך.

דזשאַנסאָן איז אַ פאַר׳חלום׳טער געבליבן זיצן מיט די אויגן צו עוועלינ׳ס שטוב. ס׳האָט אים געגריזשעט אונטערן האַרצן, ווי שטיקלאַך שפּיציקע ציגל וואָלטן זיך דאָרטן פאַרקליבן: געקומען אַהער אַ ווייסער, דער טייוול ווייס פון וואַנען, און האָט זיך אַריינ־געריסן אינמיטן צווישן אים און עוועלין, ווי אַ שוואַרצע קאַץ וואָלט דורכגעלאָפן. איצט מאַכן די נעגערס פון אים חוזק. אייגענע ברידער און האָבן הנאה ווען אַ ווייסער הונט, שטעלט אים אונטער אַ פיסל. הינטיש בלוט. אמת, עוועלין האָט אים סיי ווי קיינמאָל ניט צוגעלאָזט צו זיך. אַ גאַנצע פּריצעטע, גייט מיט פאַרריסענעם קאָפּ און פאַרדרייט מיט דער נאָז: אָט ניגערס, זעט ווי שיין איך בין, כמעט אַ ווייסע, אָבער אַ מכה וועט איר מיך קריגן. וואָלט זיך אָבער דזשים ניט געיאָוועט, וואָלט ער געפאַלן איבער איר. אַ נעגערטע איז ניט קיין צנועה, ס׳איז נאָר דער אָנשטעל, ווייל די נעגערס שלינגען זי מיט די אויגן.

ער האָט זיך אַ הויב געטאָן ראַפּטאַם פון פּלאַץ, פאַררוקט די הענט אין די קעשענעס און זיך געלאָזט גיין אין שענק. איבערן אַקסל, ווי פון יוצא וועגן, האָט ער אַריבערגעוואָרפן:

— ווער גייט אַ טרונק טאָן באַים?

חברה האָט זיך אָפּגעריסן פון שפּיל און זיך געלאָזט אין שענק אַפן ראָג, איבער די רעלסן. פאַרבייגייענדיק לעבן איינעם פון די

איוונס, האָט דזשאַנסאָן דערזען אַ פּאָרל אונטער אַ וואַנט ציגל. עס האָט אים דערלאַנגט אַ זעץ אונטערן האַרצן. דאָס נעגערשע בלוט האָט אויפגעקאָכט: דזשים און עוועלין. די שלאַנקע, בויגיקע, ווי אַ זאַנג, עוועלין, האָט זיך אַריינגעגעסן אין דזשים׳ען. דזשאַנסאָן האָט עס געוואָלט אָראָפּשלינגען און גיין ווייטער, נאָר חברה האָט שוין דערזען:

— העי, דזשאַנסאָן, זע וואָס דאָרט טוט זיך!

דאָס געשריי האָט צעטיילט דאָס פּאָרל.

פּעט האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט די פלייישיגע ליפּן:

— אָט האָסטו זי געפּאַקט, דזשאַנסאָן!

דזשאַנסאָן האָט פאַרדרוקט צוויי פויסטן אין די קעשענעס, מיט אַמאָל אַ ריס געטאָן די הענט, זיי צענומען ווי צוויי שוואַרצע פליגל, פון אַ רויב־פויגל און צו, צו עוועלין, וועלכע איז געשטאַנען קעגן אים מיט פאַרריסענער מאָרדע און געוויזן צוויי רייען ווייס־בלישטשענדיקע ציינער.

— מיט דעם וויסן הונט, יאָ? הינטישע טאָכטער!

דזשים איז געשטאַנען מיט צעשפּרייטע פיס און געשמייכלט, נאָר דער שמייכל איז געווען אַ נאַרישער, אַן אומבאַהאָלפענער, ווי ער וואָלט אַרויפגעפאַלן אַפן פּנים, ניט אין דער ריכטיגער צייט.

עוועלין האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן:

— אוועק, ניגער, האָסט ניט קיין „מאַרטגערדזש" אַף מיר.

דזשאַנסאָן האָט ווי מיט אַ צוואַנג זי אַ כאַפּ געטאָן בײַ דער האַנט.

דזשים האָט געמאַכט אַ שפּאַן פאָראויס:

— גיי אוועק, דזשאַנסאָן, זײַ אַ ספּאָרט, לאָז זי אָפּ, זאָל זי זאָגן מיט וועמען זי וויל.

דזשאַנסאָן האָט אָפּגעשטופּט דזשים׳ען:

— דו פרעמדער, מיש זיך ניט צווישן אונז ניגערס!

ער האָט זיך פאַרמאָסטן אַף דזשים׳ען. דזשים האָט אויפגע־הויבן אַ שטאָלענע האַנט און פאַרפאָרן דזשאַנסאָנען אין פּנים

אריין. דאָס געשלעג האָט זיך אָנגעהויבן. דזשאַנסאָן האָט זיך געוואָרפן אַף דזשימ'ען און דזשימ'ס שטאָלענע פויסטן האָבן אים צוריקגעהאַמערט, אים באַטויבט. ער איז צעמישט געוואָרן, גע־שלאָגן מיט די צוויי גרויסע אומגעלומפּערטע הענט אין לופטן. זיך געדרייט און יעדן מאָל ווען ער האָט זיך אָנגעשטויסן אַף דזשימ'ען, האָט אים יענער מיט שטאָלענעם כח אָפּגעשלאָגן. דזשאַנ־סאָנען האָט זיך געדוכט, אַז דזשים האַמערט אַף זיין קערפּער מיט דורכגעברענטע שטאַרקע ציגל.

זיי האָבן זיך איינגעפּלאָנטערט אין איין קנויל אַף לייםיקער ערד.

אין שיין פון וויגנדיקן לאַמטערן איז דזשאַנסאָן געבליבן ליגן מיט אַ פאַרלאָפענעם פּנים. ער האָט זיך געוואָלט אויפהייבן און ניט געקענט. דזשים האָט אים אויסגעשטרעקט אַ האַנט:

— קאָם אָן, דזשאַנסאָן! דערלאַנג אַ לאַפּע און לאָמיר גיין טרינקען!

דזשאַנסאָן האָט דורך פאַרלאָפענע אויגן געקוקט אַף דזשימ'ען וועלכער איז געשטאַנען געבויגן איבער אים, מיטן צעווילדעוויטן קאָפּ בלאַנדע האָר און געלאַכט מיטן מויל ווייסע ציינער; ער האָט אויסגעזען ווי אַ נעגער. ער האָט זיך נאָכגעגעבן דזשימ'ס שטאַרקע האַנט, וואָס האָט אים געצויגן אין דער הויך. ער איז געבליבן שטיין און זיך געוואַקלט. זיינע צוויי אומגעלומפּערטע לאַפּעס האָבן זיך געבאָמבעלט און ער האָט אויסגעזען ווי אַ ריזיקע מאַלפּע פאַר וועמעס פּנים ס'איז פּלוצים אויסגעוואַקסן אַ שונא און זי וועט זיך באַלד פאַרמעסטן אַף אים. ער האָט נעגעבן אַ שטרעק אויס אַ האַנט:

— נאָ, סאָן־אָוו־אַ־גאַן. ביסט אַ בעסער מענטש פון מיר, לאָמיר גיין פאַרטרונקען.

ער האָט זיך האַרציק צעלאַכט ווי אַ גוטמוטיק קינד וואָס האָט נעקראָגן פאַרדינטע שמיץ.

דזשים האט פארווארפן א האנט אף דזשאנסאנ׳ס אקסל. דזשאנסאנ׳ס האנט האט איבערגעפלאכטן דזשימ׳ס און ארומגע־רינגלט מיט דער חברה זיינען זיי אוועק אין שענק.

עוועלין, א שטאלצע, איז געגאנגען בא דער זייט און אין הארצן האט געשפרונגען די פרייד.

זי האט א ווארף געטאן צו דער חברה:

— גוט נייט, באיעס! און דו דזשאנסאן זיי גוט ברוגז — זיי א ספארט.

און איז אוועק צו די קליינע געהויקערטע שטיבלאך אונטערן בארג.

די צעשראקענע טירן ווי פליגל פון פארצווייפלטע פייגל און די פארבילמעטע פענסטער־אויגן זיינען שוין אומרואיק געשלאפן.

דאס קעראסין לעמפל האט באלויכטן דאס מעבל: א טיש מיט עטלאכע קעסטלאך פאר בענקלאך. זי האט זיך א ווארף געטאן אין אלטן צעפארענעם בעט. ס׳האט א סקריפע געטאן. זי האט זיך אויסגעצויגן אין איר גאנצער לייגג, פארווארפן די הענט איבערן קאפ און דערפילט א זיסקייט, א נאגענדיקע אין די ביינער. זי האט געקוקט אף א פלעק אף דער סטעליע און געזען ווי דזשים קומט באנאכט. קלאפט שטיל אין פענסטער און זי מאכט פלאץ פאר אים אין בעט.

* * *

שפעט אין דער נאכט איז דזשים געגאנגען דורכן האלבן געסל. פון איין זייט האבן אין נאכט אריין געסטארטשעט די ריזיקע דעכער און די הויכע און ברייטע קוימענס און פון דער צווייטער זייט האבן זיך געקארטשעט די שטיבלאך אונטערן בארג —

ס׳איז אים געווען גוט.

אראפגעפאלן דא אין מיטן וואנדערן: דערזען א שטעטל. דערקענט באלד די דריי וועלטן, ווי אין די אנדערע ענלאכע שטעט־לאך דא. אויבן אפן בארג — לעבן די שטומע אמעריקאנער — מע פארדינט א קרענק אבער „מיר אמעריקאנער“. ציען זיך געסלאך

אלע פון איין פאָרם געגאָסן מיט די זעלביקע וועראַנדעס און אפילו די זעלביקע פאַרהענגלאַך צונעמען מיט אַ חנ'עוודיקן קנייטש אין מיטן. נאָך דער ארבעט באַשפּריצן אַלע די לאַנקעס און דערנאָך זיצן צוויי רייען אַמעריקאַנער פוןביידע זייטן גאַס, אַף די גאַניק־לאַך. מען לייענט די זעלביקע צייטונגען און מען פּיפּקעט די ליולקעס — שווייגנדיק דערלאַנגט מען דער מיסעס די פאַמיליע אפטיילונג און די קינדער די „קאָמיקס" און אַלע שווייגן.

נאָר אין די קליידער שאַפּעס הייגען די ווייסע קיטלען פון קו־קלוקס־קלען.

אַפן קאַרק פון באַרג — די זוניקע קינדער פון סיציליע: זיי אַרבעטן באַם צווייטן באַרג. גאַנצע טעג הערט מען דאָרטן פאַר־דומפּטע אָפּהילכן. מען דרילעוועט די געדערים פון אַלט באַרג. לעבן די הייזער טומלט זיך אין די אוונטן, ס'דוכט זיך אַז מען קריגט זיך דאָרטן, נאָר די לעבעדיקייט פאַרלירט זיך, אַז מען קומט אַמאָל אַרויף אַפן באַרג — ווייל מען דערמאָנט זיך אַז מען איז אַ פרעמדער.

און אונטערן באַרג די נעגערס, באַ די ציגל פאַבריק.

אַ דיקע נעגערטע, האָט פון דער שוועל פון אַ שטיבל אַ רופ־געטאָן:

— העי, פרעמדער, ווילסט אַ לעב טאָן?

און ער איז פאַרטראַכט.

נאָר אַט האָט ער דערזען עוועלין, אַ שלאַנקע, אַ הויכע, אַ בויגיקע ווי אַ זאַנג. די הויט פון פּנים איז ווי אַ דינער שיכט שאָקאָלאַד און אונטן פליסט ווייסע מילך, אַזאַ רייצענדיקער ליכ־טיקער שאָקאָלאַד קאָליר און אַ פּאָר לעבעדיקע, צאַפּלדיקע אויגן וואָס שטעלן זיך אַף אַ רגע ניט אָפּ — האָט ער באַשלאָסן דאָ צו בלייבן.

וועט ער שוין זען אַז דער אויפזעער פון ציגל־פאַבריק זאָל שוין רואיק ניט שלאָפן. די נעגער זיינען הינטיש־הכנעה'דיק, וועט ער זיי אַ וועק טאָן.

עוועלין האָט אים גלייך אַ פרעג געטאָן:

— נו, און די ווייסע? זיי וועלן דען שווייגן — אַ ווייסער צווישן אונזעריקע?

— וועלן מיר זען.

ער האָט דערזען דאָס שוואַכע ליכטל פון לעמפּל. אַ ריר געטאָן דאָס פענסטער. מיט איין שפּרונג איז עוועלין געווען באַם טיר און זיך איינגעקלאַמערט אין זיינע ליפּן.

— טוסט מיר וויי, לאָז אָפּ —

די טיר האָט זיך פאַרמאַכט.

דאָס לעמפּל האָט זיך אויסגעלאָשן.

* * *

דזשאַנסאָן איז אַן אויפגערעגטער צוגעקומען צו דזשימ'ען:

— נו, ווען?

דזשים האָט מיט געבויגענעם קאָפּ כלומרשט געאַרבעט פלייסיק, און אַרויפגערעדט פון אונטן אַרויף, זיינען די ווערטער אַרויפגעקומען ווי בולבעס אַף דער אויבערפלאַך פון וואַסער, פון איינעם וואָס טונקט זיך אונטער.

— גיי דערווייל צו דער אַרבעט, ווען איך וועל געבן מיין סיגנאַל איז אַוועקגעוואָרפן די אַרבעט און פאַרטיק.

— אַ קעי באָס! — האָט דזשאַנסאָן פרייליך אַוועקגעטאַנצט.

— באַסיווע מיר וויניקער, איך בין דיר ניט מיסטער סמיטה, הינטישער זון — האָט דזשים גוטמוטיק נאָכגעוואָרפן דזשאַנסאָנען און זיך צעלאַכט.

די אַרבעט האָט פיבעריש געברענט. מיסטער סמיטה האָט געקוואַלן, נאָר כדי ניט צוצוגעבן דאָס האָט ער געטריבן:

— קאַם אָן, מען דאַרף היינט ענדיקן דעם „אָרדער”. גיט זיך אַ צאַפּל.

אין רעכטן מיטן ברען האָט אַ הילכיקער פייף דורכגעשניטן די פאַבריק.

אַלץ האָט זיך אָפּגעשטעלט.

די אויוונס זיינען געבליבן שטיין מיט אָפענע פוסטע מיילער — נאָר קיינער האָט זיך אָף זיי ניט אומגעקוקט.

חברה האָט ארומגערינגלט דזשימ׳ן.

מיסטער סמיטה איז פון אָנהויב געבליבן שטיין, גלייך עמיצער האָט אים מיט אַ ציגל דערלאַנגט אין פּליכעוואָטן קאָפּ. באַלד האָט ער זיך אַ צאַפּל געטאָן און מיט צענומענע הענט צו צו דער חברה:

— וואָס איז דאָס? וואָס איז געשען?

— אָט, גאָר ניט — האָט דזשים רואיק געענטפערט, כאָטש ער האָט חשק געהאַט אים צו פאַרפאָרן און אויסגעפּאַשעטן פּרעסער אריין — אָט מען אַרבעט ניט מער.

— וואָס ווילט איר?

— זאָלסט ניט הייבן קיין הענט, ניט רופן ניגער און געבן אַ געלעגענהייט צו מאַכן אַ לעבן וועט מען אַרבעטן.

— אַזאַ מאַכער ביזטו גאָר? אפשר אַ ראַדיקאַל, צי גאָר אַ באָלשעוויק? ביסט געקומען אויפהעצן די אַרבעטער? דאָס וועט דאָ ניט גיין, ניט אין דעם שטאַט און איר ניגערס צו דער אַרבעט!

ווייס און שוואַרץ האָט זיך צוזאַמענגעמישט, געוואָרן איין פעסטער קנויל.

דזשאַנסאָן האָט זיך אַרויסגעריסן:

— ערשטנס רעדט ווי אַ מענטש, ניט ניגערס, נאָר נעמען, מיר זיינען ניט קיין ציגל, נאָר מענטשן! הערסט מיסטער סמיטה, נעמען, נעמען, גאָט פאַרדאַמטער — אַ ניט כאַפּסטו אין פּרעסער אריין.

מיסטער סמיטה׳ס צונג האָט זיך ניט געקענט אַ ריר טאָן, זי איז געוואָרן שווער ווי אַ ציגל.

ער איז אַוועק אין זיין בודקע און דער טעלעפאָן האָט אָנגע־הויבן צו קלאַפּן.

די אַרבעטער האָבן זיך צעשטעלט ווי וועכטער אַרום דער פאַבריק.

ס'האט זיך אנגעהויבן דער סטרייק.

א פּאָר טעג איז געווען שטיל.

אין א פרימאָרגן האָט זיך באוויזן מיסטער סמיטה מיט א גרופּע אַרבעטער.

דזשים מיט זיינע מענטשן האָבן זיי פאַרשטעלט דעם וועג.

— דאָס וועט ניט גיין, מיסטער סמיטה. קיין סקעבס וועלן מיר ניט דערלאָזן.

עמיצער האָט א וואָרף געטאָן :

— די גאָט פאַרדאַמטע נעגערס, די שמוציקע הינט, וועלן אונז זאָגן דעות!

— און —

ציגל האָבן גענומען פליען איבער קעפּ. און שוואַרץ און ווייס זיינען געפאַלן איבער גלאַנציקע רעלסן.

די סקעבס, מיט מיסטער סמיטה'ן פאָראויס זיינען אוועק אין שטעטל.

דעם גאַנצן טאָג איז געווען שטיל. א שטיקענדיקע שטילקייט.

אונטער דער שטילקייט האָט זיך געפילט א פאַרביסנקייט, א שטילקייט וואָס וועט באַלד א פּלאַץ טאָן און אויסשיסן מיט שטייף צעקנאָטענער ליימיקער מאַסע.

* * *

אין אָוונט האָבן זיך אויף דער באַרזש אָנגעלאָדן מיט ציגל, פאַר־זאַמלט די אַרבעטער. דער לאָמטערן האָט זיך געוויגט איבער זייערע קעפּ און געביטן ליכט און שאָטן. די אַרבעטער האָבן זיך צוגעהערט צו די ווערטער, וועלכע זיינען געפאַלן ווי שווערע, האַרטע ציגל פון דזשים'ס מויל :

— זיך ניט אונטערגעבן. לאָמיר קעמפן ווי ביז היינט און מיר וועלן געווינען.

— גוט געזאָגט, דזשים!

— געדעכט!

האָבן זיך געהויבן הענט און ליפּן האָבן צוגעפליעסעט.

שפּעט אין דער נאַכט איז זיך חברה צעגאַנגען.

די פייערלאַך אין די שטיבלאַך האָבן זיך שוין גענומען אויס־לעשן.

נאָר דזשים איז נאָך געזעסן אַף דער באַרזש און מיט אַ גרופּע נעגערס זיך דורכגערעדט וועגן דער מאָרגנדיקער אַרבעט.

פון אונטער די דעכער, פון אונטער די בערג ציגל זיינען אויס־געוואַקסן ווייס־מאַסקירטע געשטאַלטן מיט שטורקאַצן אין די הענט. זייערע לאַנגע שאָטנס האָבן זיך צעלייגט איבער דער פאַבריק. איידער מען האָט זיך נאָך געכאַפּט, האָט מען שוין אַרומגערינגלט די באַרזש. אַלע זיינען פאַרגליווערט געוואָרן פון שרעק. זיך ניט געקענט רירן, נאָר די אויגן זיינען געקראָכן פון זייערע לעבער.

שטריק האָבן זיך ווי שלענג געפלאָכטן איבער קערפּערס. אינ־מיטן באַרזש איז אויסגעוואַקסן אַ הילצערנער גרויסער צלם. מיט איין שטריק האָט מען די נעגערס ווי געפאַנגענע געבונדן די הענט און פיס.

דזשימ׳ן האָט מען צוגעבונדן צום צלם.

מיט אַמאָל האָט דער צלם אויפגעפלאַקערט —

מען האָט אָפּגעהאַקט די שטריק און אָפּגעשטופּט די באַרזש.

עוועלין איז געקומען צולויפן. נאָך איר, ווייבער און קינדער. ס׳איז געוואָרן אַ שיסעריי. קולות האָבן געריסן די נאַכט.

די כוואַליעס האָבן אויפגעכאַפּט די באַרזש און זי געשלעפּט אין מיטן האָדסאָן אריין.

אין מיטן נאַכט, אין מיטן האָדסאָן, איז די באַרזש געשוואומען. דער צלם, אַרומגעכאַפּט פון פלאַמען, האָט געפלאַקערט און גע־קנאַקט. די פייער־צונגען האָבן, ווי אַ ראָס, אַרומגעכאַפּט דזשימ׳ן.

די באַרזש איז געשוואומען ווייטער, ווייטער, ווייט אין האָדסאָן אריין, אין נאַכט אריין.

און דאָרט ווי האָדסאָן און הימל זיינען זיך צוזאַמענגעקומען איז די באַרזש אריינגעשוואומען אין הימל. איז פון דאָרטן גע־קומען דאָס ציקלדיקע, דאָס וויינענדיק־פאַרגייענדיק געזאַנג.

אפן אויסגעשטערנטן הימל איז געשוואומען א פלאַמענדיקער צלם מיט דזשימ'ן דעם געקרייציקטן.

באַ זיינע פיס דאָס געזאַנג פון וויינענדיקע נעגערס.

דזשאַנסאָן האָט זיך צוגעקאַטשעט און מיט די ציין געביסן די שטריק פון דזשימ'ס פיס —

עוועלין איז פאַרמאַטערט געוואָרן פון נאַכאַנאַנדיקן קוויטשען. געבליבן ליגן אַפן בויך, אַף ליימיקער ערד, באַם ברעג האָרדסאָן. ס'האָט איר א שאַרפן שניט געטאָן אין בויך, האָט זי זיך איבער געדרייט אַף א זייט און דערפילט א צאַפּל פון א נייעם לעבן וואָס גייט אויף אין איר —

די פאַרגלאָצטע אויגן האָבן געקוקט אַפן הימל וואו דער פייער־דיקער צלם, האָט זיך געהויבן העכער און די פלאַמען האָבן געוויקלט דזשימ'ן ווי א קינד.

טאַני דהי וואָפ

קליינע ליימיקע הייזלאַך, קינדער־פענסטערלאַך און שטרויענע דעכלאַך. אַ חוצפּה׳דיקער שפּיציקער קלויסטער, אַ שטומע שול און רחבות׳דיקע ברייטע פעלדער. גערטנער אַף מיילן און מיילן. בלוי־טויאיקע פלוימען מיט רויט־בעקלדיקע עפּל און באַרן, — שפּע פאַר געציילטע, דלות פאַר אַלע, — אַ דאָרפיש שטעטל אין פּאָדאָליע. אָפּגעטיילט פון פעטער שוואַרץ־ערדיקער בעסאַראַביע, מיט אַ בלויען פאַס — דער דניעסטער.

דאָרט איז יאַנקל געבוירן געוואָרן. די מוטער כאַנטשע די אַלמנה, איז געשטאַנען מיט אַ הילצערנעם קלייטל אין מאַרק און פון דעם געצויגן די חיונה פאַר זיך און די קינדער.

די עלטערע טאָכטער, גאָלדע, האָט אַרויסגעהאָלפן אין קלייטל און אין הויז און די אינגערע האָט זיך געלערנט באַ דער שטעטל־דיקער מאָדיסטקע.

איידער יאַנקל איז נאָך אויפגעשטאַנען, איז די מאַמע שוין געווען אין מאַרק און איז אַהיימגעקומען, ווען ער איז שוין געשלאָפן. מיט פאַרשוואָלענע הענט האָט זי איבערגעציילט דעם טאָג־לייזונג, געקוקט אַ ווייל אַף יאַנקלען, וואָס איז נאָך אַ טאָג אַרומלויפן געשלאָפן ווי אַ גע׳הרג׳עטער, זיך אויסגעווישט די, שטענדיק פאַרוויינטע אויגן און אַ מידע אַוועקגעפאַלן אַפן געלעגער.

יאַנקל איז זיך געוואַקסן אַליין, ווילד, פאַר זיך. די מאַמע האָט קיין צייט ניט געהאַט זיך אומצוקוקן אַף אים און אויב יאָ — האָט עס ניט געהאָלפן.

גאַנצע טעג איז יאַנקל אַרומגעלאָפן אין מאַרק, צווישן די שטעלן, צווישן די פויערשע וועגעלאַך. זומער האָט ער זיך אַ גאַנצן טאָג געוויקט אין דניעסטער, אָדער איז אַרומגעלאָפן איבער די

גערטנער און גע׳גנב׳עט פּרוכט. ווינטער איז ער גאַנצע טעג אָפּ־געלעגן מיט די שקצים אַפן גליטש און אָנגעפירט מלחמות מיט די בעסאַראַביער שקצים פון יענער זייט דניעסטער.

איינמאָל האָט אים די מאַמע אָפּגעגעבן צו אַ שניידער. אפשר וועט ער אין דער פרעמד ווערן אַ מענטש. האָט עס אָבער ניט געהאָלפן. יאנקל האָט פיינט געהאַט מען זאָל זיך מיט אים שאַפן. ווען דער שניידער האָט אים דערלאַנגט דאָס פּרעסל און אים גע־הייסן אַרויסגיין אין דרויסן פאַנאַנדערבלאָזן די קוילן, איז ער שוין מער ניט צוריקגעקומען.

פריי און ווילד געלעבט אַף דער גאַס. איז געווען אָנפירער פון אַ באַנדע און אַלע שטעטלשע פיינע קינדער האָבן געציטערט פאַר אים אימת מות.

די קרעמער האָבן זיך געהיט פאַר יאַנקלען און אים געטריבן פון די טירן.

אַז די שוועסטער, גאָלדע, איז גראַד געווען אין הויז און אים גענומען מוסר׳ן און שילטן, האָט ער איר גוט אָנגעריסן די האָר, דערלאַנגט עטלאַכע בוכצעס אין דער דאַרער פּלייצע און דאָס גאַנצע שטעטל איז זיך צוזאַמענגעלאָפן „אַף יאַנקעלס בייז וואונדער".

אַז קיין קונה איז ניט געווען אין קראָם האָט כאַנטשע, די מאַמע זיינע, געהאַלטן אין איין ווישן די אויגן, געמאַכט מיט די ליפן און געבעטן בא איר זלמנ׳ען ע״ה ער זאָל דאַרטן זיין אַ גוטער בעטער און זיך מיען פאַר זייער קינד עס זאָל צוריק אַרויף אַפן גלייכן וועג.

אַמאָל אַז יאַנקל איז איר געקומען אונטערן האַנט, נאָכדעם ווי עמיצער האָט זיך פאַר איר אַף אים באַקלאָגט, האָט זי אים אָנגעכאַפּט און מיט די פינגער געריסן שטיקער פלייש און געהאַלטן אין איין וויינען:

— הלואי וואָלסטו געווען אויסגערונען געוואָרן בא מיר אין בויך, משומד איינער. דו גיסט דאָך דעם טאַטן ניט קיין רו אין קבר; פאַרשוואַרצסט מיר ס׳פּנים; דעם גרויסן נדן, וואָס כ׳האָב

אומשטיינס געזאָגט אָנגעגרייט פאַר דיינע שוועסטער, גאָט זאָל מיך ניט שטראָפן פאַר די רייד.

יאַנקל פלעגט בלייבן פאַרשטיינערט. אַ רחמנות האָט אים אַרומגענומען צו זיין מוטער מיט דעם צוקנייטשטן פּנים און פאַר־פאַרשוואָלענע אויגן, און ס'האָט זיך אים געוואָלט אַרויספאַלן אַף איר, זי כאַפּן קושן, בעטן זי זאָל אים מוחל זיין און איר צוזאָגן, אַז פון היינט אָן וועט ער שוין ווערן בעסער. איז אָבער בא אים אויסגעקומען מאָדנע, וואָס עפּעס קושן אַ מאַמען, קיינמאָל האָט ער עס ניט געטאָן. ער האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַליין, וואָס פאַר אַ פּנים וועט ער האָבן!

האָט אים ווי געטאָן און פאַרדראָסן אַף זיך, וואָס ער קען ניט קושען די מאַמען, וואָס אים טוט ווי פאַר דער מאַמען און אַז די שוועסטער איז אים געשטאַנען אונטער דער האַנט און נאָך צו־געוואָרפן אַ וואָרט, האָט ער איר דערלאַנגט אַ פּאָר קלעפּ און איז פאַרשוואונדען אַף אַ פּאָר טעג.

ליגט זיך אַזוי יאַנקל באַנאַכט אַפן געלעגער און קען ניט איינ־שלאָפן. דערהערט ער, ווי די מאַמע קומט אָן, מאַכט ער זיך שלעפערדיק, נאָר איין אויג לאָזט ער אביסעלע אָפן, אַ שפּעלטעלע בלויז. זעט ער ווי די מאַמע שטעלט אָוועק דעם קויש, זעצט זיך באַם טיש, נעמט אַרויס פון בוזים אַ געל פאַרשמאָלצן טאָרבעלע, קערט עס איבער, ציילט דאָס געלט. גייט צו צום בעט, הויבט אויף איין איבער־בעט, אַ צווייטס, קנעפּלט עס אויף שטופּט אַריין די האַנט, אַ ציטערדיקע. נעמט אַרויס אַ פּעקל שמאַטעס, צעוויקלט עס, און ס'גיט אַ בלישטש פאַר זיינע אויגן גאָלדענע און זילבערנע מטבעות. זי זיצט פאַרטראַכט און רעדט צו זיך:

— אַ דאַנק דיר, רבונו של עולם. ק"ן רובל שוין אָנגעקליבן פאַר גאָלדע'ן. זלמן, זאָלסט זיך דאַרטן מיען, אַז זי זאָל קריגן אַ לייטישן זיווג.

יאַנקלען האָט אַרומגענומען אַ רחמנות צו דער מאַמען, אַ וואַ־רימקייט איז זיך אים צעגאַנגען איבער'ן האַרצן; ער האָט גע־

וואלט אראפּלויפן פון בעט, פאלן צו אירע פיס און צוזאגן, אז ער וועט שוין זיין גוט, האט אים עפּעס אויפגעבליצט אין מח א געדאנק, וואס האט אים געשראקן, האט ער דעם געדאנק ניט צוגעלאזט. א גאנצע נאכט, האט ער זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער און ניט געקענט איינשלאפן.

א פּאר פאר'חלומ'טע טעג — און יאנקל איז פארשוואונדן פון שטאט צוזאמען מיט גאלדע'ס נדן.

און אז כאנטשע די אלמנה איז שפּעט באנאכט אהיימגעקומען פון מארק, האט זי שוין ניט געהאט וואס צו ציילן, נאר איז געזעסן און געוויינט.

* * *

אין אמעריקע האט זיך יאנקל גענומען פארקויפן צייטונגען. א לייכטע ארבעט, ניט קיין באלעבאס, ניט קיין מאמע, קיין שוועסטער, פריי ווי דער ווינט און שטענדיק אין גאס.

פריער האט יאנקל פארקויפט אידישע צייטונגען און אז ער האט זיך אביסל אויסגעגרינט, געכאפּט דעם „סלענג" פון דער גאס זיך שוין אויסגעלערנט „שיסן ביינדלאך", איז ער אוועק צו די ענגלישע צייטונגען, גאנצע נעכט האט ער זיך ארומגעשלעפּט אין די „סאבוועיס", לעבן די האטעלן און געלעבט, ווי א פרייער פויגל.

קורץ־געוואקסן, קרעפּטיק, א ברוין צעווינטיקט פּנים און א קוטשקע פעך־שווארצע האר, אז ער פלעגט זיך אוועקשטעלן און נאכמאכן דעם אקצענט און צוזאמענגעמען די פינגער און רעדן ווי אן איטאליענער, האבן זיך חברה געקארטשעט פון געלעכטער, געבויגן זיך אין דרייען.

— אטא באי! האבן זיי ווילד געלאכט.

— דזשאסט לייק עי וואפּ!

חברה האבן יאנקלען ליב געקראגן און פון יאנקלען וואס איז שפּעטער געווארן דזשעק, איז איצט געווארן „טאני דהי וואפּ".

מיט שטונדן פריער, איידער די צייטונגען זיינען פארטיק געווארן, איז ער שוין געווען אפן פּלאץ. פריילאך געמאכט די חברה,

געשפּילט מיט זיי אין נאַענטן „פּול רום“, אָדער געשאָסן „ביינדלאַך“.

אין מיטן שפּיל, אויסצונעמען בא דער חברה, פלעגט ער נאָכ־מאַכן ווי אַ נעגער שפּילט „קרעפּס“; ער האָט זיך אוועקגעשטעלט אויף די קני, אַריינגענומען די ביינדלאַך אין האַנט, זי צוגעמאַכט, גענומען טרייסלען, פאַרגלאָצט די אויגן, ווי אין אַ געבעט, אַ קלאַפּ געטאָן מיט די ליפּן:

— קאַם אָן בייבי, מיימי נידס עי פּעיר אָף שוס!

— קאַם אָן סעוון!

דערנאָך האָט ער אויסגעשטעלט אַ פּאָר גלעזערנע אויגן און איז געבליבן פאַרשטיינערט אין שרעק.

חברה האָט שיר געפּלאַצט פון געלעכטער.

שפּעטער האָט זיך יאַנקל אוועקגעלאָזט טרעמפּעווען.

גאַנצע טעג איז מען אַפּגעלעגן אונטער זון און זיך געוואַרעמט. איז מען הונגעריק געוואָרן האָט מען זיך געלאָזט זוכן עסן. אַמאָל האָט מען „אַפּגעשטעקט“ אַ פּאָר הינער; אַפּגעדרייט די קעפּלאַך, צולייגט אַ פייער און געגעסן. אַמאָל האָט מען אַרונטערגעכאַפּט אַ פּאָר הייסע „פּאַיס“, וואָס די פאַרמערקע האָט נאָר וואָס אַרויס־גענומען פון אויוון און אוועקגעלייגט אויסקילן. אין אַ נויט האָט מען געבעטן דעם פאַרמער ער זאָל לאָזן אָנהאַקן אַ ביסל האָלץ אָדער אָן אַנדער אַרבעט און קריגן דערפאַר עפּעס צו עסן.

אַ לעבן אָן אַרבעט, אָן זאָרג, אָן בענקשאַפט — איז מען גע־לעגן אויף דער ערד אָדער אין פראַכט־וואַגאָן, — ווען מען איז געפאָרן, און ניט טראַכטנדיק געקוקט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין. איז געשטאַנען פאַר די אויגן אַ טייך צי אַ באַרג האָט מען גע־קוקט אויף דעם. איז געווען פינסטער האָט מען געקוקט אין דער פינסטערניש.

דאָס לעבן פון אַמאָל, פון שטעטל איז שוין לאַנג פאַרשוואונדן פון טאַני'ס זכרון. מיט'ן ערשטן טריט אויף דער אַמעריקאַנער ערד

איז אַלץ אָפּגעווישט געוואָרן. אַ היים, — דאָס האָט ער ניט געזען, ניט געהערט ניט געטראַכט פון אַזעלכעס.

ער האָט געלעבט זיין לעבן.

ליגט זיך אַזוי איינמאָל, טאַני, לעבן אַ יונגן וועלדל און זשמור־רעט מיט די אויגן, האָט אים געמומען הונגערן. פון אָנהויב האָט ער זיך ניט וויסנדיק געמאַכט, זיך געלעגן און געקוקט אַריבער צום באַרג, וואָס איז וואָס אַמאָל געוואָרן טונקעלער, טונקעלער, ביז דאָס פינצטערניש האָט אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן באַרג און ס'איז גע־וואָרן נאַכט.

דער הונגער האָט גענומען נאַגן. ער האָט זיך פויל אויפגע־הויבן, אַ טראַכט געטאָן און זיך געלאָזט גיין.

פון ווייטן האָט זיך פון דער פינסטערניש אַרויסגעוויזן אַ פלעמל, אַרום פלעמל אַ שטיבל — דאָס פלעמל האָט פאַרלענדט אַ שטיק נאַכט.

ער האָט זיך געלאָזט צום שטיבל. זיך צוגעשאַרט שטיל צום פענסטער און איז צוגעקלעפּט געוואָרן צום פלאַץ.

באַם טיש — אַ יונג פּאָר פּאָלק. זיי האָבן געגעסן וועטשערע. אַרום זיי אַן אינטימע געמיטלאַכקייט, אַזאַ ליכטיקייט. האָט זיך עס אַריינגעגאָסן אין טאַני'ס האַרץ.

האָט זיך טאַני פון אָרט ניט גערירט.

שטיל און רואיק האָט דער יונגער פּאַרמער מיט זיין ווייבל אָפּגעגעסן. דער פּאַרמער האָט פאַררויכעט זיין ליולקע, זיך אַוועק־געזעצט אין ווינגשטול און גענומען דאָס קינד צו זיך אויף די הענט. דעם קינד'ס קליינע הענטלאַך האָבן זיך געהויבן אין דער הויך און געוואָלט אָנכאַפּן די ליולקע. דער יונגער פאָטער איז פון התפּעלות זיך פאַרגאַנגען אין אַ קינדערשן געלעכטער.

די יונגע פרוי האָט אַרונטערגענומען אַלץ פון טיש. איז אַוועק אין צווייטן צימער און אַביסל שפּעטער צוריקגעקומען און זיך צוגעשפּאַרט לעבן מאַן.

זיי האָבן שטיל גערעדט. געשמייכלט און זיך געשפּילט מיט'ן קינד.

טאַני האָט דערפילט אַזעלכעס, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל ביז איצט ניט געפילט.

דאָס ליכטיקע היימישע פייער האָט זיך אַריינגעגאָסן צו אים אין האַרץ.

אומגעריכט פאַר אים האָט זיך דער פאַרמער אויפגעהויבן, איבערגעגעבן דאָס קינד צו דער מוטער, ביידע אַרומגענומען — דאָס ליכט האָט זיך אויסגעלאָשן.

באַ טאַני'ן זיינען פייכט געוואָרן די אויגן. ער האָט פאַרביסן די ליפּן, איז געשטאַנען אַ ווייל און זיך געלאָזט גיין פאַרטראַכט אין זיך.

מיט אַמאָל האָט ער זיך אויסגעגלייכט, געגעבן אַ שליידער אַראָפּ ד שווערע געדאַנקען.

— טו העל!

די געדאַנקען זיינען אָפּגעשפּרונגען און באַלד צוריקגעקומען.

יענע נאַכט איז טאַני ניט געשלאָפן.

פאַרטאָג האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט צו דער נאָענטער סטאַנציע — — —

מעגי איז געשטאָרבן

די באָז, אַ לאַנג־שלאַנגיקע, האָט געשניטן די פינצטערניש און די רויטע פייערדיקע אויגן האָבן זיך געגעסן אין גלאַנציקן זילבער־בליאַסק פון די רעלסן. אַ הייזעריק אָפּגעהאַקט פייפן האָט צולע־כערט שטיקער נאַכט ווי אַ זיפּ, זיך אָפּגעקלאַפּט ווי אַ האָגל אין די בערג און צוריקגעקומען פוסט און נאַריש.

אין דעם ליידיקן פראַכט־וואַגאָן, וואָס האָט זיך געטרייסלט און געהאַצקעט, זיינען, איינגעגראָבן אין אַ קופּע שטרוי, געזעסן צוויי פאַרוואַקסענע, אין שמאַטעס איינגעהילטע פיגורן, איינער קעגן אַנדערן, איבערגעבויגן איבער אַ שוואַרץ פּעקל, פון וואַנען עס האָבן אַרויסגעגליט אַ פּאָר פינקלדיקע, פיבערדיקע אויגן.

איינער האָט זיך נאָנט איינגעבויגן צום פּעקל און געפרעגט מיט דעם צערטלאַכסטן טאָן, וואָס ער האָט נאָר געקענט אַרויס־קריגן:

— ווי פילסטו מעגי ?

— איך ווער פאַרברענט, — האָט אַן אָנגעשוואַכטע פרויען־שטים געענטפערט, — אַ ביסל וואַסער.

זי האָט מיט דער צונג אַרומגענעצט די טרוקענע צעשפּאָלטענע ליפּן.

די צוויי איינגעבויגענע קעפּ האָבן זיך אויפגעהויבן און זיך פאַרטראַכט. זיי זיינען געבליבן זיצן פאַרצווייפלט מיט איינגע־האַלטענעם אָטעם. אין זייערע מוחות האָבן זיך גענומען שפּינען פּלענער, אָפּגעריסענע. זיי האָבן גוט געוואוסט דעם טעם פון דורשט. און נאָך פּאָר אַ קראַנקן... איןביידע מוחות האָבן זיך איינגעקלאַמערט די לעצטע ווערטער „אַ ביסל וואַסער“.

אַ פּאָר וואָלפישע אויגן האָבן זיך אַ צינד געטאָן אין דער פינסטער, אַ קליינע פיגור האָט זיך אַ הויב געטאָן און מיט אַן איטאַליענישן אַקצענט געזאָגט:

— הער, דזשים, איך דענק, אַז דאָ באַלד איז אַ סטאַנציע. איך וועל זיך אַראָפּכאַפּן און זען קריגן אַ ביסל וואַסער.

— ניין, טאָני, — האָט דאָס צווייטע געשטאַלט געענטפערט, אויפהויבנדיק און שטעלנדיק זיך אויף די קני, — איך בין גרעסער פון דיר, „קיד", איכ'ל אַרונטערגיין און אויב מ'עט דאַרפן אַ „פייט" מיט דעם „ברעיקמאַן" וועל איך שוין אַטענדן".

„ביג דזשים" איז אויף די קני צוגעקראָכן צו דער טיר, זי מיט זיין געזונטן אַקסל אַ ביסל אָפּגערוקט. אַרויסגעשטעקט דעם צע־ווילדעוועטן קאָפּ און זיך אַרומגעקוקט.

אין דער געדיכטער פינסטערניש איז אַלץ געוועזן פאַרשטאַרבן. קיין לעבעדיקער אָטעם האָט זיך ניט געהערט. דאָ און דאָרט האָט אויפגעבליצט אַ רויט אָדער גרין אויג און פאַר'סוד'עט די נאַכט.

„ביג דזשים" איז ניט פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער סודות'דיקייט, זיינע אויגן און אויערן זיינען געווען אָנגעצויגן און אָנגעשטריינגט ווי די סטרונעס פון אַ פידל. מיט זיינע קעציש־גרויע אויגן האָט ער געשניטן דאָס אַרומיקע פינסטערניש ווי מיט צוויי־זייטיק געשאַרפ־טע מעסערס און אין זיינע אויערן האָט זיך איינגעזאַפּט יעדער שאָרך און ריר פון אַרום.

ס'האָבן זיך דערהערט טריט, טעמפּע טריט. דזשים האָט אַריינגעצויגן דעם קאָפּ און געבליבן ליגן מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם.

ס'האָט אַ גרילץ געטאָן אויף די רעלסן, די וואַגאָנען האָבן אַ קרעכץ געטאָן, די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט.

די טריט האָבן זיך דערווייטערט. ער איז נאָך געלעגן אַ וויילע, מיט אַמאָל זיך געגעבן אַ צי און פלינק זיך אַרויסגעשאַרט פון וואַגאָן.

טאַני מיט מעגי׳ן האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם און פאַרנומען די שטילקייט.

— קיפ אָפ, מעגי, — האָט זי טאַני געהאַלטן אין איין טרייסטן, — באַלד וועלן מיר אָנקומען אין טאָל.

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער טיר און אָנגעשטריינגט, לויערנדיק ווי אַ קאַץ אויף אַ מויז, האָט ער געקוקט און זיך צוגע־הערט צו דער טיר.

די וואַגאָנען האָבן אָנגעהויבן קרעכצן און זיך רירן מיט אָפּ־געהאַקטע גרילצן. די באַן האָט אָנגעהויבן גיין. דזשים איז ניט צוריקגעקומען.

טאַני האָט אָנגעשטריינגט און אומגעדולדיק געקוקט צו דער טיר.

ער האָט מיט אַמאָל דערפילט עמיצענס קומען. אַ האַנט, ווי אַ שלאַנג, האָט זיך געגעבן אַ ציִ אַריין אין וואַגאָן. די האַנט האָט געהאַלטן איינגעקלאַמערט אַ בלעכן קעסטל פון סאַרדינען אָנגעפילט מיט וואַסער. טאַני האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס בלעכל, אָנגעכאַפּט די האַנט און אין אַ סעקונדע איז דזשים געווען אין וואַגאָן.

די באַן האָט אָנגעהויבן גיין שנעלער.

דזשים איז צוגעקראָכן צו מעגי׳ן, האָט אַרויסגענומען פון בוזים אַ פעדערדיק ווארעם פעקל, עס אוועקגעלייגט, צאַרט אָנגע־נומען מעגי׳ן און זי אויפגעהויבן אין אַ זיצנדיקער פּאָזע. טאַני האָט איר צוגעטראָגן דאָס בלעכל צום מויל. זי האָט עס אַ כאַפּ געטאָן מיט ציטערדיקע פיבערדיקע הענט און ליידנשאַפטלאַך זיך צוגעכאַפּט צום וואַסער.

— ווילסט עפּעס עסן, מעגי ? — האָט דזשים געפרעגט.

— יאָ, דזשים, איך בין שרעקלאַך הונגעריק, — האָט זי שוואַך געענטפערט.

— קאַם אָן, טאַני, — האָט דזשים אַ רוף געטאָן.

זיי זיינען אַריבער אין צווייטן עק וואַגאָן, וואו ס׳איז געווען ליידיק. דזשים האָט עפּעס אַרויסגעוויקלט פון אַ פּאַק פּאַפּירן. טאָני האָט אָנגעטאַפּט אַ וואַרימע זאַך.

— וואָס איז דאָס, דזשים ?

— אַ „טשיקן“, כ׳האָב שוין אָראָפּגעדרייט דאָס קעפּל.

טאָני האָט זיך ניט פאַרוואונדערט. ער האָט עס אויך שוין פּיל מאָל געטאָן. מען איז אונטערוועגנס, מען איז הונגעריק, כאַפּט מען זיך אַריין צו אַ פאַרמער און מען דרייט אָפּ דאָס קעפּל פון אַ הינדל.

ער האָט אַרויסגענומען אַ שוועבעלע און אונטערגעצונדן די פּאַפּירן. אַ פּאָר לאַקנדיקע צונגען האָבן זיך אַרויסגעשלייגלט פון די פּאַפּירן און צעטריבן די פינצטערניש אין די ווינקלען. דזשים האָט געהאַלטן די הון איבערן פייער און די פעדערן האָבן זיך געסמאַליעט.

טאָני האָט זיך צוגעשאַרט צו מעגי׳ן און פריילאַך איר גע־זאָגט :

— דזשי, מעגי, באַלד וועט זיין געבראָטענע „טשיקן“.

אין דער מינוט האָט דער דאַך פון וואַגאָן אָנגעהויבן צו קרעכצן. ס׳האָבן זיך דערהערט טריט.

— מען גייט . . . דער „ברעיקמאַן“ איז אויפן דאַך.

חברה האָבן מיט ציין און ליפּן פאַרהאַלטן די ווערטער און דעם אָטעם אין מויל.

דזשים האָט גיך־גיך, מיט די פיס פאַרטראָטן דאָס פייער.

אַז ס׳איז שטיל געוואָרן, האָט זיך דזשים צוגעשאַרט צו מעגי׳ן, אָפּגעריסן אַ פּולקע פון דער הון און איר דערלאַנגט. מעגי האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס וואַרימע פלייש און גענומען שלינגען :

— ס׳איז רוי, דזשים.

דזשים האָט אַ קריץ געטאָן מיט די ציין :

— גאַדעמעט, דער טייוול האָט אים אָנגעטראָגן.

ער האט מיט א קרעפטיקן קולאַק אַ מאַך געטאָן צום דאַך:

— שמוציקע הינט!

* * *

פאַרטאָג האָט זיך די באַן אָפּגעשטעלט לעבן אַ קליינער היל־צערנער סטאַנציע.

דזשים האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און פאַרשנדיק מיט די אויגן זיך אַרומגעקוקט.

דזשים און טאָני האָבן צאַרט און פאָרזיכטיק אויפגעהויבן די אָפּגעשוואַכטע מעגי און זי צוגעטראָגן צום טיר. זיי האָבן זי אַרונטערגענומען און אונטערהאַלטנדיק זי אונטער די אָרעמס, האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן רעכטס צום וועלדל.

איבערן וועלדל האָט זיך באַוויזן אַ שמאָלער פאַס זילבער־ליכטיקייט. דער טאָג האָט זיך גענומען דורכברעכן.

ווען דער טאָג איז שוין אינגאַנצן געווען אויסגעשפּרייט איבערן פרייען פעלד, האָבן זיי זיך דערשלעפּט צום טאָל.

* * *

דער טאָל איז געווען דער פּונקט, וואו אַלע טרעמפּס וואָס גייען פאַרביי די געגנט, שטעלן זיך דאָרטן אָפּ אויף אַ פּאָר טעג, רוען זיך אויס די ביינער אונטער דער וואַרימער זון, אומגעשטערט פון פּרעמדע, און אַז זיי גייען אַוועק וואַשן זיי אויס די בלעכן, גרייטן צו האָלץ פאַר פייער ס׳זאָל זיין גרייט פאַר אַנדערע דורכגייער.

איצט איז נאָך דער טאָל געלעגן אין ביינאַכטיקער שטילקייט. אַרום טויטן פייער זיינען געשטאַנען פאַרשיידענע בלעכן און קעסטלאַך־כלים אָנגעגרייט פאַרן קומענדיקן מאָלצייט.

חברה אַרום האָבן געשמאַק געכראָפּעט.

אַ פּאָר זיינען שוין געווען וואַך. איינער איז געזעסן האַלב נאַקעט און געלאַטעט אַן אַמאָל־געוועזן ווייס העמד. אַ צווייטער האָט זיך ראַזירט און געשפּיגלט זיך אין אַ גלאַנציק איבערגעקערט בלעכל אויף אַן אָפּגעהאַקטן בוים.

אַז חברה האָבן דערהערט טריט, האָבן זיי זיך אויפגעכאַפּט, דערקענט פון ווייטן מעגי'ן, האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר:

— וואָס איז דער מער מעגי?

זיי האָבן שנעל אויסגעבעט אַ געלעגער און זי אַוועקגעלייגט. אַלע זיינען געוואָרן פאַרזאָרגט וועגן איר.

מעגי איז געווען די איינציקע פרוי־וואַגאַבונד, צוזאַמען מיט די מענער געוואַנדערט און דורכגעמאַכט ווי זיי אַלערליי דערפאַ־רונגען. זי איז געווען דער ליבלינג צווישן זיי.

ווער זי איז און פון וואַנען זי האָט זיך גענומען, האָט קיינער ניט געוואוסט און ניט געפרעגט. וואַגאַבונדן האָבן פיינט זיך צו גריבלען אין יענעמס פאַרגאַנגענהייט. ביזט פון אונזערע, ביזטו אַ חבר. וואָס איז וויכטיק ווער דו ביזט?

חברה האָבן שנעל אויפעקאָכט וואַסער און זיך צולאָזט קריגן עסן.

דושים איז צוגעגאַנגען צו מעגי'ן, אָנגעטאַפּט איר שטערן, וואָס האָט געברענט, און געפרעגט:

— מעגי, ווילסט גיין אין נאָענטן שטעטל? דאָרט איז דאָ אַ שפּיטאָל.

מעגי האָט אַ דריי געטאָן שוואַך דעם קאָפּ, רעכטס און לינקס:

— נאָ יוז, דושים... כ'וועל שטאַרבן דאָ... צווישן אייך... טו העל וויט דהעם...

זי האָט אָפּגעהאַקט.

אָפּן, פון זון און ווינט צעהאַקטן פּנים, איז איצט געלעגן אַזאַ איידעלע צאַרטקייט...

שפּעט ביינאַכט האָט זיך די היץ פאַרגרעסערט. חברה האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.

פאַרטאָג איז זי איינגעשלאָפן מיט אַ קראַנקלאַכן שמייכל צו די „באָים" און צום אויסגעשטערנטן הימל.

זי איז אוועקגעשלאָפן ביז שפּעטן טאָג, אויפגעשטאַנען מיט א שמייכל. ס׳איז איר לייכטער געוואָרן... זי האָט זיך געוויצלט און ס׳האָט אויסגעזען אַז זי בעסערט זיך.

פאַרנאַכט איז זי איינגעשלאָפן אַ באַרואיקטע. מיט אַמאָל זיך אויפגעכאַפּט. די גרויסע טיף־בלויע אויגן זיינען נאָך גרעסער געוואָרן. ס׳האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיי די רונדע פייערדיקע זון, וואָס האָט זיך געדוקט אַרונטער אונטערן באַרג. זי האָט אויפגעהויבן שוואַך אַן אויסגעבלייכטע האַנט, וועלכע דזשים האָט באַלד אונטערגעכאַפּט, שוואַך אַ זאָג געטאָן:

— גוד באַי, באָים.

אַ צוק געטאָן און —

צוזאַמען מיט דער זון איז פאַרגאַנגען מעגי׳ס לעבן.

אין דזשימ׳ס גרויסער ברוינער האַנט איז פאַרקוועטשט געוואָרן מעגי׳ס האַנט, ווי אַ טויט פויגעלע...

חברה האָבן צוליינגט אַ פייער, זיך אַלע אַרומגעזעצט אַרום מעגי׳ן און אַזוי געזעסן אַ גאַנצע נאַכט אין שטילן שווייגן.

בּיל

דער הונט האָט געהייסן ביל.

ווי זיין נאָמען, אַזוי זיין לעבן — פּראָסט און חוצפּה׳דיק. אַף זיידענע קישעלאַך איז ער ניט געשלאָפן. אין קיין ווארימען שוים זיך ניט געוואַרימט. ניט געצערטלט געוואָרן פון ווייסע, אויסגעבאַליעטע הענט מיט מאַנוקירטע נעגל, שפּיציק און ראָזאָווע. פון אַזאַ לעבן האָט ביל קיינמאָל ניט געוואוסט.

ביל איז געבוירן געוואָרן אונטער אַ פּלויט. נעלי, אַ נידעריק געוואַקסענע צויג, די מאַמע זיינע, האָט אין אַ קאַלטן פרימאָרגן דערפילט ווייען, האָט זי זיך מיטן אָראָפּהענגענדיקן פולן בויך קוים דערשלעפּט צום פּאַרמער׳ס טויער, גענומען שאַרן זיך אַף אַלע פיר צו דער גרויסער שטאַל מיט היי און זיך ניט דערשלעפּט. האָט זי זיך מיט די לעצטע כוחות צוגעשאַרט און צוגעטוליעט צום פּלויט, פון שטיינער אָנגעהויפנט, און פון איר טראַכט זיינען אַרויס זעקס בלינדע הינטעלאַך מיט ווייסע און שוואַרצע פלעקן און אַ פייכטן גלאַנץ.

נעלי׳ס אויגן זיינען געווען פאַרלאָפן און איר פעל האָט געציטערט און אויפגעטרעסלט די בלינדע, פייכטע קינדער, וואָס האָבן זיך געגליטשט איבער די ציצן. דער גאַנצער קערפּער איז געווען ווי צוגעשמידט צו פייכטער פרימאָרגן־ערד, נאָר דעם קאָפּ האָט זי אַלעמאָל געדרייט צו די זעקס נפשות׳לאַך, וואָס האָבן זיך אומבאַהאָלפן עפּעס ווי געבוואַליעט און געזוכט מיט פייכטע מיילער.

נעלי האָט דערפילט אַ וואַרימקייט אַף דער ציטערדיקער פעל, האָט זי פאַרריסן דעם קאָפּ אין דער הויך און פאַרזשמורעט די אויגן פון גרויסן וואַרימען ליכט וואָס איז געפאַלן אַף איר. די זון האָט זיך שוין אַרויפגערוקט העכער אין הימל און שוין געוואַרימט

דאס נאקעטע פעלד און אויך דאס שטיק פלויט, הינטער וועלכן נעלי איז געלעגן.

נעלי האט מיט דער צונג ארומגעלעקט און ארומגעוואשן אירע קינדער.

פון הינער־שטיבל איז ארויסגעקומען די פארמערקע מיט אן עמער אייער, וואס זי האט ערשט אנגעקליבן אין די שטרויענע נעסטן, וואס זי האט אליין פארגרייט פאר די הינער. די לינקע האנט האט זי געהאלטן אין עמער, צוגעטוליעט צום בויך, און מיט די דארע אויסגעארבעטע פינגער האט זי געצערטלט די נאך וואַרימע אייער, וואס האבן מיט מאמע־ווארימקייט געגלעט איר הארץ.

זי האט זיך אראפגעלאזט לעבן נעלי'ן, צוזאמענגעצויגן די דארע ליפן:

— פור נעלי (ארימע נעלי).

און א גלעט געטאן נעלי'ן איבערן קאפ. נעלי האט הינטיש־אונטערטעניק איינגעצויגן דעם קאפ, ווי פאר א קלאפ, און באלד אים נאכגעגעבן.

די פארמערקע האט זיך אויפגעשטעלט, ארונטערגעווארפן פון זיך די ווייכקייט, צוגעלייגט א האנט צום מויל, ווי א דעכעלע, און א שלשלתדיקן קוויטש געטאן:

— א דזשא־א־אן!

פון ווייט איז צוריקגעקומען:

— א הא!

ס'איז צוגעקומען דער פארמער, מיט א ברוינעם, ערדישן פנים, ארויפגערוקט דעם ברייטן שטרוי־הוט אויף דער פאטעל־ניצע, זיך א קראַץ געטאן, אפגעשפיגן פון זיך א ברוינע מאסע, א וויש געטאן מיט דער האנט, ווי א פון זון צעפלאצטע שטיק ערד, די נאסע מארדע און א ווארטשע געטאן:

— ניש'קשה פון א פאמיליע, ביי גאד!

נעלי האט זיך נאך מער איינגעקארטשעט און נאך קלענער געווארן.

שפעטער האט נעלי גענומען די קינדער, איינציקווייז, צווישן די ציין. זי האט זיך ליכט איינגעקלאמערט אין די פעלעכלאך איבער די ווייכע רוקנס און זיי אוועקגעטראגן אין שייער. גע־גאנגען איז זי שוואך, ווי א מאמע נאכן האבן.

עטלעכע טעג האט די מאמע געניאנטשעט די קינדער. פאר־שוואונדן געווארן פאר שטונדן. די קינדער זיינען זיך צעקראכן איבערן גאנצן שייער, יעדער אין אן אנדער פלאץ. כאטש אלע האבן געזוכט דאס זעלביקע, דער מאמע'ס ציצן. אז נעלי איז צוריק־געקומען, האט זי זיי צוזאמענגעקליבן אפן זעלביקן פלאץ, וואו זי האט זיי געבראכט צום ערשטן מאל אין שייער.

איין נאכמיטאג איז נעלי צוריקגעקומען. זי האט ארומגעזוכט דעם גאנצן שייער, זיך געדרייט לאנג אין א ראד ארום זיך און אוועק פון דארטן מיט אן אראפגעלאזטן קאפ, פוזינדיק ארום ווי דאן נאכן האבן.

נעלי'ס פאמיליע איז צעשפרייט געווארן אף מיילן ארום.

ביל איז אריינגעפאלן צו א אידישן פארמער. די פארם איז געווען א פארווארפענע, ווייט פון וועג. מען האט זיך געדארפט שלענגלען א לאנגן וועג, ביז מען האט זיך דערשלאגן צום אידנ'ס פארם. דער איד האט זי געקויפט, ווייל ער האט אנגעהויבן ליידן פון אסטמא און פיינט געהאט די גרויסע שטאט, ווייל ער האט פיינט געהאט מענטשן, ווייל ער האט פיינט געהאט צו ריידן, געווען א פארביסענער, אין זיך. ער איז אויפגעוואקסן געווארן אין א דארף, האט ער ליב געהאט די ארבעט דא. ווען ער האט אפגעקויפט די פארם מיט די אכט קי און צוויי פערד, האט אים דער אלטער פארמער אויך איבערגעלאזט דעם הונט, באסטער, אן אלטער, אן ציין, מיט אן אויסגעקראכענער קאלירלאזער פעל. ביל'ן האט דער פארמער ניט געוואלט און ניט געדארפט. באס־טער איז שוין געווען. און ער איז אלט, געזעצט און קריכט ניט

אין די אויגן אריין. נאָר אַז דער גוי'אישער פּאַרמער האָט אים געבראָכט, האָט ער ניט געוואָלט אַפּזאָגן: ער האָט אפילו גע־שמייכלט. כאָטש ער האָט פאַרמאָגט די ערנסטקייט פון אַן אַלטן אַמעריקאַנעם פּאַרמער, ביי וועמען דאָס מויל איז אַנגעזעטיקט מיטן אַרום און האָט ניט קיין פּלאַץ פאַר ווערטער. האָט ער צו־גענומען דאָס קליינע הינטל. דער פּאַרמער האָט אים גערופן ביל, האָט ער אים באַגריסט:

— האַלאָ, ביל!

און אפילו אַ גלעט געטאָן מיט אַ צעשערבערטער האַנט ווי אַ ריב־אייזן.

ביל'ס פעל האָט געהאַט צוויי קאָלירן: ווייס און שוואַרץ אויסגעקוקט האָט ער, ווי ער האָט אינגאַנצן געדאַרפט זיין ווייס, נאָר איבער זיין שלאַנקן רוקן האָט זיך ווי אַ זאַטל אַריבערגעוואָרפן אַ שוואַרצער פלעק. אויך דער קורצער עק, און צווישןביידע זייטן פּיס וואו דער עק ליגט, ווי אין אַ קאַרעטע, איז געווען שוואַרץ, די נאָז איז געווען ווייס, נאָר העכער האָט זיך אַ צי געטאָן אַ שוואַר־צער סאַמעט איבערן קאָפּ און אָפּגעשוואַרצט די צוויי שפּיציקע אויפגעשטעלטע אויערן. אין מיטן פון שוואַרצן גלאַנציקן קאָפּ איז דורכגעלאָפן אַ ווייס שנירל, ווי אַ שרונט בּאַ אַ מענטשן.

ביל האָט נאָכן גלעט אַנגעשטעלט אַ פּאָר קיילאַכדיקע אויגן אַפן נייעם מענטשן. דער אידישער פּאַרמער איז געווען אַ דאַרער, אַ הויכער, זיין פּנים און הענט ווי הרודעס ערד צוגעברוינטע און צעטראַסקעט פון ווינט. ער האָט אַרומגעשנאָרכט מיטן נעזל דעם פּאַרמער'ס גלאַנציקע הויזן, קיילאַכדיקע ווי רערן, זיך געפּלאָנטערט פון איין פּאַרמער'ס פיס צווישן צווייטן.

ווען דער פּאַרמער איז אַוועקגעגאַנגען, איז ביל אַ ווײַלע גע־שטאַנען ווי פאַרטראַכט און באַלד גענומען אָניאָגן דעם פּאַר־מער. נאָר יענער האָט אים אָפּגעטריבן פון זיך. ביל איז געבליבן שטיין אין אַ פּאַזע, גלייך ער וואָלט זיך געלאָזט גיין מיט איינמאָל אַף צוויי וועגן: מיט די פיס צום אידישן פּאַרמער, דעם נייעם

באַלעבאָס, און מיטן קאָפּ און די אויגן — נאָכן אַלטן באַלעבאָס. דאָס יונגע האַרץ האָט זיך געשראָקן פאַרן נייעם, פאַרן פרעמדן און די אויגן האָבן געקוקט מיט געבעט פון אַ קינד. נאָר דעם פאַרמער׳ס האַרץ איז געווען האַרט און נאָך די זיכערע פאַראויס־דיקע טריט, האָט ביל געזען, אַז ס׳איז אַלץ פאַרפאַלן. ביל האָט דערפילט טריט פון זיין מין. פון שטאַל איז אַרויס באָסטער מיט זיין קאַלירלאָזער אויסגעקראַכענער פעל. ער האָט זיך אינסטינקטיוו אַ לאָז געטאָן צו ביל׳ן, פון געוואוינהייט, ניט מיטן געדאַנק. באַלד זיך צוריקגעכאַפּט און גענומען גיין פּאַמעלאַך, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט, אַז ס׳פּאַסט ניט פאַר אַן עלטערן זיך אַ יאָג צו טאָן אויף אַזאַ שנעק. ביל האָט זיך אַ צי־געטאָן צוריק, בלויז די פיס צוריקגעבויגן, נאָר געבליבן אויף זיין פּלאַץ, ווי די נעגל וואָלטן זיך פאַרהאַלטן אין דער ערד. באָסטער האָט זיך דערנעענטערט און גענומען אַרומשמעקן דעם גאַסט. דערזען דעם פאַרמער גיין צו דער שטאַל, האָט ער איבערגעלאָזט ביל׳ן און זיך אַ יאָג געטאָן צו דער שטאַל.

ביל איז געבליבן אַליין און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. האָט ער גענומען אַרומבלאָנקען אַרום הויז, אַרומגעקוקט און אַרומגעשמעקט די נייע היים, זיך געשפּילט און אַרומגעיאָגט איבער דער לאָנקע, אַריינגעשפּרונגען אין גאָרטן און אָנגעהויבן אַרומשמעקן די הינער־שטיבלאַך. ער איז צוריק אַרויסגעקומען לעבן דער שטאַל.

דער פאַרמער האָט אַרויסגעפירט צוויי ברוינע שווערע פערד, אַריבערגעוואָרפן איבער יעדן אַ כאָמוט, אויסגעפּלאָנטערט די לאַנגע לעדערנע לייצעס און זיי אויסגעצויגן. ער האָט גערעדט צו זיי ווי צו נאָענטע. מיט גוטן און מיט בייזן. באָסטער האָט זיך געדרייט אַרום די פערד, ווי אַן אַלטער דינער. אַז דער פאַרמער האָט אַ שמאָטשקע געטאָן מיט די ליפּן און די פערד האָבן גענומען גיין באַרג־אַרונטער צום וואַלד, איז באָסטער זיי פאַרלאָפן דעם וועג און געטאַנצט פאַראויס, מיט אַן אויסגעדרייטן קאָפּ צוריק. ביל איז נאָכגעלאָפן פון הינטן, נאָכן פאַרמער, וועלכער

האט געצויגן די לייצעס, ווייט פון הינטן, ווייל דער וואגן איז ניט געווען.

אין וואלד האט דער פארמער צוגעטשעפעט צו די פערד, מיט א קייט, א לאנגן דעמב, ווענעם צווייגן זיינען שוין געווען אפ־געהאקט.

ארויסקריכן מיטן דעמב פון וואלד איז געווען שווער. דער וועג, ניט קיין אויסגעפארענער, האט זיך געדרייט צווישן ביימער, אנגעפאלענע צווייגן, אפגעהאקטע שטאמען, ארויסגעשטארצטע ווארצלען און שטיינער. די פערד האבן געריסן פון זיך דאס גע־זונט, זיך באנאסן מיט שוויים. אז איינער פון זיי האט זיך אביסל נאכגעלאזט, האט דער פארמער נאר באדארפט א רוף טאן: „באסטער" און באסטער האט זיך מיט די לעצטע כחות א יאג געטאן פאראויס און מיטן אלטן מויל אריינגעכאפט א שטיק פערדישע פוס. אז דאס פערד האט דערפילט באסטער׳ס מויל אפן פוס, האט זיך עס א ריס געטאן — ניט פון ביס פון באסטער׳ס מויל אן ציין, נאר פון אלטער געוואוינהייט, פון ציטער פון אמא־ליקע ציין.

ביל האט זיך אויך פארמאסטן א לויף צו טאן פאר די פערד, נאר באסטער האט שוין ניט געלאזט קיין פלאץ פאר אים אף דעם שמאלן, נאך ניט אויסגעטראטענעם וועג, איז ער אוועק צו דער הויז.

ס׳האט זיך אנגעהויבן פאר ביל׳ן אן ארים לעבן.

דער פארמער איז געווען א קארגער. ער האט געלעבט אף קאשע און טיי. איינער אליין האט ער געלעבט אף דער פארוואר־פענער פארם. די ווייב זיינע, אן אויסגעמאגערטע, א הויכע ווי ער, איז געווען ווינטער אין שטאט און געארבעט. זי האט גע־האלפן אפצאלן די פארם.

ביל׳ן איז אנגעקומען שווער צו קריגן עסן. ער האט געניש־טערט און געזוכט און געלאפן אף ווייטע, פרעמדע פארמס.

אמאָל אַף אַ זונטיק, איז געקומען די ווייב. דעמאָלט איז דער פּאַרמער געווען פריילאַכער. און ס'איז געווען אויסגעשמאַטשקעטע צעברעקלטעביינדלאַך פון אַ הון. אַף זיין חלק איז אויסגעקומען מער, ווייל דער אַלטער באָסטער האָט געגעסן לאַנג און ווייניק. ס'איז אים אָנגעקומען שווער דאָס קייען. באַ ביל'ן איז עס געווען אַף איין צאָן: אַ האָס, אַמאָל מיט די ציינער, צוויי דריי קנאַק, אַ שלונג און די אויגן זוכן שוין ווייטער. באָסטער האָט גע'מעלה־נרה'ט, געקוקט מיט אַן אויג זייטיק אַף ביל'ן און געוואַרטשעט אונטער דער נאָז.

ביל איז געווען שטענדיק הונגעריק און קיין ליבע האָט אים דער פּאַרמער ניט אַרויסגעוויזן. דעם פּאַרמער איז געווען שווער ליב צו האָבן, אפילו דעם וואָס ער האָט ליב געהאַט.

ס'האָט זיך אויסגעשפּרייט פאַר ביל'ס יונג לעבן אַ ווייסע וועלט. ס'איז אַזוי אַוועק וואָכן און חדשים. ביל איז געוואַקסן, שנעל געוואַקסן, זיך געהויבן אַלץ העכער אַף די פיס און זיך גע־צויגן אין דער ליינג.

וואָכן און חדשים און אַלע טאָג דאָס זעלביקע.

דער באַלעבאָס האָט געשפּאַנט די פערד און ער מיט באָס־טערן זיינען געלאָפן פאַראויס. נאָכן שפּאַנען די פערד, האָט ער שוין געוואוסט צי מען גייט אין וואַלד אריין שלעפּן אָפּגעהאַקטע ביימער, צי מען פאָרט אין שטעטל און מען שטעלט זיך אָפּ לעבן דער גרויסער קראָם מיטן ברייטן און לאַנגן גאַניק, וואָס איז אָנ־געשטעלט מיט זעק און קעסטעלאַך.

אַז דער באַלעבאָס האָט געהאַקט ביימער, איז באָסטער גע־לעגן און נאָכגעקוקט יעדע באַוועגונג פון באַלעבאָס, ווי ער הויבט די האַק, ווי ער לאָזט אַרונטער מיט אַ „האַ!". ביל האָט ניט גע־קענט ליגן אַף אַ פּלאַץ. אָט האָט ער זיך געזעצט און אָט איז ער אויפגעשפּרונגען און זיך גענומען יאָגן נאָך אַ וועווריק אָדער אַ פאַרביילויפנדיקן האָז. יענע זיינען געווען פלינקער פון זיין בליק. מיט באָסטערן איז ער שוין געווען פריינטלאַך. קיין אַנדערע הינט

זיינען ניט געווען. דער פארמער האט אים געיאגט פון זיך. ער איז געווען צו־ווילד, געקראכן אין די אויגן אריין. ניט אזוי געזעצט ווי באסטער.

אין מיטן ווינטער האט פאסירט עפעס, וואס האט געמאכט דעם פארמער נאך פיינטלאכער צו ביל'ן.

ס'איז געווען אזוי:

דער פארמער האט צוגעשטעלט די מילך פון זיינע אכט קי צו א גרויסער קאמפאניע. יעדן אינדערפרי פלעגט ער אוועקפירן עטלאכע גרויסע בלעכענע קאנען מילך אפן וועגעלע. דאס איז געווען די אינטערעסאנטסטע צייט אין די נודנע ווייסע ווינטער־טעג. ביל און באסטער פלעגן נאכלויפן און ארומקרייזן פערד און וואגן. באסטער האט געטאן זיין געוויינלאכע ארבעט פון אונטער־יאגן מיט זיין אלטן מויל דאס פערד וואס איז געווען אביסל הינ־טערשטעליק. יעדן חודש איז געקומען פון דער קאמפאניע דער וועטערינאר און באטראכט די קי, צי זיי זיינען געזונט און מען מעג נוצן זייער מילך. איז יענעם חודש געקומען דער וועטערינאר און זיך לייגנער אפגעשטעלט לעבן קוויני'ן, א ברוינע קו מיט געלע און שווארצע פלעקן.

אז דער פארמער האט געזען, ווי דער דאקטאר פארקעט זיך דארטן צו־לאנג, האט ער גענומען פארשן יענעמ'ס פארטראכט פנים און זיך עפעס דערשראקן.

— וואס איז דער מער, דאקטאר?

— אט, די קו האט שווינדזוכט, וועסט זי דארפן שיסן.

דער פארמער האט דערפילט, ווי מען וואלט אים איבערגע־גאנגען מיט אן אקער איבערן הארץ. ער איז געבליבן שטיין מיט א האלב אפן מויל, מיט פארשלונגענע ווערטער.

יענעם טאג איז דער פארמער ארומגעגאנגען, ווי אף א פרעמ־דער וועלט. ער האט געהאלטן אין איין דרייען ציגארעטלאך און געשפיגן. ער האט געטראכט וועגן גרויסן שאדן, וועגן „מארט־

גערדזש" און וועגן לעבעדיקן נפש, וואָס ער וועט דאַרפן דער־שיסן.

ער האָט עס ניט געקענט טאָן. ער האָט געוואָלט גיין צום נאָענטן פאַרמער, יענער זאָל עס טאָן פאַר אים. ער האָט זיך אָבער געשעמט. מען וועט לאַכן פון אידישן פאַרמער.

גאַנץ פרי, נאָך אַן אומרואיקער נאַכט, האָט דער פאַרמער גענומען קוויני'ן און זי אַוועקגעפירט אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל אין פעלד. ווען דער פאַרמער האָט אָפּגעבונדן דאָס שטריקל און גענומען אַרויספירן קוויני'ן, האָט זי געמרוקעט, גלייך זי וואָלט פאַרשטאַנען, וואוהין מען פירט זי און זיך געזעגנט מיט די זיבן קי. די ביקס האָט ער געהאַלטן פאַרשטעלט, קוויני זאָל זי ניט זען. קוויני האָט זי אָבער, ווייזט אויס, געפילט, ווייל זי האָט אַלע מאָל אויסגעדרייט דעם קאָפּ, געצויגן דעם האַלז און געקוקט אַף אים מיט שטומע בעטנדיקע אויגן. ער האָט אַ שפּאַן געטאָן מיטן שטריקל פאַראויס. ער האָט ניט געקענט זען קוויני'ס אויגן. ער איז געגאַנגען פאַרטראַכט, פאַרטאָן אין זיך. ער האָט זי צו־געבונדן צו אַ בוים, אַ הויב געטאָן די ביקס און אַוועקגעטריבן די הינט. ער האָט ניט געוואָלט זיי זאָלן דאָרטן זיין... באַסטער האָט קיין סך טענות ניט געמאַכט, אַרונטערגעלאָזט דעם עק צווישן די פיס און זיך שנעל אָפּגעטראָגן. שווין געווען באַ אים אַ געוואוינהייט צו פאָלגן דעם באַלעבאָס. ביל האָט זיך אויך אַ יאָג געטאָן צום אַוועקלויפן, נאָר באַלד זיך אויסגעדרייט און זיך אָפּגעשטעלט קוקן אַפן באַלעבאָס. ער האָט געפילט, אַז דאָ וועט עפּעס באַלד פאַרקומען, עפּעס אויסערגעוויינלאַכס. יענער האָט געכאַפּט אַ שטיין און אַ שליידער געטאָן אַף ביל'ן מיטן גאַנצן כח.

דער פאַרמער האָט אויפגעהויבן די ביקס קעגן קוויני'ן. די קו האָט זיך אַ ציי־געטאָן צוריק און אויסגעצויגן שטייף דעם נאָכ־געלאָזטן שטריק. זי האָט אַ פאַרצווייפלטן מרוקע געטאָן און אָנ־געשטעלט צוויי קיילאָכדיקע תמ'עוואַטע אויגן מיט רחמנות. דער פאַרמער האָט אַראָפּגעלאָזט די ביקס. פאַרביסן די ליפּן, ניט גע־

וואוסט וואָס צו טאָן. ער האָט געוואָלט צוגיין צו קוויני'ן און איר אַ גלעט טאָן. זיך געגעבן אַ גלייך אויס, געמאַכט האַרץ, ראַפּטאַם אַ הייב געטאָן די ביקס, צוגעשטעלט צו קוויני'ס מוח און — באַלד, נאָכן אָפּהילכנדיקן קנאַל, וואָס האָט זיך אָוועקגע־קאַטשעט איבער פּוסטע ווייטע פעלדער, האָט זיך אַ ריס געטאָן אַ מאַוים'דיקער וואָיע צום הימל.

ביל איז געשטאַנען אויף דער שטיינערנער צוים. ניט ווייט פון בוים, מיט אַ פאַררוסענער מאָרדע. דער פאַרמער האָט זיך אויס־געדרייט צום ביל'ן, זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. פון פאַר־מער'ס מויל האָט אַ שפּיי געטאָן אַ בייז וואָרט. ביל האָט עס פאַרשטאַנען, האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון פּלויט און גענומען זיך יאָגן איבער די ווייסע פעלדער.

קוויני'ס פיס האָבן מער ניט געקענט פאַרטראָגן דעם שווערן קערפּער, האָבן זיי גענומען זינקען — דאָס שטריקל, וואָס איז געווען צוגעבונדן צום בוים, האָט זיך אויסגעצויגן. — לעבן בוים האָט זיך געשלענגלט אַ רויט שנירל. ס'איז באַלד פאַרפרוירן געוואָרן.

שפּעטער, ווען דער פאַרמער איז צוריקגעקומען און זיך אַרונ־טערגעלאָזט דעם קליינעם בערגל, פאַרן הויז, איז אים ביל חוצפה־דיק אַנטקעגנגעשפּרונגען, גלייך צווישן זיי וואָלט גאָר ניט פּאַ־סירט. נאָר יענער האָט אים צוגעוואָרפן אַזאַ פייליקן בליק אַז ער האָט זיך באַצייטנס אָפּגעטראָגן. ער איז אַוועק, אַנפאַנגס — פּאַ־מעלאַך, דערנאָך — גענומען יאָגן זיך באַרג־אַרויף און מיט אַמאָל, גלייך ער וואָלט פאַרגעסן אַן אַלץ, האָט ער זיך עטלאָכע מאָל דורכ־געקאַטשעט אין שניי, אַ ווײַלע געלעגן אויפן קריזש מיט די פיס פאַרריסן אין דער הויך, זיך אַ וויג געטאָן אַזוי אַהין און צוריק, ראַפּטאַם אויפגעשפּרונגען, צעשפּרייט די פיס, אָפּגעטרייסלט דעם שניי און אַוועקגעלאָפן ערגעץ אין דער ווייטקייט.

פון דעמאָלט אָן האָט אים דער פאַרמער טאָקע פיינט געקראָגן.

אזוי האָט זיך געצויגן פאַר ביל׳ן אַ לאַנגער, ווייסער ווינטער אויף דער פאַרוואָרפענער פאַרם מיטן ניט־פריינטלאַכן באַלעבאָס, מיטן אַלטן באַסטער, עלנט און הונגעריק.

ווען דער פרילינג איז אָנגעקומען, האָט ער שוין געטראָפן ביל׳ן אַ הויך־געוואַקסיקן, מיט אַ גלאַנציקער ווייס־שוואַרצער פעל און הויכע, דינע פיס.

מיטן פרילינג איז ביל געוואָרן אומרואיקער און אויפגעלעבטער. דער פרילינג האָט אַריינגעגאָסן וויין אין זיינע אָדערן און אים פאַר׳שיכור׳ט. ער האָט אָנגעהויבן אָפט וואַנדערן איבער ווייטע פאַרמס, געשפּיצט די אויערן נאָך זיין מין, געוואָלט אַנקניפּן פריינטשאַפט. מען האָט אים אָבער געיאָגט.

ערשט אין רעכטן מיטן זומער איז געקומען אַן ענדערונג אין ביל׳ס אָרים לעבן.

דער פאַרמער האָט אַרויסגעפירט ביידע פערד, אין אַ שטאַרק הייסן טאָג. באַסטער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַן אָפן מויל און די צונג, אַ לאַנגע, אַ שפּיציקע, האָט אַראָפּגעהאַנגען. ביל איז אויך צוגעקומען. פויל האָט ער זיך אויפגעהויבן פון זיין שטענדיקן פּלאַץ און זיך געלאָזט גיין צו די פערד. אויפן פּלויט, לעבן שטאַל, האָט ער דערזען צוויי פייגעלאַך, מיט געל־גאָלדענע פליגעלאַך, רויטע בייכעלאַך און אויפגעשטעלטע טשובעקלאַך. זיי האָבן זיך ביידע געצופּט מיט די ביינערדיקע שנאָבלען. ביל האָט געגעבן אַ שפּרונג צו זיי — די פייגעלאַך האָבן אַ פאָכע געטאָן מיט די פליגעלאַך און מיט אַ צווישטשעריי זיך אַ הייב געטאָן אין דער הויך און אַרויף אויפן נאָענטן בוים. דאָרטן האָבן זיי, גלייך ס׳וואָלט גאָרניט פּאַסירט, ווידער אָנגעהויבן זיך צופּן מיט די ביינערדיקע שנאָבלען.

ביל איז געבליבן שטיין מיט אַ פאַררוסענעם קאָפּ אַרויף. געשטאַנען און געשטאַנען, ביז ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט און געבליבן זיצן אויף די הינטערשטע פיס.

ווען ער איז צוגעקומען צו דער שטאַל, איז שוין קיינער דאָרט ניט געווען. די פאַרם איז געשטאַנען אַ פאַרלאָזטע, אַ פאַר־טייעטע פון דער באַטאַגיקער זומער־זון.

ביל איז פאַמעלאַך צוגעגאַנגען צו דער וועראַנדע און זיך אַוועקגעלייגט, אָנשפאַרנדיק די מאָרדע אַף די פאַרדרייטע לאַפּעס. ער האָט פאַרזשמורעט די אויגן און געדרימלט און געוואַכט.

פון דער אָפענער טיר פון לאַנגן קאָרידאָר איז אַרויסגעקומען די קאַץ. ביל האָט געעפנט די אויגן און זשמורענדיק איר נאָכגע־קוקט. די קאַץ האָט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ אַף רעכטס און אַף לינקס, איז צו צום בוים, וואָס האָט מיט זיינע צווייגן פאַרשאָטנט אַ האַלב הויז, זיך געגעבן אַ צי, אַ בויג געטאָן דעם רוקן, אַ מעסט געטאָן מיט די אויגן די הויך און — האָפּ! אַ שפרונג געטאָן אַפן בוים, זיך איינגעשטאָכן מיט די נעגל אין דער קאָרע און אַרויף, אַרויף. דאָרט וואו די צווייגן צעטיילן זיך האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, געגעבן מיט אַמאָל אַ שפרונג און — ס'האָט זיך דערהערט אַ פּישטש, אַ מאַך פון פליגעלאַך און אַ פויגעלע האָט זיך אַ הייב געטאָן און — הײַדאַ...

צי דערפאַר, ווייס ס'איז געווען אַ שיינער טאָג און ס'האָט זיך איר געוואָלט אַ שטיף טאָן; צי דערפאַר, ווייל ס'איז איר ניט געלונגען צו כאַפּן דאָס פייגעלע און זי האָט זיך געוואָלט מאַכן, אַז זי האָט ניט געמיינט דאָס פייגעלע, נאָר גלאַט אַזוי — זי האָט זיך ווידער געגעבן אַ צי, אַ שפרונג און אָנגעכאַפּט אַ בלעטל, אויסגעצויגן אַ לאַפּקעלע און אַ שטיף געטאָן מיט אַן אַנדער בלעטל.

ביל האָט זיך געמאַכט שלאָפנדיק, נאָר מיט אַן אָפן אייגל גנבה'דיק געקוקט אַף דער קאַץ.

די קאַץ איז אַרונטער פון בוים און זיך געלאָזט גיין פאַזע דער וואַנט פון הויז צו דעם קיך־פליגל.

ביל האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ אויף און זיך אַ יאָג געטאָן צו דער קאַץ. די קאַץ איז אַרויף אַף דער קופּע אָנגעוואָרפענע צע־

האקטע קלעצלאך האלץ, זיך איינגעצויגן און אויפגעהארבט דעם רוקן. די וואנצעס האבן זיך בא איר אנגעשטייפט ווי שפיזלעך און גרין־גאלדענע פייערלאך האבן אויפגעבליצט אין אירע אויגן און געשטאכן.

ביל האט זיך א צי געטאן אף צוריק. ס'איז אים געווארן אומ־היימלאך פון דער מאדנער באשעפעניש.

די קאץ איז ארונטער פון דער קופע האלץ און איבערגעשראקן א גרויסע הינער־משפחה וואס האט געזוכט אין מיסט ארום דער קיך. זיי זיינען זיך צעלאפן אין אלע זייטן.

די קיך איז ניט געווען קיין פעסט געמויערטע, נאר א הילצערנע, א פליגל צוגעטשעפעט צו דער גרויסער צוויי־שטאקיקער הויז. דער דיל פון דער קיך איז ניט געלעגן גלייך אף דער ערד, נאר אונטערגעשפארט מיט שטיינער אין אלע פיר ווינקלען און אין מיטן, כדי ער זאל זיך ניט איינזאפן מיט דער פייכטקייט פון דער ערד.

די קאץ איז ארונטערגעשפרונגען אונטערן דיל, וואו זי לויפט תמיד אין אן עת־צרה, א שטייגער ווען זי כאפט א נאש און מען צעבייזערט זיך אף איר.

ביל האט מיט זשעדנע אויגן, מיט אנגעזאפטער פרילינג־אומרו און גלוסטונג אין זיינע גלידער, נאכגעציטערט דער קאצ'ס גאנג.

ער איז, קריכנדיק אף אלע פיר, ארונטער הינטערן דיל.

צי פון שרעק, צי פון היפנאז פון ביל'ס גליענדיקע אויגן — די קאץ איז געזונקען אף אירע פיס און זיך ניט גערירט; זיך איינגעשטאכן מיט די לאפעס אין דער ערד און א פארטייעטע געגלאצט מיט תמ'עוואטע אויגן און געווארטשעט אונטער דער נאז. ביל'ס האריקער קערפער האט זיך גערוקט אף איר ווי א וואלקן.

פארנאכט איז אנגעקומען דער פארמער. באסטער איז געלאפן אן אויפגעלעבטער פאר די פערד. דער וואגן איז געווען געפאקט

מיט פרויען און קינדער. דעם פּאַרמער׳ס ווייב איז אויך געקומען מיט די געסט.

אַף דער פּאַרם איז געוואָרן טומלדיק, לעבעדיק. דער פּאַר־מער איז געווען אַנגעטאָן ווי אַ ישוב׳ניק וואָס קומט אין שטאָט אַריין אַף ימים נוראים. ער האָט אַפילו אַ שמייכל געטאָן.

ביל האָט אויפגעלעבט, גענומען אַרומשפּרינגען אַרום וואַגן, אַרום די ווייבער און קינדער, באַלד געוואָרן היימיש מיט יעדן, געשטיפט פריילאַך מיט די קינדער, אויפגענומען נוטמוטיק די פּעטשלאַך און זיך געלאָזט דרייען און רייסן די נאָז פון קליינע פינגערלאַך.

ביל׳ן איז געוואָרן גוט.

מיטאָג־צייט איז אים גאַר געווען פריילאַך. פון אַלע זייטן האָט מען אים געטראָגן ביינער און ביל האָט געכראַמטשעט און הנאה געהאַט. ס׳האָט שוין ניט געפעלט קיין עסן.

די קאַץ האָט זיך שוין פאַר ביל׳ן ניט געשראָקן, ניט אַנטלאָפן פאַר אים. און אפשר איז עס געווען פון שרעק?

אָפּט, נאָכמיטאָג, ווען די ווייבער האָבן שוין אָפּגעגעסן און זיך צוגעלייגט אין די „העמאַקס״, אָדער אָפּן גראָז אָפּן בערגל, האָבן זיי געזען ווי די קאַץ גייט פּאַמעלאַך, פּאַראויס, פּאַזע דער וואַנט, אַזוי פּויל, שלעפעריק; ביל גייט איר נאָך, אַביסל אָפּ־געטראָטן פון הינטן; די קאַץ גייט אַרונטער הינטער דער קיך, איינבויגנדיק די פיס. ביל׳ס האַריקער קערפּער פּאַרדעקט איר הינטער זיך. זי שטייט מיט געזונקענע פיס, פּאַרטייעטע אויגן און וואַרטשעט אונטער דער נאָז.

די ווייבער שטורכען זיך אין די זייטן און כיכיקען.

שבת איז צוגעקומען אַ נייער גאַסט. אַ יונגע ווייבל, איינע אַליין, אָן קינדער.

די ווייבל איז ניט געווען פּאַרנומען מיט קיך און קינדער. האָט געהאַט מער צייט פון די אַנדערע זיך אָפּצוגעבן מיט ביל׳ן און מיט באָסטער׳ן. און מער עסן האָט זי אויך געגעבן. יעדן טאָג

האָט זי געהאַט אַ טעלער ביינער און אַז זי האָט געגעסן, האָט זי די הינט ניט געטריבן פון זיך, נאָר כמעט זיך געטיילט מיטן עסן. אַ חוץ דעם איז זי ניט איינגעזעסן אויף קיין פּלאַץ. גאַנצע טעג האָט זי געקלעטערט אויף ארומיקע בערג, געלאָפן צום בריוו־קעסטל, אַ היפּשע שטרעקע פון פאַרם, און שפּאַצירט צו אַנדערע פאַרמס.

ביל איז שוין פון איר ניט אָפּגעטראָטן. באַסטער אויך ניט. ווי נאָר זי האָט זיך אַ הויב געטאָן פון איר פּלאַץ און געשטעלט אַ פוס, זיינען זיי ביידע אויסגעוואַקסן, וואו זיי זאָלן ניט געווען זיין. גלייך די ערד אונטער איר ערשטן טריט וואָלט זיי געלאָזט וויסן: אָט גייט זי ערגעץ.

דער ערשטער איז שטענדיק אויסגעוואַקסן ביל, באַלד באַס־טער, ווייל אויך אים איז נמאס געוואָרן, ווייזט אויס, דאָס דרייען זיך אַרום הויז. ביל האָט אים געטריבן און געיאָגט. און אַז ער האָט אים שוין פאַריאָגט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט קוקן, צי ער גייט שוין טאַקע ניט נאָך. און אַז ער איז שוין געווען זיכער, האָט ער זיך ערשט אַ יאָג געטאָן פאָראויס שטיפעריש און חוצפּה־דיק, ווי אַ זיגער.

צוליב דער ווייבל האָבן זיך ביידע הינט צעריסן. ס'האָט זיך צעפלאַמט אַ פאַרביטערטע שנאה. אָבער שטענדיק איז דער יונ־גער קרעפּטיקער ביל אַרויס דער חוצפּה'דיקער זיגער.

דער אַלטער באַסטער איז געוואָרן נערוועז, שטענדיק אַנגע־כמורעט.

ביל האָט אים געטאָן אין טויט אַריין.

אָט שפּילן זיך די קינדער אַרום דער וועראַנדע. די מאַמעס זיינען פאַרנומען אין קיך. ביל לויפט אונטער און כאַפּט עפּעס אויס אַ נאַש בײַ אַ קינד, ניט ווייל ער איז הונגעריק, — קיין עסן פעלט אים איצט ניט. דאָס יונגע ווייבל באַזאָרגט אים מיט גענוגביינדלאַך פון יונגע הינדעלאַך, וואָס צעגייען זיך אין מויל ווי פּוטער, — נאָר ער וויל גלאַט אַ שטיף טאָן. ס'איז אים גוט. באַסטער טוט אים נאָך. באַסטער איז טאַקע הונגעריק. ס'איז אים

שווער צו קייען די ביינער. נאר ער טוט עס ניט געשיקט. ביל איז פלינקער, כיטרער פון אים. איז אז באסטער גיט שוין עפעס א כאפ, כאפט ער דערווייל אריין א קינדערש הענטל. און כאטש ביים קען ער ניט, אבער פון דער באַרירונג פון הינטישן מויל, פון עקלדיקער פייכטקייט, ציטערט אויף דאס קינד און פארגייט זיך אין א קוויטשיקן געוויין. ביל׳ן גיט דער אינסטינקט א זאג אונטער, ער זאל זיך גלייך אפטראגן און ער איז שוין ניטא. און איידער באסטער פארמעסט זיך צו אנטלויפן — אהא, די ווייבער זיינען שוין דא מיט קוויטשיקע געוואלדן.

באלד וואקסט אויס פון ערגעץ דער פארמער. פון די געוואלדן און פון טייטלען מיט די פינגער אף אים, ווייס ער, אז קיין גוטס טראכט מען איצט ניט וועגן אים. שטייט ער מיט אן אראפגעלאזטן קאפ, א פארשולדיקטער און רירט זיך ניט פון ארט.

דער פארמער, וועלכער איז די ערשטע עטלאכע טעג געווען אויפגעלייגט פון פולן וואגן געסט, איז שוין ווידער דער שטענ־דיק־ברוגזיער — ס׳איז אים שוין נמאס געווארן אויסצוהערן די טענות — און ער האט מורא, די ווייבער זאלן אים ניט איבערלאזן, פירט ער אוועק באסטער׳ן אין שטאל און בינדט אים צו מיט א שטריק.

װאלט דאס געשען מיט ביל׳ן, וואלט ער גלייך איבערגעביסן דעם שטריק. אבער באסטער האט שוין קיין ציין ניט. באסטער קען ניט איינרוען אין שטאל. ער רייסט זיך אין אלע זייטן, עס ווארגט אים אין האלז. א גאנצע נאכט ברומט ער, קאוואטשעט פארשטיקט. ער האט שוין קיין כח ניט.

און ביל שפרונגט מיט חוצפה׳דיקער פרייד. ער טאנצט אזש אונטער.

ער דארף זיך מער ניט יאגן איבער די פעלדער נאך באס־טער׳ן, ווען ער גייט מיט דער יונגער ווייבל.

אַז דאָס ווייבל רוט, טרעט ער ניט אָפּ פון איר, ער נורעט איין די מאָרדע באַ איר אין שויס און דרימלט. אָבער צו יעדן ריר אירן איז ער וואַך.

איין טאָג איז צום ווייבל געקומען אַ מאַן. ביל האָט אָנ־געשפּיצט די אויערן, נאָכגעפאָרשט מיט די בליקן, געקוקט אַף איר, אַף אים און געוואָרן מיט אים אויך פריינט. ער טרעט פון ביידע ניט אָפּ. דער מאַן איז אויך גוט צו אים. אַז דער מאַן טרייבט אים אָפּ, לויפט ער צו איר. און פאַרקערט. נאָר אַז ביידע רופן אים, לויפט ער פריער צו איר.

יעדן טאָג זיצט דער מאַן אין איר צימער. ער זיצט איבער־געבויגן איבערן טיש און פליט מיט דער האַנט איבער ווייסע בויגנס פּאַפּיר. ביל שפּאַרט אָן די מאָרדע אָפן טיש און אַז ער זעט, אַז יענער קוקט זיך ניט אום אַף אים, ציט ער זיך אויס לעבן טיש צופוסנס און דרימלט האַלב וואַכנדיק.

ס'איז אים גוט. ער איז זאַט, ער איז פריילאַך.

באַסטער איז שוין צוריק אָפּגעלאָזט פון שטריק. דער יונגער ווייבל האָט געריסן דאָס האַרץ פון זיין נאָכאַנאַנדיקן קאַוואַטשען דורך די נעכט, האָט זי אים אָפּגעבעטן באַם פאַרמער און געגעבן צו פאַרשטיין די ווייבער, אַז באַסטער בייסט ניט און אַז די קינדער שרעקן זיך אומזיסט. אָבער ביל'ן גייט ער שוין ניט נאָך. ער האַלט זיך פון ווייטנס.

* * *

ס'האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט צייטיקע תבואה און צייטיקע פרוכט.

די געסט זיינען זיך צעפאָרן. די ערשטע זיינען אַוועקגעפאָרן דאָס ווייבל מיטן מאַן. ביל איז נאָכגעלאָפן דעם וואָגן ביז דער באַן־סטאַנציע און צוריקגעקומען אַ פאַרביינקטער מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ. אין אַ פּאָר טעג איז קיינער ניט פאַרבליבן אָפן פאַרם. דעם פאַרמער'ס ווייב איז אויך אַוועקגעפאָרן צוריק אין שטאָט אריין.

דער פאַרמער איז געבליבן אַליין און מער אַנגעכמורעט און ברוגז ווי שטענדיק.

און ווידער איז שוין ניט געווען קיין ביינער.

ביל האָט געביינקט און קיין פּלאַץ ניט געקענט געפינען פאַר זיך. דער פאַרמער האָט אים איצט נאָך מער געטריבן פון זיך. ס'זיינען שוין ניט געווען קיין געסט...

ביל האָט זיך אַוועקגעלאָזט איבער די פאַרמס. געטראָטן איבער דער ברייט און לענג פון פעלדער און וועלדלאַך. קופּער־געלע בלעטלאַך האָבן געוויינט אונטער זיינע פיס — און ס'איז אים געווען טרויעריק.

ער איז פאַרלוירן געוואָרן אַף גאַנצע טעג און אַז ער איז צוריקגעקומען, האָט ער זיך אַרומגעדרייט ווי אַ פרעמדער. ער איז קיינעם ניט אָנגעגאַנגען און ס'איז ניט געווען וואָס ס'זאָל אים אָנגיין.

באַסטער האָט זיך אַרומגעדרייט. אָבער ביל איז ניט געווען. דעם פאַרמער האָט עס ניט געקימערט. ביל האָט עס געוואוסט.

איז געקומען איינמאָל דער פאַרמער דזשאָנסאָן:

— אייער הונט מאַכט מיר אָן שאָדן. כאַפּט זיך אריין אין הינער־שטיבל און טוט אָן צרות. נאָך איין מאָל — וועל איך אים דערשיסן.

און ביי זיינען געקומען די ווערטער פון פאַרמער'ס מויל:

— וועל... שיס.

נאָך דזשאָנסאָנ'ס אַוועקגיין איז ביל געקומען.

דער פאַרמער האָט זיך ניט אומגעקוקט אַף אים.

ס'איז שוין געווען האַרבסט־קיל. און ביל האָט שוין באַלד פאַרגעסן זיין היים. ס'האָט זיך געשטעלט אַ זוניקער טאָג. אָבער די קעלט האָט געשפּיזלט און ביל איז געווען הונגעריק.

ער האָט דערזען אַ באַקאַנטע פאַרם, איז ער אַריין אין הויף, אַריבערגעשפּרונגען דער שטיינערנער צוים און אַריין אין הינער־שטיבל. די הינער האָבן אויפגעהויבן אַ טומל, אַ קוויטשעריי און

געקלאפט מיט די פליגלען אין שרעק. ס'איז געווארן א זאווערוכע פון קאלירטע פעדערן.

די פארמערקע האט אריבערגעקוויטשעט איבערן פעלד:

— העי, דזשאנ־סאן!

אז דזשאנסאן האט זיך דערנענט צום הויז און דערהערט דעם טומל אין הינער־שטיבל, האט אים דאס הארץ גלייך א זאג געטאן וואס דארט קומט פאר. ער האט איינגעקוועטשט דאס לינקע אויג און פעסט א מאך געטאן מיטן קאפ, ווי ער וואלט געזאגט, ענדלאך זיך דערוואַרט.

ער איז שנעל אריין אין הויז און באלד ארויסגעקומען מיט דער ביקס.

ביל האט דערפילט דאס אנקומען פון פארמער, האט ער זיך א ריס געטאן צום טויער.

ס'האט א קנאל געטאן. ביל האט געגעבן א שפרונג אונטער אין דער הויך, אזוי ווי ער וואלט זיך וואויל־יונגעריש א לאז גע־טאן א שטיף טאן איבער דער לאנקע, זיך געגעבן א דריי ארום, געמאכט א ראד אין הארבסטיקן טאג און א פאל געטאן צו דער ערד.

ביל איז געבליבן רואיק און ס'האט זיך געקענט דוכטן, אז דאס מאכט ער איינע פון זיינע שטיפערייען. ער וויל פארנארן א פליג, וואס דערקוטשעט אים, מאטב ער זיך שלעפעריק, און אז זי וועט צוקומען גאר נאנענט צום פנים מיט א זזז, וועט ער פלינק א הייב טאן דעם קאפ און — האפ — — —

וועט ניט דאס שנירל ווארימע בלוט.

דאַרע חלה

בייכיקע, פאַרריסענע פיל־שטאָקיקע מויערן, פאַרשוואַרצטע, פאַרשטויבטע, מיט שילדן באַהאַנגענע — הייבן זיך פוןביידע זייטן, ווי ריזיקע פעלזן און אין מיטן אַ שמאָלער טיפער פאַס, ווי אַ טאָל — די גאַס.

אין מיטן גאַס, אין טאָל, בלאָנקעט זיך אַרום אַ מענטש, אַ שמאָלער, אַ דאַרער, מיט צעפּלאָנטערטע זיג־זאַג־געדאַנקען און זוכנדיק אויגן — יצחק.

פון די, מיט שטויב באַהויכטע ברייטע פענסטער, גרילצן אַרויס צאַפּלדיקע, לעבעדיקע קלאַנגען און רייצן זיינע אויערן.

מיט זיינע אויגן טאַפּט ער אַרום די שוועדע שוואַרצע טירן און בלינדע ווענט — אַ שילדל, וואָס זאָל אויפבליצן אַ שטיקל האָפנונג. אומזיסט.

לעבעדיקייט אין גאַס רייצט זיך מיט אים. ער איז מקנא די, וואָס יאָגן זיך מיט די וועגעלאַך, מיט שניט־סחורה. אַלץ איז פאַרנומען.

אַ גאַנצן פרימאָרגן געקלעטערט איבער קרומע און סקריפּנדיקע שטיגן, געקלאַפּט אין טירן — נאָר באַגעגנט האָבן אים קאַלטע שטאָלענע בליקן, געמאָסטן זיין לייבג — און די טיר האָט זיך פאַר־האַקט אונטער זיין נאָז.

איצט בלאָנקעט ער זיך אַרום אין פאַרצווייפלונג. די פיס שלעפּן זיך, ווי פרעמדע, אָנגעטשעפּעטע. די הענט נאַכלעסיק אַראָפּגעלאָזט, די אויגן פאַרלאָשן, עס אַרט אים שוין ניט וואוהין זיי קוקן און וואָס זיי זען.

פאַבריקן האָבן אויפגעפייפט. צוועלף אזייגער.

הויב־מאַשינען האָבן זיך צעלאָזט. טירן האָבן אויפגעפּראַלט. אַ מענטשן־שטראָם איבער דער גאַס. פאַרביי אים. זיך אָנגעשטויסן אין אים. זיך ניט אומגעקוקט. ווייטער אין וועג. אָן רעקלאַך. אָן קעלנער, פאַרקאַטשעטע אַרבל — אין די רעסטאָראַנען, אָנגעפּילט, אָנגעפּאַקט.

אַ פאַרשעמטער און אַרויסגעשטויסענער, אין אַ ווינקל פאַררוקט, קוקט ער מיט קנאה׳דיקע בליקן.

זיך צוגעשלעפּט צום נאָענטן פּאַרקל, וואָס ליגט זיך רחבות׳דיק איבער דעם סקווער און זיך יאוש׳דיק אוועקגעזעצט.

ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. אַף דער צווייטער זייט באַנק איז געזעסן אַן איטאַליענישער שיך־פּוצער, געהאַלטן זיינע פיס אַף זיין קעסטל און פון אַ פּעקל האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַ „סענדוויטש" געמאַכט פון אַ גרויסן פלאַטשיקן איטאַליענישן ברויט. מיט גרויס אַפּעטיט האָט דער איטאַליענער אַריינגעלאָזט זיינע ווייסע, געזונטע ציין אין ברויט אַריין און ביידע באַקן זיינען אויפגעשוואָלן געוואָרן.

יצחק האָט פון דער זייט געוואָרפן זשעדנע בליקן —

עס האָט אַ פּאַך געטאָן אין דער לופט, עטלאַכע טייבעלאַך זיינען אַרונטער, אונטערטאַנצנדיק שפּאַצירט איבערן אַספאַלט און געצויגן די העלזער אַריין און אַרויס.

עטלאַכע טויבן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויפקלייבן די ברעקלאַך באַם איטאַליענער׳ס פיס און זיך באַלד צוריק געצויגן, מורא געהאַט איינצושטעלן. איינס, מיט אַ בלוילאַך צעשויבערט טשוביקל האָט געקראָגן מוט, פּאַוואָליע זיך דערנענטערט און גענומען פּיקן די ברעקלאַך; באַלד זיינען די איבעריקע צוגעקומען און אויך גענומען פּיקן.

יצחק האָט זיי מקנא געווען.

עס האָט אים פאַרקלעמט באַם האַרצן און ס׳האָט אים אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן. ער האָט זיי פאַרמאַכט, פעסט

איינגעקלאַמערט און אַ שוואַרצקייט האָט זיך צעגאָסן און אים אַרומגענומען.

איצט אין דער מינוט — האָט דער פּאַרהאַנג, וואָס האָט פאַר־שטעלט זיין ביז־איצטיקן לעבן, זיך מיט שוואונג אַליין אַ ריס געטאָן. און אַלץ האָט צוריק אויפגעלעבט פאַר זיינע אויגן.

אַ קייט פון ליידן האָט זיך געצויגן.

דער טאַטע איז געשטאָרבן, ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען. געבליבן די מאַמע מיט די קינדער. איז די מאַמע מיט דער עלטערער שוועסטער אַפּגעשטאַנען גאַנצע טעג אין מאַרק בא אַ שטעל מיט צעלניק. ער מיט די איבעריקע קינדער זיינען געבליבן אין הויז. איין גרויס צימער און אַ קיך. קאַלטע, נאַסע ווענט, מיט אָנגעפּרוי־רענעם שניי באַדעקט, פאַרפרוירענע פענסטער און אַ קאַלטער, נאַסער, ליימיקער דיל.

און אַז די מאַמע איז אַף דער נאַכט אהיים געקומען מיט דער שוועסטער, ביידע פאַרפרוירענע, דענערווירטע, מידע, צע־שמיסענע פון ווינט, האָט מען אָפּגעקאָכט אַ גרויסן טאָפּ זופּ פון קאַרטאָפליעס, זיך אָנגעוואַרימט די קישקעס און זיך געלייגט אין קאַלטן בעט.

די מאַמע שטענדיק אַ בייזע, אַן אָנגעכמורעטע, פלעגט אים שטיקער הענט אויסרייסן פאַר כאַפּן נאָך אַ שטיקל ברויט. עס לויפט אים דורך אין גערדאַנק און זיינע ליפּן מורמלען אויס: „אַ שלעכטע מאַמע געווען". „און אפשר איז זי גאָר ניט שולדיק געווען? ווער וויים צי אַנדערע מאַמעס אין אַזאַ לאַגע וואָלטן אַנדערש געווען?"

שפּעטער, אַז ער איז עלטער געוואָרן, האָט אים די מאַמע אָוועק־געגעבן אויסלערנען אַ מלאכה, האָט די שניידערקע געשאָטן מיט קללות און דער שניידער מיט פעטש. איז ער אַוועק. ס'האָט זיך אים זייער ניט געוואָלט שיידן מיט דער עלטערער שוועסטער, וואָס האָט געשלעפּט מיט דער מאַמען דעם יאָך פון פּרנסה. ער האָט זי ליב געהאַט. ער האָט אָבער געמוזט אַוועק.

ער האָט געאַרבעט אין אַן אַנדער שטעטל, אין אַ סקלאַד פון ברעטער, געאַרבעט שווער און טאָג און נאַכט באַדאַרפט היטן.

האָט זיך עס געצויגן פּאַסקודנע, נודנע. שווערע אַרבעט אין דער פּרעמד, ביז ער האָט אָנגעקליבן געווג געלט און אוועק קיין אַמעריקע.

געהאָפט, אַז דאָ וועט ער אַרבעטן שווער, ער איז דאָך שוין אַזוי געוואוינט צו דעם. ער וועט מאַכן גענוג געלט אַריבערצונעמען די עלטערע שוועסטער און שפּעטער וועט ער נאָך אַריבערנעמען די מאַמע מיט די קינדער.

ער האָט דאָ געטראָפן זיינעם אַ קאָזין. יענער האָט אים באַלד אוועקגעפירט אַף אַ „דזשאַב". „ווייטער — האָט ער אים געזאָגט — איז אַמעריקע אַ לאַנד, וואו מען דאַרף זיך אַליין העלפן".

אָפּגעאַרבעט אַ קורצע צייט און באַלד האָט זיך אויסגעלאָזט די אַרבעט, „סלעק", און אָט בלאָנקעט ער זיך אַרום.

— וואָס וועט זיין דער סוף ?

— אפשר צוגיין צום קאָזין ? — לויפט אים דורך אַ געדאַנק — עפּעס אָפּצועסן וועט ער דאָרט קריגן.

ער האָט זיך פאַרטראַכט, זיך אויפגעהויבן און זיך געלאָזט גיין.

ס'איז שוין געווען פאַרנאַכט, ווען ער איז אָנגעקומען צום קאָזין. די פרוי האָט צוגעגרייט וועטשערע. דאָס קינד, אַ מיידעלע פון אַ יאָר פינף, איז אַרומגעלאָפן איבערן הויז און זיך געשפּילט.

יצחק איז געשטאַנען אין קיך, געקוקט אָפן ברויט מיט דעם צוגעגרייטן אַפּעטיטנעם פאַרשפּייז. אין זיין נאָז האָט געקיצלט דער ריח פון אַ געשמאַקן מאַלצייט, אָפן אויוון.

עס האָט אים גענאָגט אונטערן האַרץ.

די פרוי איז אַריין אין צווייטן צימער, זיך דאָרטן פאַרזאַמט. יצחק'ן האָבן די הענט געצויגן, זיך אַליין געהויבן. ער האָט מיט די האַנט באַטאַפּט דאָס פרישע ברויט, די ווייסע שטיקער חלה, זיין האַנט האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף אַ שטיק אַלטע, דאַרע חלה.

עס האָבן זיך דערהערט טריט. ער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן. די הענט האָבן אַ כאַפּ געטאָן דאָס שטיקל דאַרע חלה און אַרונטערגערוקט אונטערן ראָק.

די פרוי האָט צוגעגרייט דעם טיש. דער קאָזין איז אָנגעקומען. מען האָט זיך געזעצט עסן.

— נו, יצחק, וואָס שטייסטו ? קום מיטעסן — האָט אים דער קאָזין איינגעלאַדן.

— אַ דאַנק, איך בין ניט הונגעריק.

און דער ריח פון די געשמאַקע מאכלים האָבן אויפגעציטערט די נאָז־לעכער.

— אַ, מאַך זיך ניט נאַריש.

דאָס קינד האָט געזען אַז ער לאָזט זיך בעטן, איז זי צו צו אים און אים גענומען שלעפּן באַם ראָק:

— אַ, קאַם אָן, אָנקל, קאַם אָן !

דער לויזער קנאָפּ פון ראָק האָט געגעבן אַ שפּרונג אָפּ. דאָס שטיק חלה איז אַראָפּגעפאַלן אויפן דיל.

— לוק, פּאַ — —

אַ פאַרגליווערטע שטילקייט . . .

פון יצחק'ן איז געוואָרן אַ שטיק בליי, שווער און טעמפּ. באַלד איז דאָס בליי צעגאַנגען. ער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, אַ ריס געטאָן די טיר און איז פאַרשוואונדן.

צווײ חברים

נאָכן ערשטן אַקט איז אין טעאַטער ליכטיק געוואָרן.

ברוך האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ חלום, די אויגן האָבן געזשמורעט פון קוקן לאַנג און אָנגעשטרענגט אויף דער בינע־ראַם, ווי ס'האָט זיך גע'חלומ'ט אַ פרעמד לעבן. ער איז אַרויס אין דער לאָבי פאַררויכערן.

אַ יאָרידיקער טומל האָט געקלאַפּט אין די אויערן. ס'איז געווען אַ פּרעמיערע. זיינען געשטאַנען אין אַ ווינקל די קריטיקער, האָבן געוואָרפן מיט די הענט און ווערטער און איינער האָט דעם צווייטן געצויגן באַם לאַפּעל, באַם קנעפּל און — די צונג.

לעבן די קריטיקער איז געשטאַנען איינער מיט אַ היפּשן בייכל און אַ שטעקן, ער האָט תמ'עוואַטע געגלאָצט מיט די אויגן, אַרונ־טערגעכאַפּט מיט די בליקן יענעמס ווערטער פון מויל, און אַלע מאָל אַ טראַכט געטאָן אויף אַ זייט.

ברוך האָט אַ שמייכל געטאָן.

— איצט וועט ער שוין וויסן וואָס צו שרייבן וועגן דער פּיעסע, דער בייכלדיקער קריטיקער.

מיט אַמאָל האָט ער דערזען אַ באַקאַנטן פּנים:

— דוכט זיך ישראל! — האָט ער אַ טראַכט געטאָן און זיך אַ לאָז געטאָן פאַרביי יענעם אַ קוק צו טאָן.

ביידע אַמאָליקע חברים האָבן זיך אַרומגעכאַפּט.

— וואָס מאַכסטו ?

— וואָס טוסטו ?

מען האָט זיך צערעדט וועגן אַמאָליקע פריינט און באַקאַנטע, זיך נאָכגעפרעגט אויף דעם, אויף יענעם. ווערטער, נעמען האָבן זיך געוואָרפן איינס איבער ס'אַנדערע, זיך געפלאָכטן און געקנוילט.

א קינדערשע פרייד, א ווארימע האט האט ביידע פריינט ארומ־גענומען.

דער עולם האט זיך גענומען שטופן אין טעאטער אריין, ס'איז געווארן טונקל.

די חברים האבן געמוזט איבעררייסן דעם שמועס.

— פארגעס זשע ניט ! — האט ישראל נאכגעשריען צו ברוך'ן — זונטיק פאר „דינער". מיר וועלן ווארטן אף דיר.

— אלרייט ! איך וועל ניט פארגעסן.

פארנדיק אהיים, פון טעאטער, האט זיך ברוך דערמאנט אן יענע יארן, ווען ער מיט ישראל'ן האבן געלעבט צוזאמען. שוין א היפש ביסל יארן אוועק. ער האלט נאך ווי דאן. וואו שטייט איצט ישראל ?

ביידע זיינע געקומען פון שכנ'ישע שטעטלאך אין פאראליע. יונג, סענטימענטאל און פאר־חלומ'ט האט מען געביינקט און גע־הונגערט.

איז מען געווען נאנט איינער צום צווייטן.

האט מען אין איין קליין צימער געוואוינט, און אין איין בעט געשלאפן, און איין מאלצייט געגעסן.

זיינען ביידע געקומען שפעט אהיים, ווען ס'איז ניט געווען צו באצאלן דירה־געלט און ביידע האבן געוואנדערט איבער די גאסן מיט פארטריקנטע ליפן און געשלונגען דורך די גרויסע פענסטער פון די בעקערייען — דאס רייצנדע אפעטיטנע געבעקס.

קיין מלאכה האבן ביידע ניט געהאט און אז מען האט זיך געלערנט אף דעם מאשין, איז דער קאפ ניט געווען דערביי, דאס הארץ אודאי ניט.

און אז די מאשין האט דאס דערפילט, האט זי אפגעטרייסלט זייערע הענט פון אירע פלאכע אקסל און די פיס פון טרעטער.

אלעמאל האט זי זיך פאר'עקשנ'ט :

— גרר... גרר... גרר !

האט זי אנגעשטעלט די ציין, ווי א צורייצטער הונט, זיך פאר־האקט — און ניט פון ארט.

און אז די מאשין האט געשצירעט די ציינער און זיך גע־עקשנ׳ט, האט שוין דער באס אויך גענומען שצירן און מיט א שטעכיקן שמייכעלע איז ער פאוואליע אונטערגעגאנגען אונטער „יאשקען" (יעדן קאליקע בעל־מלאכה האבן זיי גערופן יאשקע).

האבן די שטעכיקע, הייסע בליקן געגליט דעם געבויגענעם קארק, איז מען געווארן אומרואיק, האט מען איינגעגראבן די פארנעפלטע אויגן אין דער ארבעט און די הענט זיינען געווארן לעפיש, זיך באוואויגן ווי צוגעטשעפעטע.

איז ער שוין ארויס פון פארנט, פאר די אויגן, און דאס פעטע שמייכעלע האט זיך צעשפרייט איבערן גאנצן פארלאפענעם לבנה־פנים.

— יאשקעס! מיט אזעלכע הענט וועט איר ארבעטן, ווען ס׳וועט קומען די ציציאלע רעוואלוציע.

— גייט אין דער יוניע אייערע, ציציאליסטלאך. זאל אייך די יוניע געבן ארבעט.

קאטשעט מען באליידיקטע, דערנידריקטע ארונטער די ארבל, די פיס קענען ניט געפינען דעם ווינקל, וואו ס׳הייגנען די רעקלאך, די הענט טאפן און די אויגן זעען ניט.

גייט מען איבער די הילצערנע, צעבראכענע טרעפ, וואס וויגן זיך בא יעדן טראט, צווישן די פינסטערע ווענט פון קארידאר.

פון די אויגן בליצן פיינטלאכע פאר׳סמ׳טע פיילן און פון די מיילער זשיפען קללות איבער זאטע, גלאנציקע קעפ.

נאר אז מען קומט ארויס אף דער שטויביקער, נאר ליכטיקער גאס, און די זון גיט א כמאליע אין פנים אריין, באטש מען זעט ניט פון וואנען זי קומט, גיט זיך א ריס פון פארטריקנטע ליפן:

— ווערן זיי גע׳הרג׳עט!

— אפילו שוין!

— די מינוט!

די כמארע רוקט זיך ארונטער פון די פריער צעקרימטע פנימ־ער און מען אטעמט אפ פרייער.

כאפט זיך ברוך צו דער קעשענע און רופט זיך אפ א פריי־דיקער :

— ס'איז דא א קיילעכדיק ניקעלע מיט א פעטן בופל־אקס, וועט מען עסן און טרינקען און רויכערן און ס'עט נאך בלייבן א פעני אין קעשענע.

— ווי אזוי, חכם מיינער ?

— גאנץ פשוט. פאר דריי סענט ברויט, א פעני ציגארעטלאך, וואסער פון קאלטן קראן און ס'עט נאך בלייבן א פעני.

— איך האב עס !

— האלט עס !

לאזט מען זיך באגייסטערט אהיים, מען שטעלט זיך אונטער א פיסל און מען דערלאנגט זיך צו בוכטשעס אין די זייטן.

און אז מ'גנב'עט זיך אריין אין צימער און קיינער איז ניטא, גיט ברוך א צעריים דאס פאפירענע זעקל פון ברויט, אין דער לייגג, גיט עס א גלעט אפ, ווי א טישטוך, פארווארפט א טיכל איבער דער האנט, טראגט אריין צוויי גלעזער וואסער, ציט זיך אוים ווי א דינער בא א מיליאנער, גייט זיך אראפ און ברייננט אריין זאלץ און פעפער און לאכנדיק קייט מען דאס ברויט און מען פארזופט מיט וואסער.

נאכן עסן ציט זיך ברוך אוים איבער דער ברייט פון בעט, ביידע פארויכערן און ישראל ציט זיך ארונטער פון בענקל און צעשפרייט די פיס איבערן לייגג פון צימער.

און ביידע ציען מיט אזא געשמאק דעם רויך, ווי זיי וואלטן וועלן פארשלאגן דאס פעטקייט פון רייכן מאלצייט . . .

* * *

ישראל'ס הויז האט ברוך'ן אויפגענומען מיט א מחיה'דיקער ווארימקייט.

צוערשט האָט אים אויפגענומען דער „רעגעלע קיטשן סעט“: א ווייסער טיש, ווייסע בײנקלאַך און אַ ווייסער אייז־קאַסטן.

דערנאָך דער „דײנינג רום סעט“: אַ שיין פּאָלירטער טיש, אַ שווערער בופעט, אַ קאַבינעט־זינגער מאַשין, מיט אַ וויקטראָלע פון אויבן אָן. דאָס באַרימטע קײשעלע אָפן טיש מיט די קינסטלאַכע פרוכטן מיט טויטער וואַקסיקייט.

פון לינקס, דורך צוויי צענעמענע פאָרהאַנגען האָט געמיטלאַך אַרויסגעקוקט דער בעד רום סעט, אַלץ אײנגעהילט אין ראָז און געמיטלאַך־באַלעבאַטיש דערציילט אַ שטילן סוד ניט חלילה קיין זינדיקן, נאָר אַזוי באַלעבאַטיש, פיין.

מען האָט דערלאַנגט דעם פיינעם „דינער“; פעטקייט און פליישקייט, פליישקייט און פעטקייט. ס'האָט זיך געטראָגן פון טיש און פון אַלע צימערן אַ שלעפערדיקע, זעטיקע וואַרימקייט, וואָס שפּאַרט אונטערן לעפעלע, ציט דעם קערפּער, ווי מיט בליי, פון זעטיקער מידקייט און ציט צונויף די אויגן לעדלאַך זשמורענדיק.

די וויקטראָלאַ איז ניט אָפּגעשטאַנען און צוגעגעבן פעטע אידיש־רחמנות׳דיקע, זיסע האַרציקייט.

ישראל מיטן אָנגעפּילטן בויך, אַ ברייט צעזעסענער קעגן אים האָט דערציילט פון די „ביזנעס“, ווי ס'האָט זיך אָנגעהויבן און ס'איז אַוועק . . .

די פעטע צעגאָסענע ווייב, ווי אַ צעפּאַרעטער שיף־סטוארט, האָט זיך געהאַלטן אין איין קאַטשען מיט אָנגעפּילטע פאַרשוואומענע טעלער.

יאָ, ער האָט איצט אַ רייך געשעפט אויף בראָדוויי... עס אַרבעטן באַ אים אַ סך מענטשן.

ווען ער, ברוך, איז געווען אין דער מלחמה, האָט ער אין שאָפּ זיך באַקאַנט מיט איר, מיט עני'ן הייסט עס, האָט זי אים צוגעלערנט די אַרבעט . האָט מען צוזאַמען געאַרבעט. דער שוואָגער זיינער, אַ ביזנעס־מאַן מיט „עקספּירענץ“ האָט אים געהאָלפן אַריין אין „ביזנעס“ און איצט איז ער אָלרייט, ס'פעלט אים חלילה, גאָרניט.

ברוד'ן האָט די געמיטלאַכע וואַרימקייט, זעטיקייט, געשפּאַרט אונטערן האַרצן, ווי ער וואָלט זיך איבערגעפרעסן מיט אַ סך זיס־קייטן. ער האָט געפילט זיך אַ ריס צו טאָן און אָפּאָטעמען אויף דער פרייער לופט.

ישראל האָט אָבער געהאַלטן אין איין רעדן ביזנעס און ביזנעס.

און וואָס מער ישראל האָט גערעדט, אַלץ מער האָט ער זיך דערווייטערט פון ברוד'ן.

אַ ווייטער מהלך האָט זיי ביידע צעטיילט.

ברוד האָט געקוקט אויף אים, געוואָלט אים דורכדרירנגען: איז דאָס דער אַמאָליקער ישראל, וועלכער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן אַנאַרכיסט און צוזאַמען מיט אים גע'חלומ'ט צו זען די וועלט אַ פרייע אַן אַנדערשדיקע?

וואו זיינען אַהינגעקומען זיינע אַמאָליקע חלומות?

ער האָט באַטראַכט די צימערן מיט די „סעטס", ישראל'ן, דאָס ווייב זיינס, זיך דערמאָנט אַן אַמאָליקע יאָרן און אים באַדויערט. ס'האָט אים ווי געטאָן דאָס האַרץ אויף זיין פאַרפרעמדטן חבר.

— און דו ביסט טאַקע געוואָרן אַ שרייבער און קעמפסט נאָך אַלץ? — האָט אים ישראל איבערגעשלאָגן דאָס טראַכטן — כ'זע אָפט דיינע זאַכן. ניטאָ קיין צייט צו לייענען.

— אָט, מען שרייבט — האָט ברוד אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט ניט וועלנדיק רעדן וועגן דעם.

דער שמועס האָט זיך שוין ניט געבונדן.

ס'האָבן גערעדט צוויי ווייטע, פרעמדע מענטשן.

ברוד איז אַרויס מיט אַ טרויעריק געמיט. געוואַרעמט אין האַרצן זיין רחמנות צו ישראל'ן און באַדויערט זיין פאַרלאָרענעם חבר, וואָס איז אַזוי פאַראַרימט געוואָרן מיט זיין רייכקייט . . .

ווייסע פרייד

דער שניי איז געפאלן. ווייס־בלוי האט געבלענדט פון אלץ ארום. א ווייסע האט זיך די גאס געיום־טוב׳ט אין גאלדיקייט. דעכער האבן געבלישצעט און גאלדענע רענדלאך זיינען געפאלן מיט דימענטענע שפריצלאך אויף זילבערנע טאצן.

קינדער־שליטלאך האבן געשניטן מיט צוויי שארפן דעם סקריי־פענדיקן שניי, קינדערשע געלעכטער האט יונגער און לעבעדיקער געמאכט די ווייס־בלענענדיקע גאס. און יונגע ביימלאך האבן געציטערט מיט ווייסן ווינטערדיקן צוויט.

גאלד האט זיך ארומגעדרייט בא זיך אין צימער, אן אויס־געפוצטער, געגלעט מיט דער האנט די גלאט פארקאמטע האר: דערפילנדיק די גלאנציקע גלאטקייט און זיידענע ווייכקייט פון די האר, האט ער זיי גענומען צערטלען איידעלער, קוים זיי אנגערירט מיט די פינגער, ווי ער וואלט צערטלען דאס צארטע פנים פון א יונגער מיידל. ער איז א פאר מאל פארבייגעגאנגען דעם שפיגל, זיך א דריי געטאן איבערן בחור׳שען אפגעלאזטן צימער און א טראכט געטאן, אז אזא שיינער און אויפגעפוצטער, ווי ער איז איצט, האט ער באדארפט ערגיץ גיין. זיין אין געזעלשאפט און זיך באקאנען מיט א פאר מיידלאך.

— ווי לאנג נאך זיך ארומדרייען א פרעמדער? שבת און זונטיק קאן מען דאך אויסגיין פון ביינקשאפט, אט אין אזא שיינעם טאג ווי היינט, איז דאך א מחיה צו שפאצירן מיט א שיין מיידל, וואס האט דיך ליב.

ער גייט צו צום פענצטער. פון זיין אטעם גיט זיך א צי איבער דער שויב א בלויער הויך. די האנט הויבט זיך אויף, און א פינגער נעמט זיך דרייען אפן אנגעהויכקעטן פענצטער: סטעלא. ער פאר׳חלומ׳ט זיך.

. . . דאָס דאַרף איז איינגאַנצן פאַרזונקען אין שניי, האַלבע הייזלאַך קוקן ארוים פאַר׳חלומ׳טע אין אַ לאַנגן דרימל. ווי קינדערשע ווייסע קעפּלאַך. ווייסע שטילקייט. אַ פולע רונדע לבנה שווימט אין בלויער־ווייסקייט און דינע בלייכע שטראַלן פאַלן אַף אַלץ ארום.

ער און סטעלאַ — בלאָנדע האָר, בלויע אויגן און ווייסע לאַכנ־דיקע ציין — זיצן ביידע אין שליטן, איינגעוואָרעמט איינער אין אנדערן. גלעקל־געקלאַנג פון ווייטע, פרעמדע ווייסע וועלטן, אַזוי דין און פאַר׳חלומ׳ט — דזשין — דזשין — דזשין! און דאָס שליטל — פייל פון בויגן, ווי אַ שיפל אַף רואיקן וואַסער. ווייס־קייט, ווייסקייט אַף מיילן ארום. פון בלענדנדיקער ווייסקייט פינקלען שטערן אַף דער ווייסער ערד.

און סטעלאַ טוליעט זיך נענטער, נענטער.

— קאַלט — זאָגט זי.

און ער פילט ווי זי לייגט אַריין איר הענטל אין דער לינקער קעשענע פון זיין וואַרימען מאַנטל. נעמט ער איבער די בייטש מיט די לייצעס אין דער רעכטער האַנט און די לינקע ציט זיך צו דער קעשענע. ביידע הענט באַגעגענען זיך, שטילער ציטער. צאַרטע ציטערנדיקע פינגער פאַרפלעכטן זיך, האַנט־פלאַך צו האַנט־פלאַך טוליעט זיך, רייסן זיך, ווילן אַריין איינס אין צווייטן און ווילן ווערן איינס. ציטערט אויף דאָס בלוט אין די הענט און הייסע שטראָמען צעגיסן זיך איבער די יונגע קערפּערס. קערפּערס שטייפן זיך אָן, ווערן ציטערדיק.

אויגן — שוואַרצע מיט בלויע באַגעגענען זיך. שטילע, פאַר־ביינקטע קוקן זיי און שטומען — און רעדן אַזוי פיל. הערצער פאַרגייען זיך און שמעלצן זיך.

טראַכטן ביידע ניט, ווייסן ביידע ניט און גיבן זיך אַ צי און ליפּן זוכן ליפּן.

די לבנה איז אַזוי צאַרט און פאַר׳חלומ׳ט און שטערן פינקלען אַף ווייסער ערד. די וועלט האָט זיך איבערגעדרייט און דער

הימל ליגט איצט פון אונטען מיט זיינע כשופ'דיקע שטערן — מיטאמאל — א קער איבער און ביידע, פארפלאנטערט אין די שווערע ווינטער־קליידער קאטשען זיך איבערן שניי.

— כא, כא, כא!

— כא, כא, כא!

און דאס געלעכטער קלינגט אין דער ווייסער נאכט, ווי ס'האבן פריער געקלונגען די גלעקלאך אויפן פערד.

— כא, כא! — ניי ווייס אז דער ווייסער שניי האט פארדעקט א גרוב אונטער זיך.

— כא, כא, כא!

— כא, כא, כא!

— דזין — דזין — דזין!

נאלד כאפט זיך אויף און לויפט עפענען די טיר. אפן וועג שלאגט ער זיך אן, אז די נאקעטע עלנבויגנס פון זיין בעל־הבית'טעס מיידל, וואס איז פון ערגעץ אנגעפלויגן און לויפט אויך צום טיר.

די טיר עפנט זיך און ס'קומט אריין דער מיידעל'ס „באי". גיט זי זיך א כאפ און א חנ'דל:

— א, העלאו סעם!

נעמט אים אונטערן ארעם און ביידע פארשווינדן.

נאלד קערט זיך אום און ס'דוכט זיך אים, אז ער האט נאר וואס עפעס פארלוירן.

צוריקקומענדיק אין צימער, דערמאנט ער זיך אין דעם, וואס ער האט נאר וואס גע'חלומ'ט.

ער בלייבט שטיין א ווײלע פארטראכט און מיט אמאל לעבט ער אויף און גיט כמעט א שריי אויס:

— עט, איך וויל זיך גאר גיין גליטשן!

א פארגליווערטער ליגט דער טייך נעבן הויכן בארג פון גרויסן פארק. אלץ ארום איז ווייס. ציטערט מיט ווינטער. ארום און ארום הייגגען די עלעקטרישע לאמפן, גיבן צו עפעס פאר'כשופ'די־קעס, ווארפנדיק שטראלן איבער ווייס־צעצוויטע בוימלאך.

חברה יאָגט זיך אין ווייסע סוועטערס מיט פאַרשפּיצטע קעפּ־קעס, שניידט מיט שאַרפע שטאָלענע גליטשערס דאָס אייז און דרייען זיך אין ראָד. באַקן רויטלען זיך, בלוטן צעוואַרעמען זיך און יוגנט שפּריצט מיט לעבן.

גאָלד איז פאַרכאַפּט געוואָרן, האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט. מיט אַמאָל האָט זיך אַ פריידיקייט צעגאָסן איבער זיין קערפּער. ער האָט פלינק, מיט איין שפּרונג אַריבערגעטאַנצט דעם פאַרקאַן, אָנגעטאָן די גליטשערס און מיט שוואונג זיך אַ לאָז געטאָן איבערן אייז. די הענט צעשפּרייט, האַרץ און פּנים אָפן קעגן נאַכטיקן פראָסט.

— או — או ! — האָבן זיך מיידלאַך איבערגעקוויטשעט.

אַ לעבעדיקע לוסטיקייט האָט זיך צעלאָזט איבערן גליטש.

ער האָט מיט דעם רעכטן פוס אַ דריי געטאָן איבער דעם לינקן, זיך געדרייט אין אַ קרייז, אַ מיידל האָט זיך אַ לאָז געטאָן דורך אים, זיך אָנגעשלאָגן און אַ בויג געטאָן זיך הינטער־ווײַלעכטס, אַט אַט פאַלט זי ; ער האָט זי געוואָלט אַ כאַפּ טאָן, האָבן זיך ביידע אויסגעגליטשט און אַ זעץ געטאָן אָפן אייז.

אַלע אַרומיקע האָבן אויסגעשאָסן אַ געלעכטער. ביידע האָבן זיך אויפגעזעצט, זיך אָנגעקוקט און זיך צעלאַכט.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, זי צוגעפירט צום ברעג פון גליטש און זיך אַוועקגעזעצט אַף דער באַנק. דער עלעקטרישער לאָמפּ האָט זיי באַשאָטן מיט ראָז ליכט. אין ווייסן סוועטער און אין קעפּקע מיט רויטן שאַל, חנ׳עוודיק פאַרוואָרפן אַרום האַלז, האָט זי אויסגעזען וואונדערלאַך שיין. בא גאָלד׳ן האָבן זיך די אויגן ווייט צעעפנט.

— מיין נאָמען איז יעקב גאָלד, און אייערער ?

— לילי ראָטשטיין, עס פרייט מיך אייך צו קענען.

און ביידע האָבן זיך הילכיק צעלאַכט.

האָט מען זיך דורכגעוואָרפן מיט ווערטער. געזעסן אַביסל, דערנאָך האַנט אין האַנט געשלאָסן זיך אַוועקגעלאָזט אָפן גליטש.

גאָלד האָט זיך צעוואָרעמט, זיך דערפרישט, אויפגעלעבט און איז געוואָרן פלינק, אינגליש.

א פייף פון פּאַליסמאַן האָט דורכגעגרילצט די ווייסע ווינטער־נאַכט און אַלע האָבן זיך א לאָז געטאָן צום ברעג. די עלעקטרישע ליכט האָט זיך אויסגעלאָשן.

גאָלד האָט לילי'ן געהאָלפן אויסטן די גליטשערס און זי איינ־געלאָדן אף א שפּאַציר:

— איצט אין אַזאַ ווייסע נאַכט, ווען אַלע וועגן אין פּאַרק זיינען אַליין, פון קיינעם ניט באַטראָטן, איז א מחיה צו שפּאַצירן.

— יאָ, — האָט לילי געענטפערט באַגייסטערט — איך האָב טאַקע ליב צו גיין אף נאָך ניט געטראָטענעם שניי און זיך צוהערן צום סקריפּען פון אונטער די טריט.

זיי האָבן זיך אוועקגעלאָזט אף א שטילן ווייסן וועג.

גאָלד האָט זיך געשפּילט מיט אירע ווייסע פינגער, געפילט די פיינע ווייסקייט און זיין האַרץ איז געוואַקסן אין אים. ס'האָט זיך אים געוואָלט, אַז די נאַכט זאָל געדויערן אַן אייביקייט.

ביידע האָבן זיך געפילט גליקלאַך און געפּלאַפּלט ווי קינדער.

שפּעט אין דער נאַכט האָט ער זי אָפּגעפירט אַהיים.

— קומט אַמאָל אַרויף — האָט זי אים איינגעלאַדן.

— ווען ?

— ווען איר ווילט — האָט זי שעמעוודיק געענטפערט.

— טרעפן מיר זיך מיטוואָך ?

— זאָל זיין מיטוואָך.

— גוט, א גוטע נאַכט.

— א גוטע נאַכט.

גאָלד האָט נאָכגעקוקט, ווי זי לויפט אַרויף די שטיגן. אין מיטן לויפן האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, זיך אומגעקוקט, דערזען, אַז ער שטייט נאָך, האָט זי א שמייכל געטאָן און איז פאַרשוואונדן.

גאָלד האָט געוואָלט פאַרוואַרפן די גליטשערס איבערן אַקסל, האָט ער דערזען, אַז ער האָט אירע גליטשערס אויך, האָט ער אַ שמייכל געטאָן.

— מיטוואָך אוונט.

אַ פריידיקער האָט ער זיך געלאָזט אהיים. פון אונטער זיינע טריט האָט דער שניי אויסגעסקריפּעט אַ פריילאַך ליד אין דער בלענדנדיקער נאַכט אריין.

רב אלתר שוחט

גאַנץ פרי, קריכט רב אלתר אַרונטער פון געלעגער. שלאָפן, שלאָפט ער שוין ניט פון פאַרטאָג נאָך. ער דרייט זיך פון איין זייט אַף דער צווייטער דרימלט און חלומ׳ט ווי אין אַ נעבל אַזעלכע מאָדנע חלומות, נאָר שלאָפן קאָן ער ניט. נאָר צו וואָס וועט ער אויפשטיין? ליגט ער און ליגט. וואָס וועט ער אויסליגן? שטייט ער אויף, גיסט אָפּ נעגל־וואַסער, רעדט זיך דורך מיט דער אַל־טיטשקער, וואַשט זיך אָפּ, און וויל כאַפּן טלית און תפילין און אַריינלויפן אין בית־המדרש אָפּדאַווענען אין מנין, כאַפּט ער זיך, אַז היינט איז דאָנערשטיק און אַז דער באָס האָט אים פאַרזאָגט ער זאָל קומען פרי, די „קאַסטימער״ וועלן רייסן שטיקער.

כאַפּט ער אַרויף אַף גיך טלית און תפילין. כאַפּט דאָס דאַ־ווענען און אַז ער שטעלט זיך אַוועק שמונה עשרה, ווערט ער מבולבל פון די טרויעריקע מחשבות וואָס קריכן אים אין קאָפּ אַריין. אין מח פאַרפּלאָנטערט זיך אַ קנויל און עס נעמט אַ לאַנגע צייט ביז ער פּלאָנטערט זיך אַרויס.

ער וואָלט געוואָלט ס׳זאָל נאָך זיין פרי, זייער פרי, ער זאָל זיך אַזוי פּאַוואָליע דאַווענען און דער זייגער זאָל זיינע ווייזערס קיינמאָל צו זיבן ניט צו רוקן. און ער זאָל קיינמאָל אין „טשיקן מאַרקעט״ ניט דאַרפן גיין.

— אוי, רבונו של עולם, טאַטע זיסער! זיפצט ער אָפּ, ווען ער גייט אוים די שמונה עשרה.

ער זופט אין איילעניש דאָס גלעזל וואַרעמס.

— אוי, גאָטעניו! אַך אַלטע, אַלטע, גאָט זאָל אונז נאָר ניט שטראָפן. איך פאַרזינדיק זיך קעגן אים.

ווישט די אַלטע אָפּ אַ טרער:

— פאַר וואָס אַלתר, פאַר וואָס זאָל ער אונז שטראָפן? וויניק האָט ער אונז געשטראָפט? פאַרוואָרפן געוואָרן אין אַ פרעמד לאַנד. צווישן פרעמדע מענשן, עלנד, אָן אַ קינד, אָן אַ רינד, פאַר וואָס אַלתר, פאַר וואָס זאָל ער אונז שטראָפן?

— אָבער, אַלטע, מיין קאָפּ אַרבעט שוין ניט אַזוי קלאָר, און די האַנט ציטערט, וויל גלייך ניט שטיין, און ער, דער „באָס“, ס׳איז דאָך ניט אונזער בעל טאַקסע ר׳ לייבעלע, אַ איד אַ ירא שמים, מיט דרך ארץ, דאָס איז דאָך אַ פּראָסטער נפש, ער טרייבט אונטער: „האַרי־אַפּ“, רב אַלתר. איך פיל זיך ווי אַ משרת־אינגל. אָה, גאָטעניו, דערלעבט!

נאָר דער זייגער שטייט ניט, ווי אַף להכעיס לויפט ער.

— אַ גוטן טאָג.

— גיי געזונטערהייט!

ער גיט אַ פיר מיט דער האַנט איבער דער מזוזה, קושט די האַנט און איילט זיך אַרונטער די שטיגן.

איידער רב אַלתר עפנט נאָך דאָס קעסטל אַרויסצונעמען דעם חלף, יאָגט מען אים שוין אונטער.

ער כאַפּט אַף שנעל אָפּ די ברכה „על השחיטה“ און נעמט קוילען.

אַ געזונטער יונג רייסט אויף די שטייגן, כאַפּט צו דריי הינער איןביידע הענט און שטופּט זיי אונטער איינציקוויים רב אַלתר׳ן. די עופות מאַכן אָן אַ געוואַלד, פון אַלע זייטן הויבט זיך אַף אַ טומל און אָרום שטייען די ווייבער און לאַרמען צוזאַמען מיט די עופות.

דער אַלטער שוחט שטייט איבער אַן אייזערן פאַס, קוילעט און וואַרפט אַריין די עופות. אין צווייטן צימער פון אונטן שטייט דער בעל־הבית מיט אַ מעסער און שניידט עופות פאַר די גוי׳אישע קונים, ס׳וואַקסט בא אים דאָס פאַס, דאָס עוף גיט אפילו קיין פּיפּס ניט.

רב אלתר כאַפּט צוריק אַ געקוילעטע הין פון פּאָס און מיטן גראָבן פינגער נעמט ער אַרויסקוועטשן דעם קנה מיטן ושט... פאַלט אָן אויף אים דער יונג, וואָס וואַרט אָן אומגעדולדיקער מיט עופות אין ביידע הענט:

— קאָם אָן, „פּאַפּ“! די קאַסטימער רייסן שטיקער.

— שעיק עי לעג, פּאַפּ!

רב אלתר ווערט צעטומלט, אַ היץ שלאָגט אים אַרויס אויפן קערפּער. די הענט הויבן אים אָן ציטערן, מעכאַניש שניידט ער איין העלזל נאָכן צווייטן ביז דאָס אייזערן פּאָס פילט זיך אָן מיט אַ ווערד.

אַז די קאַסטאָמערס צעגייען זיך און ס'איז דאָ אַ שטיקל ליי־דיקע צייט, ווישט ער אָפּ דעם חלף אָן דעם פאַרבלוטיקטן כאַלאַט, כאַפּט גנבֿ'יש אַ קוק אין אונטערשטן צימערל, וואו דער באָס שטייט און „שניידט“, כאַפּט שנעל אַוועק דעם קאָפּ. און לאָזט זיך אַ מידער, אַ פאַרמאַטערטער אַראָפּ אויף אַ בענקל.

ער פאַרדרייט אַ ציגאַר טיטון. ציט שטאַרק דעם רויך אַריין, לאָזט אַרויס גאַנצע וואָלקנס און שאָקלט מיטן קאָפּ.

— אך! אך!

מיט דעם דאָזיקן: אך, אך! דריקט ער אויס אַלעס, אַלעס וואָס ס'ליגט אים אויפן הארצן.

— אך! אך! איבערגעקומען. רב אלתר שוחט — מיט אַ „באָס“, „האַרי־אַפּ“, „פּאַפּ“.

געהאַט באַ זיך אין שטעטל די חזקה פאַר יאָרן און יאָרן. געהאַט אַ שיינע הויז אַ שיינעם נאָמען. געשטאַנען אין שעכט־הויז אין אַ גערוימען גרויסן צימער, אַ האַלב פאַרצאַמט מיט שטאַ־בעטן.

ווער האָט געקענט צו אים צוקומען? אַ באַזונדער, הינטער טיר פאַר די בעל־הבית'טעס, מען האָט אים דערלאַנגט דאָס קוויטל און דאָס עוף דורך די שטאַבעטן.

— זייט אזוי גוט, רב אלתר. איך האב געלאזט דאס קינד אליין אין הויז, ס׳וועט צעריסן ווערן פון וויינען.

און אין פרייער צייט איז ער זיך אריינגעגאנגען צו זיך אין שטיבל, אנגעווארעמט זיך באם אויוון, געטרונקען א גלעזל ווארעמס. געכאפט א שמועס, מיט ר׳ לייבלען דעם בעל טאקסע. א טייערער איד געווען, אמאל איז אריינגעקומען דער רב אדער אן אנדערער פון די פני.

און אין בוינע! די קצבים האבן פאר אים געהאט דעם גרעסטן דרך־ארץ, געוואוסט, אז אף א סירחא איז קיינער צו אים ניט גלייך, אפילו די שוחטים האבן פאר אים דרך־ארץ געהאט. געווען א מומחה.

די וועלט מלחמה האט דאס גאנצע שטעטל פארוויסט. באלד, באלד אין אנהויב. גאנצע קהילה צעטריבן. קיין איד ניט פארבליבן. וואס מיר חזקה. אז ס׳איז קיין אידיש נפש ניטא. זיך באהאלטן ביז דער לעצטער מינוט. הויל און נאקעט ארויס. ממש נאקעט. ער וועט עס קיינמאל ניט פארגעסן, פארטאג אין קעלט פון הויז ארויסגעטריבן. נאקעט און בארוועס מיט א קאלדרע זיך ארומגעוויקלט און געלאפן.

לאנדסלייט האבן זיך מרחם געווען, אים ארויסגענומען אהער.

— בעסער ניט געווען געקומען — טראכט ער פאר זיך. דארט פארבלייבן ערגיץ וואו צווישן אידן. אבער וואו? ניין, קיין אנדער ברירה ניט געווען.

פארנאכט אז ער גייט אהיים, כאפט ער זיך אריין אין דער נאענטער שול אף א מנחה און מעריב. נאר זיינע מחשבות גיבן אים ניט קיין רו.

— אפשר אינגאנצן אויפגעבן? איך האב מורא, אז איך טאר ניט, איך טאר ניט!

— א גאנצן טאג שניידן, אט ווי מען שניידט קעפלאך קרויט. אין מיטן טראכטן בליצט אים אין מח אויף א בילד.

כמעט יעדן דאָנערשטיק פלעגט צו אים קומען רב אלתר יאַר־שעווער, אַ איד אַ בטלן פון זיין בית המדרש. ער פלעגט קומען מכסה זיין דאָס בלוט פון די עופות. איין מאָל אַ וואָך פלעגט ער קומען פאַרדינען די מצוה, אַ חזקה שוין געהאַט.

ווען אלתר יארשעווער זאָל וויסן אַף וואָס אַלתר שוחט איז איבערגעקומען.

און צו דעם אַלעם — די הענט, די הענט — דער חלף ציטערט.

— איז וואָס זשע זאָל איך טאָן, האַ? פרעגט ער זיך אַליין — זיך אָוועקלייגן מיט דער אַלטיטשקער און אויסגיין — דאָס מיינט דאָך שוין גאַר... גאָט זאָל מיך שומר ומציל זיין.

באַ דער וועטשערע חזרט זיך איבער כמעט דאָס זעלביקע ווי אין דער פרי.

— וואָס טוט מען, אַלטע ?

— גאָט וועט ניט פאַרלאָזן. ער שפּייזט דאָך יעדן ווערימל. — ענטפערט זי מיט אַ תחינה׳דיקן ניגון.

— איך פאַרזינדיק זיך, אַלטע...

— זעסט, דער לעפל קען זיך ניט האַלטן אין האַנט. האַרי אַפּ, האַרי אַפּ, פאַפּ!

גאָט וועט מוחל זיין, ער איז אַן אל רחום...

בלייבןביידע פאַרזונקען אין טרויעריקע מחשבות.

דאָס גען־פלעמל ציט זיך און ציטערט איבער זיי און שיפּעט ווי אַ שלאַנג...

צווי וואָס האָבן זיך צעטיילט

צווי זיינען זיי געווען.

פריער צווי — באַזונדער. דערנאָך צוויי אינאיינעם, און דערנאָך...

צוויי וואָס האָבן זיך צעטיילט.

די ערשטע איז געקומען קיין אַמעריקע ראָזי. געקומען צו אַ מומע, געאַרבעט אין פאַבריק באַ פרויען־קליידער און אין די פאַרנאַכטן און רו־טעג זיך געפילט אַן עלנדע און געבענקט נאָך אַ נאָענטן פריינט.

שפּעטער איז געקומען פעני, געקומען צו אַ שוועסטער, גע־אַרבעט באַ דער זעלבער אַרבעט וואָס ראָזי און געפילט דאָס זעלבע וואָס ראָזי.

ביידע האָבן זיך געטראָפן אין איין פאַבריק, מיטאָג צייט, זיצנ־דיק באַם פענסטער און עסנדיק דעם טרוקענעם מאָלצייט האָט מען זיך באַקענט און צערעדט. האָט מען אויסגעפונען, אַז מען וואוינט ניט ווייט איינער פון צווייטן און אָפּגעמאַכט זיך צו טרעפן שבת נאָך דער אַרבעט.

אַזוי איז די פריינשאַפט געשלאָסן געוואָרן.

שבת האָבן זיך ביידע אויסגעפּוצט, ווי זיי וואָלטן זיך דאַרפן באַגעגענען מיט זייערע האַרציקסטע געליבטע.

ביידע מיט דער שיינענדיקער יוגנט אויף זייערע פּנים'ער און קערפּערס. ראָזי אַ שוואַרצע מיט לעבעדיקע(פייערדיקע אויגן, מיט אַ ראָזן קאָליר אויף די באַקן. פעני, אַ בלאָסע מיט אַ לאַנגלאַך פּנים און בלויע פאַר'חלומ'טע אויגן.

און דער קנופּ פון פריינטשאַפט האָט זיך געשטאַרקט און פעסטער געוואָרן פון וואָך צו וואָך, פון חודש צו חודש און פון יאָר צו יאָר.

ביידע האָבן אָנגענומען די זעלבע מאַניערן, זיך אויסגעגלייכט, זיך געניים די זעלבע קליידער, פאַרקעמט גלייך די האָר, געהאַט די זעלבע געדאַנקען, גע׳חלום׳ט די זעלבע חלומות. זיך צענויפ־געגאָסן, זיך אויסגעפורמט און כמעט איינס געוואָרן.

און אַז ס׳איז געקומען שבת נאָך דער ארבעט איז מען אַהיים געלאָפן, זיך אָרומגעוואַשן, אויסגעפוצט און געוואַרט איינע אויף דער צווייטער און זיך געטראָפן אין מיטן וועג. און איז איינע נים געקומען צו דער מינוט איז מען געוואָרן אומרואיק, טעלעפאָנירט, געזוכט און, אַז מען מען האָט זיך דערנאָך געטראָפן, האָט מען זיך געבייזערט, פאַרוואורף געמאַכט : ווי אַ געליבטע מאַכט פאַר־וואורף אַ געליבטן, אָדער אַ מוטער אַ קינד, וועלכעס האָט זיך פאַרשפּעטיקט און אומרואיק געמאַכט די מאַמען. דערנאָך האָט מען זיך איבערגעבעטן און פאַרגעסן.

אַז ס׳האָט זיך אונטערגערוקט אַ בחור, האָט ער זיך קיין עצה נים געקענט געבן. געוואָרן אומבאהאָלפן און נים געוואוסט ווי זיך צו האַלטן.

?

ראַזי איז געווען מיט אַ פּאָר יאָר עלטער, געקוקט אויף יעדן בחור מיט אַ שטרענגן בליק און זיך אָפּגעטרייסלט פון אַ מענערשע האַנט־באַרירונג ווי אַ פרומער איד פון חזיר.

פעני איז געווען אַ שטילערע, אַ מילדע, האָט אָבער גערעדט וועגן מענער מיט דיזעלבע ווערטער וואָס ראַזי — כאָטש די אויגן זיינען געווען מילדער, נים אַזוי שטרענג ווי ראַזי׳ס, און די האַנד־לונגען זיינען געווען קעגן אירע געפילן.

דער בחור וואָס האָט זיך דערנענטערט צו פעני׳ן, האָט זיך שטאַרק געהיט פאַר ראַזי׳ס בליק. געוואָלט בעטן פעני׳ן זיך צו טרעפן אַליין, געפילט אָבער, אַז ס׳איז שווער זיי צו שיידן — האָט ער זיך אָפּגערוקט און זיך מער נים געוויזן.

ראַזי׳ס שטרענגקייט האָט פאַרטריבן יעדע בחור׳שע מחשבה צוצוקומען צו פעני׳ן.

אמאל האט זיך צוגעשארט א בחור, א געוואנטער, א דיפלאָ־מאט, איז ער געווארן גוט צו ראָזי'ן, זיך געהאלטן ווי א סטאטיק, געבראכט איר בלומען, געמאכט קאמפלימענטן, און אזוי אף א סטראטעגישן אופן, זיך צוזאמענגערעדט מיט פעני'ן און אויסגע־דונגען בא איר א „טרעפעניש" אף שבת נאך דער ארבעט.

פעני האט זיך געפילט א זינדיקע יענעם טאג. האט אבער ניט געקענטביישטיין דעם נסיון.

האט איר ראָזי געפעלט, זי האט זיך געפילט אומרואיק. ניט געקענט באשטימען בא זיך א מיינונג וועגן בחור און ענדלאך גע־בעטן באם בחור, אז מארגן זאל מען אויך איינלאדן ראָזי'ן.

דעם זונטיקדיקן טאג האט זיך דער בחור געפילט אומרואיק, זיך ניט געקענט פריי האלטן. ראָזי'ס בליקן האבן אים געפענטעט. ער האט געמוזט מער יוצא זיין קעגן ראָזי'ן ווי קעגן פעני'ן.

איז ער פארשוואונדן און זיך מער ניט געוויזן

פעני האט געבענקט און געשוויגן.

איז אוועק א יאר און נאך א יאר.

יארן גייען ניט צוריק און מיידלאך ווערן עלטער.

האבן קרובים פוןביידע צדדים, אנגעהויבן דערשמעקן דאס געפאר און מען האט גענומען ארבעטן אף ביידע זייטן.

— וואס וועט זיין דער סוף?...

— איר וועט קיינמאל צו קיין תכלית ניט קומען.

איבערהויפט האט פעני'ס שוועסטער אנגעהויבן איר דערגיין די יארן.

און אז דער פארשוואונדענער בחור איז ווי דורך א נס צוריק־געקומען, האט פעני אנגעהויבן „אויסגיין" מיט אים.

געבענקט נאך ראָזי'ן, זיך געפילט ווי א פארברעכער. נאר אונטער א האגל פון דער שוועסטער'ס רייד איז זי געגאנגען. נאר פאר ראָזי'ן האט זי זיך מורא געהאט צו ווייזן, זיך געשעמט. און אז ס'איז אוועק עטלאכע חדשים — האט זי שוין ניט געוואגט אפילו זי צו אפרופן. מורא געהאט.

פעני האָט חתונה געהאַט. זיך אַרויסגעקליבן אין אַ ווייטע געגנט. זיך איינגעריכט אַ שיינע הויז מיט „רעגעלע סעטס" מיטן גאַנצן קלאָפּער געצייג, ווי אין אַלע אַמעריקאַנער אידישע הייזער.

אַמאָל פלעגט ראָזי צוקומען. אַרומגעקוקט דאָס מעבל, די צימערן, געגעבן עצות און געקוקט...

פעני האָט אין איר געגנוואַרט ניט געקענט אויפהויבן די אויגן...

מיט גרינע פייערלאַך אין די אויגן האָט ראָזי אַלעס באַטראַכט...

— ביזט דאָך געוואָרן אַ רעגעלע מאַדאַם, פעני! שיין און געזונט, לעבסט זיך ווי אַ קעניגין, ס'פעלט דיר גאָר ניט.

פעני האָט מיט אַ פאַר'גנב'עטן בליק, געזען די קנאה־פייערלאַך אין אירע אויגן, און זי באַדויערט.

באַם אוועקגיין האָט מען זיך צעקושט. פעני האָט זי געבעטן קומען אָפטער, און אין הארצן געבעטן אַז זי זאָל שוין מער ניט קומען.

אַ קינד איז געקומען.

אַ שיינער זוניקער טאָג געווען. פעני איז געשטאַנען לעבן שיין געפלאַכטענעם „קינדער־וועגעלע" מיטן בלויען צודעק און זיך גע־שפּילט מיטן קינד, וואָס האָט זיך געריבן די יאַסלעס מיט אַ ביינער־דיק בייגעלע. און אומגעריכט:

— העלאָו פעני!

ראָזי איז געשטאַנען לעבן איר. מיט בלויע זעקלאַך אונטער די אויגן און אַ צעקנייטשט פּנים.

ביידע חברטעס האָבן זיך אָנגעקוקט.

און שווער איז געווען איינע די צווייטע צו פאַרטראָגן.

ראָזי האָט ניט געקענט פאַרטראָגן דאָס גרויסע גליק וואָס שיינט אַרונטער פון פעני'ן.

און פעני האָט ניט געקענט פאַרטראָגן דעם גרויסן עלענד, דעם צער פון ראָזי'ס אויגן.

מען האָט זיך אָנגעהויבן אויסמיידן.

אז מען האָט זיך באַגעגנט אין גאַס, האָט מען זיך געמאַכט ניט זעענדיק.

שווער געווען פאַרביידע זיך צו באַגעגענען.

איז זיך פעני מיטן קינדער וועגעלע מיט פרייד אַוועק אין איין זייט, און ראָזי מיט איר עלנד אין אַ צווייטער.

אַזוי האָבן זיך די צוויי צעטיילט.

שותפים

דוד האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן די שעפער פון פרויען־קליידער, געריסן דעם קאָפּ אַף אַלע זייטן און געזוכט אַ שילדל וואו מען נויטיקט זיך אין אַרבעטער.

מער ליידן האָט ער שוין ניט געקענט. דער לעצטער סענט איז אוועק.

האָט ער מיט אַ פלאַטערדיק האַרץ געדרייט דעם קאָפּ.

אַף איין אייזערנער טיר פון אַ הויכן שוואַרצן מויער האָט ער דערזען אַ הוידענדיק שילדל „אָפּערייטאָרס וואָנטעד".

דאָס האַרץ האָט גענומען קלאַפּן האַסטיקער. ער האָט זיך געשראָקן. ער האָט זיך ניט געפילט זיכער, ער האָט געוואוסט, אַז ער איז נאָך ניט קיין ערפאַרענער אַרבעטער, עס איז אים שווער בייצוקומען דעם מאַשין און די אַרבעט, ער האָט אָבער געפילט, אַז ער מוז איצט עפּעס קריגן — מער קיין הלוואות קען ער שוין ניט מאַכן.

אונזיכער איז ער אַריין אין „עלעווייטאָר". אַ הויב, אַזש דער אָטעם האָט אים פאַרכאַפּט, די טיר האָט זיך אויפגערוקט, צוגענאַקט און ער האָט זיך דערפילט, ווי איינער וואָס מען האָט אים פון ערגיץ אַרויסגעוואָרפן און פאַרהאַקט די טיר הינטער אים.

ער איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענער און געוואַרט.

ס'איז אַרויס פון הינטער אַ הילצערנעם ווענטל, אַ קליין פאַרשווינדל מיט אַ פּנים וואָס האָט זיך דאַכט זיך קיינמאָל ניט אַ ריר געטאָן צום שמייכלען. דאָס פאַרשווינדל האָט אים באַטראַכט פון אויבן ביז אַרונטער, געהייסן אים אויסטאָן דעם מאַנטל און אַנגעוויזן אַ מאַשין.

ניט זיכער האָט זיך דוד אוועקגעזעצט באַם מאַשין, זיך אַרומ־געקוקט און אַרומגענומען דעם גאַנצן שאַפּ.

דאָס פאַרשווינדל האָט צוגעבראַכט אַ פּעקל אַרבעט און אוועק־

דוד האָט איינגעגראָבן די אויגן אין דער אַרבעט.

געלייגט אַף זיין מאַשין.

די מאַשין האָט דערפילט אַ ניט געניטן פירער, האָט זי איבער־געהאַקט דעם פאָדעם, אַריינגעצויגן די וואָרע צווישן די ציין און זיך געריצט מיט אים.

גררר, גררררר!

אַלע אַרבעטער האָבן אָנגעשטעלט זייערע אויגן אַף אים.

אַף דוד'ס קערפער האָבן אָנגעהויבן אַרומצוקריכן הייסע שפּיל־קעס, עס האָט אים באַזעצט אַ שוויים און דאָס בלוט איז אים אַריין אין פּנים.

זיין נאָענטע שכנה, אַ מיידל פון אַ יאָר עטלאַכע און צוואַנציק, אַ בלאַסע מיט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר אַרום ווי אַ ראָם, האָט אַלע ווילע געוואָרפן אַ בליק צו דוד׳ן און צו דער טיר פון אָפיס.

זי האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען אים איינגעשטעלט די מאַשין און אין אָנגעוויזן ווי אָנצוגיין מיט דער אַרבעט, אַז די טיר פון אָפיס האָט אַ סקריפּע געטאָן האָט זי זיך שנעל צוריקגעזעצט און זיך פאַרטיעפט אין דער אַרבעט.

זי האָט זייטיק געקוקט אַף דוד׳ן.

זיינע שוואַרצע האָר זיינען זיך צעפאַלן ווי שעפעלאַך אַף אַ בערגל. די גרויסע ברוינע, צעעפנטע אויגן זיינען געווען פאַרטאָן, צעטומלט. די עטוואָס פאַרריסענע נאָז און דאָס לפּיפן־גריבעלע אין מיטן פון דער אויבערשטער ליפּ איז געווען אויסגעהאַקט ווי פון דער דלאָטע פון אַ געאיבטן סקולפּטאָר.

באַ דער מיידל האָט אויפגעבליצט אַ געדאַנק אין מח, — אַז דער מלאך וואָס האָט אים אַ שנעל געטאָן, אין דער אויבערשטער ליפּ, אַז ער זאָל פאַרגעסן אַלעס וואָס ער האָט מיט אים געלערנט אין זיין מאַמעס בויך — האָט געמוזט זיין אַ גרויסער קינסטלער.

זי האָט אַ שמייכל געטאָן.

אַז די פאַבריק פייפלאַך האָבן זיך צעגרילצט און די עלעקטריק האָט זיך פאַרהאַקט מיט אַ לעצטן טיק — איז זי צוגעגאַנגען צו דוד'ן. נאָך אַמאָל געגעבן אים צו פאַרשטיין ווי אָנצוגיין מיט דער מאַשין, מיט דער אַרבעט און אים אָנגעזאָגט ווי צו רעדן מיטן „באָס", זי וועט אים אַרויסהעלפן.

דוד האָט דערפילט אַ דאַנקבאַרקייט צו איר פאַר איר פריינט־לאַכקייט, האָט ער איר דערציילט דעם גאַנצן אמת, אַז ער האָט ניט קיין ערפאַרונג אין דער אַרבעט, פון יעדן פלאַץ שיקט מען אים אַרונטער און ער האָט ניט קיין געלעגנהייט זיך אויסצולערנען די אַרבעט ווי אַ בעל מלאכה.

זי האָט אים אויסגעהערט, מיטגעפילט, און אַ שאָטן פון טרויער האָט זיך געלייגט אויף איר בלאַסן פנים.

ער האָט פאַרשעמט אַ פרעג געטאָן:

— ענטשולדיקט, וואָס איז אייער נאָמען:

— ראָזי!

— מיין נאָמען איז דוד.

ביידע זיינען אַרונטער, געגעסן און געוואָרן היימישלאַך.

ראָזי האָט געשלונגען יעדעס וואָרט זיינס. ניט אַרונטערגע־נומען די אויגן פון אים.

שיין, יונג, באַגייסטערט, קיין אפּערייטאָר רעדט ניט אַזוי.

די אויגן האָבן בא איר אויפגעלויכטן און אַז מען איז אַרויס אין גאַס האָט זי ניט זיכער פאַרגעלייגט:

— לאָמיר ווערן שותפים. איך וועל זאָגן דעם „באָס", אַז איר זייט מיינער אַן אַלטער פריינט, מיר האָבן אַמאָל געאַרבעט אין שותפות אין אַ שאָפּ און איצט וויל איך ווייטער מיט אייך אַר־בעטן. איך אַרבעט פון שטיק, פון וואָך וועט איר ווייניק פאַרדינען. אַזוי וועט ער זיך קיינמאָל ניט כאַפּן צי איר קענט די אַרבעט צי ניט, מיר וועלן אַרבעטן אויף פראָצענטן.

דוד האָט זיך געוועקט:

— ניין, ניין, דאָס ניט.

ראָזי האָט ניט אָפּגעלאָזט:

— איר וועט זיך אויסלערנען די אַרבעט. און שפּעטער וועט איר קענען אַרבעטן באַזונדער פאַר זיך.

נאָכמיטאָג איז שוין דוד געזעסן בא דער אַרבעט אין אַ געהויבענער שטימונג. ס׳איז ניט געווען די אַרבעט, ווי די מאָדנע מיידל ראָזי.

די מאַשין האָט זיך אונטערגעגעבן...

האָט מען שוין גערעדט און פאַרצויגן אַ ליד. צוזאַמען געאַרבעט. צוזאַמען געגאַנגען עסן . און מיטאָג־צייט שפּאַצירט אַרום שאָפּ צווישן רעדלאַך אַרבעטער וואָס האָבן באַלאַגערט די טראָטואַרן אין שעה פון רו.

נאָך דער אַרבעט האָט ער זי צוגעפירט צום „סאָבוויי“, ראָזי איז געפאָרן אַפּטאַון, זי האָט געוואוינט בא אַ שוועסטער.

און אַז עס איז געקומען שבת נאָך צוועלף און מען האָט זיך באַדאַרפט צעשיידן ביז מאַנטיק פרי, האָט ראָזי כלומר׳שט פאַרבייגייענדיק, אַ פרעג געטאָן:

— ווי פאַרברייינגט איר זונטיק?

— אָט, — האָט דוד אָוועקגעמאַכט, — מיט פריינט, מען גייט ערגיץ.

— אויב איר ווילט, — איז ראָזי געגאַנגען פאַרזיכטיק ווייטער — קומט אַמאָל צו צו אונז.

— איר קענט מאָרגן צוקומען, אויב איר ווילט. קומט צו פאַר דינער.

דוד האָט נאָכגעקוקט, ווי ראָזי לויפט אַרונטער די שטיגן אַ לייכטע, אַ לופטיקע. ראָזי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, די אויגן האָבן זיך באַגעגנט און זיך צעשמייכלט.

דוד איז אַ פריילאַכער, אַן אויפגעלעבטער אָוועק אַהיים. אין הארצן האָט זיך צעשטראָלט אַ פריילאַכער ניגון.

זונטיק האָט זיך דוד אויפגעכאַפּט פריער. ווי אַ געוויינלאַכן זונטיק, ער איז געלעגן אַ צייט מיט אָפענע אויגן און געטראַכט פון ראָזי׳ן —

ער האָט געפילט, אַז די ראָזי האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין זיין לעבן און אויפגעמישט אַ נײַ בלעטער. די גאַנצע וועלט האָט אויפ־געטויכט אויפגעליכטן פאַר זיינע אויגן. גאַס, שטאָדט און מענטשן האָבן געקראָגן אַן אַנדער קאָליר.

מיט איין שפּרונג איז ער אַרונטער פון בעט, זיך אויסגעפּוצט און אַוועק צום „סאַבוויי״.

דאָס ריטמישע קלאַפּן פון „סאַבוויי״, האָט פאַר אים איצט אויסגעקלאַפּט אַ פרייליך לידל. זי פירט אים איצט צו איר, צו ראָזי׳ן מיטן בלאָסן פּנים און שוואַרצע האָר, ווי אַ ראַם אַרום דעם —

היינטיקס מאָל, האָט ער זיך ניט באַדאַרפט ברעכן דעם קאָפּ, וואוהין פאָרט מען היינט, וואוהין גייט מען, וואו טוט מען אַהין די ליידיקע שיינע שעה׳ן.

איצט פאָרט ער מיט אַ ציל.

ראָזי האָט אומגעדולדיק געוואַרט, אַן אויסגעפּוצטע, אַ שיינענ־דיקע, זיך צוגעהערט צום גלעקל.

מיטן קלונג פון גלעקל האָט מיטגעקלאַפּט איר האַרץ.

זי האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר דער שוועסטער, פאַרן שוואָגער און פאַר דער אינגערער שוועסטער.

זיך געדרייט אַ שלאַנקע, אַ בויגיקע, אַן אַנדערשדיקע.

בּאַם עסן האָט זיך דוד דערפילט היימיש; אַרומגערינגלט פון פריינטלאַכע שמייכלען און היימלאַכע בליקן. ווי איינער פון דער משפּחה.

אַ צעוואָרעמטער האָט ער שוין געוואוסט, אַז ער בלייבט איינער פון זיי. און ווען ער וועט קומען וועלען אים די פריינטלאַכע אויגן און שמייכלען וואַרעמען.

ער האָט געקוקט אַף ראָזי׳ן, אויפן שותף און געשמייכלט.

קוני דער נאַר

(אימפּרעסיע)

קוני איילענד דער נאַרישער אינזל. ער האָט זיך אויסגע־שפּרייט און איינגעגעסן זיך, ווי אַן אָקטאָפּוס, מיט אַלע זיינע אָרעמס און ניט פון אָרט. לאָזט דער אָקטאָפּוס אַרויס אַ טינט־פליסיקייט אַרום זיך — האָט זיך קוני אַרומגענומען מיט טויזנטער עלעקטרישע ליכט — שפּריצט זי אַרויף העט־העט אין דער הויך און מיט זיינע טויזנטער פינקלדיקע אויגן מאַניעט ער, רופט און ווינקט:

— אַהער, אַהער, איר אַלע, קומט אונטער מיינע פליגל! מיר האָבן אָנגעגרייט פאַר אייך פולע שיסלען מיט „פּלעזשור"! קומט און זופּט און האָט הנאה!

פּלאָנטערן זיך געקאָרטשעטע אָדערן אין דער ערד פון ניו־יאָרק, ברוקלין און אומגעגנט און אַלע ציען אַהער, צום נאַרישן אינזל.

דאָס ניו־יאָרקישע און ברוקלינישע האַרץ ציט צום ביסל „פּלע־זשור", פאַרברייט אין שיסלען.

פּלאָנטערן זיך הענט און פיס, מישט זיך אוים מענטשלאַכער שוויים און שטיקנדיקער אָטעם. היינגט מען איינער איבערן צווייטן, קריכן עלנבויגנס אין פרעמדע זייטן, בייטן זיך שטעכיקע בליקן; שאַרפן זיך, קרימען זיך שמייכלען, פאַלן ווערטער, ווי מיאוס'ע שרצים, און די הערצער קלאַפּן מיט דערוואַרטונג אַריינ־צופאַלן אין די אָפענע אָרעמס פון אינזל מיט איבערגעפילטע שיסלען.

אָט שטעלן זיך די באַנען אָפּ. און ווי אַ שווערער האָגל אויף דעכער, פאַלן מענטשן פון באַנען־מיילער אויף די גאַסן פון קוני איילענד.

און קוני דער נאַר בייגט זיך אין דרייען, קייכט פון געלעכטער און רופט מיט די הענט, מיט די פיס, מיטן לייב און מיט די אויגן:

— אהער, אהער, איר אַלע! צו מיין נאַרישקייט איז ניטאָ קיין שיעור. מיר האָבן אָנגעגרייט פאַר אייך געגוג, און אויך פאַר אַלע, וואָס וועלן קומען נאָך אייך וועט געגוג פאַרבלייבן.

— אהער! אהער!

— דאָס גרויסע, ריזיקע מויל פון „סטיפּלטשיים" איז אָפן און וואָס עס גייט דאָרט אַריין איז ווי אַ טראָפּן אין ים, וואָס ליגט באַ מיינע פיס.

גייט שוין קיינער ניט וואו מען וויל —

אַלע גייען וואוהין קוני דער נאַר וויל.

די אויגן קוקן ניט וואוהין זיי ווילן, נאָר וואוהין קוני דער נאַר וויל.

שרייען מיילער. שרייען שילדן. שרייען עלעקטרישע ליכטער און קוני דער נאַר שרייט העכער פון אַלעמען —

און קלינגט צו מיט גלעקלאַך —

אהער! אהער!

גייען אַזוי אַוועק יאָרן און יאָרן און וואָס עס איז געווען איז ניט געווען. עס האָט קוני דער נאַר, ווי דער מלאך אין דער מאַמע'ס בויך, אַ שנעל געטאָן, ניט אונטער דער נאָז, נאָר גלייך אין מח אַ פּיק געטאָן. אָט דאָ זענט איר געווען און דאָ זענט איר דאָ.

די מיידל, וועלכע ליגט מיטן קאָפּ אַפּן בעזים און קערפּער אין דער לופט — ליגט שוין אַזוי יאָרן. פאַראַיאָרן איז זי דאָ געווען און פאַר צוויי־יאָרן, און אַזוי צוריק, צוריק. און דאָס מיידל מיטן אָנגעשמינקטן פּנים, שלינגט נאָך אַלץ שווערדן צו צוויי און דריי אַף אַמאָל. אַף דער אייגענער גאַס, אין אייגענעם „חלום־לאַנד".

און דער בושמאַן מיטן פּנימ'ל ווי אַן איינגעשרומפּענער, געפּרוירענער עפּל און מיטן קוטשעראַווע קעפּל, זינגט נאָך אַלץ דעם ווילדן ניגון אַן טענער און מאַכט נאָך אַלץ משוגע'נע העויות —

היינטיקס יאָר ווילדעוועט ער נאָך מער — ווייזט אוים, שוין גע־קראָגן א העכערונג אף זיינע שכירות...

און די פעטסטע פרוי אין דער וועלט זיצט נאָך אפן זעלביקן פלאַץ, פארקויפט די זעלביקע קארטלאָך אירע, און פארשפרעכט נאָך אַלץ חתונה צו האבן מיט דעם בחור, וועלכער וועט זי קענען ארומנעמען. און דער זעלביקער עולם ארום לאַכט נאָך אַלץ פון דעם וויץ — ווי פאראיאָרן און פאר־צוויי־יאָרן און נאָך און נאָך יאָרן.

און דער זעלביקער שווארצער גורל־טרעפער זיצט נאָך אַלץ אין דער ווייבערשער קימאָנע מיט ברייטע ארבל און שלעפּט פּאפּיר־לאָך פון זיי און טרעפט אייך, אז איר האָט גאָר־גאָר גרויסע פּלענער און אז ס'איז אַ זיכערער „סוקסעס".

איר דארפט זיך נאָר היטן פאר אַ ברונעט, ער וויל אייך שטערן, היט זיך פאר אים, ווי גאָט איז אויך ליב

און דאָס קליינע געניץ־מענטשל, דער פּרינץ אַץ־קוציץ־בן־קוציץ, קושט נאָך אַלץ די שענסטע מיידלאך, בעט אייך „שייקן הענטס" און רוקט אייך אריין זיין בילד פאר „טען סענטס אָנלי".

און קוני, דער נאר, קייכט און רופט:

— אהער, אהער! נאָך ניט אַלץ האָט איר געזען!

— אַ־האַ־אַ! האַ־האַ! אָט דאָס איז עס!

די אויסגעמאַטערטע נעגער־בחורים און נעגער־מיידלאך טאַנצן נאָך דעמזעלבן „דזשיג". די מידע פים פּלאָנטערן זיך. זיי ווייסן שוין ניט וואָס זיי טוען. די גראָבע ליפּן קלאַפּן ווי טאַצן. זיי קאָנקורירן. די קעפּ דרייען זיך צו דער צווייטער טיר — עס שמעקט מיט „הייסע הינטלאך". און דאָס קליין איריש ווייטערל „דזשי־נעט" אוים אַן איריש לידל. ס'טאַנצט שוין אזוי יאָרן און יאָרן. ווען וועט עס שוין אַמאָל אויפהערן?! וואָס פאר אַ כח ליגט אין דעם?

קוני דער נאר דרייט זיך אין זעקסן און לאַכט!

— אהער, אהער!

— אהאַ! די מיאוס'טע פרוי אין דער וועלט. אַ פאַרשטיינער־טער מענטש. דער אינגל מיטן חזיר'שן אויג. די גרעסטע וואונדער פון דער וועלט — ניט מער ווי צען סענט.

און דער ווילדער אַפריקאַנער טומלט, רופט קונים מיט משונה־דיקע געשרייען. העלפט דעם „באָס" אין געשעפט. רעדט אַף אַ מאָדנער שפּראַך און לעקט אַן „אייזקרים סענדוויטש".

— אהער! אהער! די גרעסטע מיסטעריע אין דער וועלט, פאַר איין ניקל!

און פון שילד געוואַלדעוועט אַרונטער אַ ריזיקער פרעג־צייכן.

ציט דאָס נייגעריקע האַרץ, זאָגט איינער דעם צווייטן:

— בלאָף!

— פייק!

— באַנק!

— עט, איך ווייס ס'איז בלאָף, לאָז ער מיך אָפּנאַרן.

רוקט מען זיך צו, קוקט מען אַריין, זעט מען אַ מאַלפּע, אַ גע־ווינלאַכע מאַלפּע. פאַרשעמט מען זיך, קען מען דעם צווייטן אין די אויגן ניט קוקן. שמייכלט מען נאַריש. מען גייט צוריק, וויל מען ניט, אַז יענער זאָל פרעגן. שאַרט מען זיך אַוועק. קוקן די אַנדערע נייגעריק. וואָס האָט מען געזען? שטופּט מען די ניקלס.

און דער מאַן מיט דער פּאַפּירענער טרובע, מיט דער ערנסטקייט ווי פאַר אַ וועלט־אונטערגאַנג, געוואַלדעוועט:

— די גרעסטע מיסטעריע פון דער וועלט!

און עס מישט זיך דער טומל מיט די געוואַלדן, מיטן ריח פון הייסע וואורשטלאַך, געבראָטענע ראַקעס און שווייסיקע לייבער, נאַרישע שמייכלען, „אייז־קרים", „פּינאַטס", זאַלץ וואַסער און זאַמד.

און קוני דער נאַר פינטלט מיט טויזנטער אויגן אין דער נאַכט אַריין, אין טאָג אַריין און לאַכט און קייכט:

— אהער! אהער!

סטרייק

באַ ביל׳ן אין הויז

ביל, אַ הויכער, ברייט־ביינערדיקער, מיט אַ שטאָלענעם גלאַנץ אין די גרויע אויפפינקלדיקע אויגן, האָט זיך עטוואָס אַנגעבויגן, אַריבערטרעטנדיק די שוועל פון זיין הילצערן קאַמפּאַניע־שטיבל. אַרונטערנעמענדיק דאָס בלעכענע שפּייז־קעסטל פון זיין אָרעם, האָט ער אַ וויש געטאָן מיט ביידע פאַרסאַזשעטע הענט איבער די גלאַנצנדיקע, שטייפע הויזן, וואָס האָבן ווי צוויי קוימן־רערן אַרומגענומען זיינע הויכע פיס. ער האָט אַרויסגעברומט אַ „גוד איוור־נינג", וועלכער האָט אַ רעג געטאָן מערי׳ס האַרץ, און דאָס שיסעלע וואַסער, וועלכעס זי האָט אים אַנטקעגנגעטראָגן, האָט אַ לייכטן ציטער געטאָן און אַרויסגעפּלושעט אַביסל וואַסער אַפן רויען הילצערנעם דיל.

די קינדער וועלכע האָבן אַפּגעריסן די קעפּ פון טיש און כמעט ביידע אין איין צייט זיך אַרונטערגערוקט פון די עטוואָס צו־הויכע בענקלאַך פאַר זיי, און זיך געוואָלט אַ לאָז טאָן צו ביל׳ן, זיינען ביידע, ווי זייערע קליינע הערצלאַך וואָלטן זיך אָפּגעשטעלט געבליבן אין דער דאָזיקער פּאָזיציע.

דער אויפרעגנדיקער „גוד איוונינג" האָט אָפּגעשטעלט די לופט.

ביל האָט זיך אויסגעדרייט צו דער לאַנגער באַנק, וואו דאָס שיסעלע איז געשטאַנען און זיין בליק האָט זיך פאַרהאַלטן באַם שפּיציקן שטיקל שפּיגל, צוגענאַגלט צו דער וואַנט. ער האָט אַרונטערגענומען דאָס שוואַרצע היטל מיטן לעמפּל, וואָס האָט איצט אויסגעזען ווי אַן אויסגעלאָשן אויג, און ער האָט דערזען זיין לאַנגלאַך טונקל פּנים. פאַרסאַזשעט, אויף אַ רויטלאַכן הינטערגרונט, גרינע אויגן מיט גאָלדענע אויפבליצן און ליפּן פאַרשלאָסענע,

פאר'עקשנ'טע. פון די גאז־פליגלען, ארונטער דער אויבערשטער ליפ, האבן זיך געטיפט צוויי שארפע שניטן.

ער האט זיך דערמאנט, אז ער דארף זיך איילן.

מערי, א קליינינקע, א רונדע מיט אן אויפגעשפיצטן בויך, וואו עס האט זיך געצאפלט א נייע פריש לעבן, האט אפיר גענומען פון אונטער בילן, וועלכער איז געשטאנען איבערגעבויגן ווי א האלבער רייף, דאס שיסעלע מיט דער שווארצער פארמאלעטער ברודיקייט און פארזארגט מיט פארשאטנדיקע אויגן א פרעג געטאן:

— וואס איז געשען, ביל?

זי האט געקוקט אף די ברייטע הענט, אפן האנטוך, וואס האט זיך געדרייט ארויף און אראפ איבער זיין פנים.

— מ'האט היינט עפעס גערעדט?

— איך האב מורא, — זיינען געקומען ווערטער, פארשטיקטע פון אונטערן האנטוך און באלד פרייערע, — היינט איז א מיטינג. עס מיינט א סטרייק.

ער האט אווארף געטאן דעם האנטוך אף דער באנק.

— ס'ט'געבן שנעלער עסן. די קאמפאניע וויל נישט נאכגעבן, היינט באם מיטינג וועט מען באשליסן.

בא מערי'ן איז הארצן האט גענומען גיך קלאפן א קליין העמערל טיק־טאק, טיק־טאק, מיט טייוולשער שנעלקייט געהאמערט און געשפרייט שרעק. זי האט זיך ניט גערירט פון ארט.

— נו, נארעלע, וואס האסטו זיך אזוי דערשראקן? זיי ניט קיין קינד, אזוי איז דען בעסער? א הינטיש לעבן, ליג א גאנצן טאג אין א שווארצן גיהנום, ברעך זיך אין דרייען, רייס מיט די ציין יעדער שטיקל קויל, ארבעט אונטערן פרייז און ערשט בא שווינדלט מען דיך בא דער וואג. „רעד מייק", דער הינטישער זון, וועט דיר ארויס'גנב'ענען דעם קוילן־שטויב פון אונטער די נעגל. א, מאך זיך ניט נאריש, גיב עסן.

— כא, כא, כא! — האט ער זיך הארציק צעלאכט, באטש אונטערן געלעכטער האט, דוכט זיך, געציטערט א דינער שרעק, —

זעט קינדער, די מאַמע האָט זיך דערשראָקן. בו! בו! אַ בוגי מען, כאַ, כאַ, כאַ!

די קינדער זיינען אָנגעשטעקט געוואָרן פון זיין געלעכטער. דאָס קלענערע האָט זיך אַ צי געטאָן און ביל האָט אונטערגעכאַפּט די אויסגעצויגענע הענטלאַך און עס אַרויפגענומען צו זיך אפן שויס.

— ווייסט פּאַ, — האָט די עלטערע דזשאַנעט, זיך אָנגעשפּאַרט אף ביידע הענטלאַך איבערן טיש, — די קינדער אין שול האָבן היינט געזאָגט, אַז באַלד וועט זיין אַ סטרייק. און די לערערקע האָט געזאָגט אַז נאָר „פאַראייגערס" סטרייקן. זיי זיינען קיינ־מאָל ניט צופרידן. זיי דאַרפן דאַנקבאַר זיין אונזער לאַנד, וואָס מען האָט זיי אַריינגעלאָזט אַהער, און זיי געגעבן אַ מעגלאַכקייט צו אַרבעטן. זיי זיינען שולדיק אין אַלע צרות. ביסטו אַ „פאַר־איינער", פּאַ? האַ?

— זעסט, מערי, הערסט? — האָט ביל אַריינגעשריען אין קיך, ווי מערי האָט צוגעגרייט דאָס עסן, — זעסט, אונז פאַר'סמ'ט מען מיט קוילן־שטויב און זיי פאַר־סמ'ט מען מיט שנאה, מיט נאָך אַן ערגערן גיפט. מען וויל זיי אָפּרייסן פון אונז, זיי, די הינטישע זין, רייצן אויף די קינדער קעגן אונז!

— הערסט, דזשאַנעט, אַז דו וועסט נאָך אַמאָל הערן אַזאַ „באַנק", זאָג דיין לערערקע, אַז זי איז אַ פאַרדאַמטע ליגנערין! הערסט? אַזוי זאָלסטו זאָגן.

— „נאַ", פּאַפּאַ, — האָט זיך דאָס קינד דערשראָקן, — זי וועט מיר רייסן די האָר.

ביל האָט מיט רוגזה געשלונגען די ביסנס, ווי דעם קינד'ס רייד וואָלטן אים אונטערגעבייטשט.

ער האָט געקושט די קינדער, מערי'ן, צוגעוואָרפן אַ „זאָרג ניט, מערי, אַ גוטע נאַכט", און אין איילעניש אַריין אין דער נאַכט.

סטרייק

אפגייענדיק מיט האסטיקע טריט א שטיקל וועג, האט ביל גענומען טראכטן און זיינע טריט זיינען געווארן איינגעהאלטענער, די אקסלען האבן זיך ארונטערגעלאזט. ער האט געשפאנט איבער צעקעסטלטע פאסן ליכט, וואס זיינען געפאלן פון קליינע פענסטער־לאך, פוןביידע זייטן געסל, פון געקרימטע, צעדרייטע, הילצערנע הייזלאך. צווישן צוויי הויכע, שווארצע בערג, מיט קוילן־מיסט ארויסגעריסן פון די קוילן־שאכטן, האבן זיך די צוויי שורות הייז־לאך געדרייט אין אלע זייטן. אייניקע האבן זיך געצויגן פאראויס אנדערע האבן זיך געבויגן צו דער ערד. אייניקע האבן אויסגעקוקט ווי הארבאטשעס מיט איין אקסל ארונטער, דעם צווייטן ארויף.

ביל'ן האבן געשראקן די הייזלאך, געלייגט זיך שווער אף זיין געמיט. עס האט זיך אים געדוכט, אז פון יעדן ווינקל קוקט מען אים נאך. די „אמעריקאן קאאל קאמפאני" האט גאלדענע רענדלאך, האט זי טויזנטער אויגן. זיי לויערן נאך יעדן ארבעטערס טראט.

ער האט זיך א צאפל געטאן. באלד זיך אפגעטרייסלט, זיך אויסגעצויגן אין דער גאנצער הויך און גענומען האסטיק שפאנען מיט פעסטע טריט.

ער האט זיך ארייננגעדרייט אין א פינסטער געסל.

אין געהיימען לאקאל זיינען איבערן גאנצן זאל געווען צעווארפן גרופן ארבעטער. חברה האבן גערויכערט, געשפיגן מיט געלע און שווארצע פלאכעס, געקלאפט מיט מאזאליעטע ברייטע הענט און זיך געאמפערט.

ביל איז אריין. האט מיט זיין גרוי־שטאלענעם בליק און שניידנדיקן גלאנץ ארומגעכאפט דעם עולם און מיט דער נאז דער־שמעקט דעם פולווער אין דער לופט. ער איז באלד ארייננגעכאפט געווארן אין א רעדל און ווערטער, שטאלענע, זיכערע, האבן גענומען קלאפן ווי האמערס, פון אלע זייטן. דאס ווארט „סטרייק" איז געשפרונגען פון מויל צו מויל, זיך געהערט איבער אלע אנדערע.

מיטן ערשטן האמער־קלאפ האט מען בא יעדן ארויסגעקלאפט די ווערטער פון מויל. בענקלאך האבן זיך צעקרעכצט און אלץ איז פארשטומט געווארן.

איבער נאקעטע קעפ, איבער אויפגעבליצטע אויגן זיינען געפאלן ווערטער, האבן געהאמערט ווערטער. ווערטער וועגן בייזן לעבן, וועגן גיהנום׳דיקן לעבן. שטארקער ווי די טאג־טעגלאכע בייטש פון דער „אמעריקאן קאאל קאמפאניע", האבן די ווערטער, הייסע, בלייאיקע, זיך געשניטן איבער הערצער און מוחות.

די מאסע האט זיך געדרייט, די מאסע האט געברומט.

דער זאל האט אויפגעשטורעמט, שטאלענע ווערטער זיינען געשפרונגען אין דער געדיכטער, אנגערויכערטער גרויקייט.

— סטרייק! סטרייק!

— מיר זיינען ניט קיין ווערים!

— טו העל וויט דהעם!

פון צווישן עולם האט ביל גענומען שפאנען מיט פעסטע טריט. די ליפן האבן זיך פאר׳עקשנ׳ט און א בלייכקייט האט זיך צעגאסן איבער זיין לאנגן פנים. מיט א שארפן, שניידנדיקן בליק האט ער דורכגענומען די אויפגערעגטע מאסע.

ס׳האבן אין אים אויפגעגליט די ווערטער, וואס דאס קינד האט דערציילט בא דער וועטשערע און זיין פנים האט זיך אנגעגליט מיט רויטקייט.

ער האט דורכגעפירט די חברים ארבעטער דורכ׳ן אונטער־ערדישן לאבירינט פון זייע אייגענעם פארגיפטעטן לעבן.

חבר׳שע, הארציקע בליקן האבן אים צעוואַרימט.

— אלץ האבן זיי פארכאפט פאר זיך, אונזער היים, אונזער ברויט, אונזערע קינדער, אונזער אייגענע ברידער פון אונזערע רייען אויסגעריסן, אונזער גאנץ לעבן איז פאר זיי אפן. אפילו דא אין זאל זיינען מיר ניט זיכער, אז עס געפינען זיך ניט דא דער קאמפאני׳ס שפיאנען. (ארבעטער אף ארבעטער קוקט זיך ארום, מיט שפיזיקע אויגן בויערט איינער דעם צווייטן). אונזער גאנץ

לעבן איז פאַר׳משכּונ׳ט צו זיי. אונזערע אייגענע קינדער העצן זיי קעגן אונז.

— ביל איז גערעכט!

— סטרייק!

— אַ סטרייק!

אין דער שפּעטער נאַכט האָט זיך דער אויפגערעגטער צאָרן געטראָגן פון הויז צו הויז, פון שאַכט צו שאַכט.

— סטרייק!

— סטרייק!

ס׳קעבס

אַן אומגעזעענער, אַנגעלאָדענער קנויל האָט, ווי אַ שאַרפע שווערד, געהאָנגען איבערן גאַנצן געגנט. אַרום די טויערן, וואָס פירן צו די שאַכטן, דורך דער גאַנצער לענג פון די בלאָנקענדיקע באַנען־רעלסן, האָבן זיך געדרייט, מיט געלאָדענע ביקסן, פאַרדעכטיקע פאַרשווינען מיט צעפּלעטשטע נעזער, האַרטע שטעכיקע מאָרדעס און דיקע, אויפגעלאָפענע אויערן—פון שטענדיקע געשלעגן. זייערע אויגן, גרויע, האָבן געשפּיזלט איבערן געגנט און אַרומגעטאַפּט יעדן פאַרבייגייער. די ציין האָבן געשטשירעט ווי בייזע, צערייצטע הינט, און אַלע ווײַלע האָבן זיי אַרויסגעפּליוכעט אַ געלע שמוציקע קלעפּיקייט, וואָס האָט דערלאַנגט אַ טראַסק אויף דער שמוציקער ערד. זייערע אומגעלומפּערטע, רויע, מאַלפּישע הענט האָבן זיי געביסן אימיצן צו פאַרפּאַרן אין מאָרדע אַריין, אָדער אַ זעץ טאָן מיט דער קאָלבע פון ביקס.

איבער דעם שוואַרצן באַרג איז אַרויס די זון און עטלאַכע שטראַלן האָבן זיך געטוליעט מיט הייסע בעקלאַך צום קאַלטן שטאָל פון די ביקס־רערן, מיט ליידיקע אויגן־לעכער, טיף־שוואַרצע...

אין דער פרישער, פרימאָרגן־קאַלטער לופט האָבן, אין רייען, פאַרביי די טויערן פון די קוילן־שאַכטן, מאַרשירט מיט שווערע

טריט, פארטראכטע פנימ׳ער און געשלאסענע ליפן, שווארצע און גרויע געשטאלטן.

זיי זיינען געגאנגען אויף און אפ און שטיל, פאר׳עקשנ׳ט גע־שוויגן. בליקן האבן געשניטן, טאנצנדיקע, אף ביידע זייטן.

פון צייט צו צייט האבן זיך, בורטשענדיק, דורך געלע ציין, דורכגעזייט, אפגעהאקט:

— די פארדאמטע גארילעס!

— געלע הינט!

— הינטישע זין!

— פאר זיי איז דא געלט, בעסטערדס!

מיט אמאל זיינען די רייען צעפאלן און זיך פארקנוילט אין קנוילן. ווערטער, ווי בייזע הינט, האבן גענומען ארויסטאנצן פון מיילער אין דער אנגעכמורעטער לופט. פנימ׳ער זיינען געווארן אנגעצויגענער, אנגעשטרענגטער.

נעבן דער קאמפאני׳ס קראם האט זיך באוויזן א חברה מיט פעקלאך. די חברה איז אנגעקומען מיט א טומל, וועלכער איז באלד אפגעהאקט געווארן. זייערע טריט האבן זיך ווי אן עפעס פארהאלטן. די באוואפנטע, פון דער קאמפאני־געדונגענע פאלי־ציסטן, די געלע הינט — ווי די קוילן־גרעבער האבן זיי גערופן — האבן גענומען אונטערטרייבן:

— וואס שלעפט איר זיך? זיך דערשראקן פאר די לויזיקע בעסטארדס?

— זאלן זיי נאר שטעלן א פוס, וועלן מיר זיי געבן פולווער שמעקן.

צווישן די סטרייקערס איז געווארן א מורמלעריי. יעדער האט אפגעווארפן פון זיך, ווי מעןווארפט אפ א שרץ:

— סקעבס!

— סקעבס!

די מחנה סטרייקערס, אויפגעקנוילטע אין איין באוועגלאכער, צאפלדיקער מאסע, האט זיך א ריר געטאן פאראויס און באלד צוריק־

געטראָטן פון די אָנגעשטעלטע ביקסן מיט די שווארצע טיפקייטן, ווי אויסגעהוילטע אויגן־לעכער, פון וואַנען ס'האָט גע־לויערט אַ בלייערנער טויט.

אַן אַלטער, אויסגעבלאַסטער קוילן־גרעבער, מיט אַ גרייז־גרויען קאָפּ, מיטן אויסזען פון אַ הייליקן, האָט אויפגעהויבן די האַנט, געמאַכט אַ ווענטל איבערן מויל און אַריבערגעשריען צו די אָנ־קומענדיקע סטרייק־ברעכער:

— ברידער, יאָרן האָבן מיר געקעמפט ——

מיט אַ האַנט, ווי מיט אַן אייזערנעם דראַנג, האָט אים איינער פון די באַוואָפנטע וועכטער אַ שניט געטאָן איבערן פּנים. דער אַלטער האָט צעפּירט די הענט, זיך אַ וואַקל געטאָן און אומגעפאַלן ווי אַן אונטערגעהאַקטער קלאָץ. די מאַסע האָט זיך אַ וויג געטאָן. דער צאָרן האָט געשמיסן ווי בייטשן און געטריבן זיך אויסצוגיסן...

די סטרייק־ברעכער זיינען געשטאַנען מיט פאַרהאַלטענע טריט, ווי צוגעקאָוועטע צו דער ערד.

אַ האַרטע, גלאַנציק־שווארצע הרודע קויל האָט אַ פּייף געטאָן אין דער לופט און פאַרבייגעלאָפן איינעם פון די וועכטער'ס רויט אָנגעגאָסן פּנים. יענער האָט זיך מיטן אינסטינקט פון אַ חיה אַ בויג געטאָן און די הרודע האָט אַ זעץ געטאָן אין אַ גלאַנציקער שטיק רעלס און צעשמעטערט געוואָרן אויף פּיצלאַך.

ס'האָט אויסגעבראָכן אַ שלאַכט. פויסטן האָבן געהאַמערט איבער זייטן, איבער קעפּ, איבער פּנים'ער. קאָלבעס פון ביקסן האָבן זיך געהוידעט אין דער לופטן און אונטערגעשפּרונגען, שטיי־נער זיינען געפלויגן איבער קעפּ, וועלכע האָבן זיך באַשיצט מיט ציטערדיקע הענט. די שלאַכט איז וואָס אַמאָל געוואָרן פאַר־ביטערטער, צערייצטער.

ס'זיינען אָנגעלאָפן די ווייבער מיט יאָמערדיקע קוויטשערייען, קינדער מיט אויפפּראַלנדיקן געוויין. פוןביידע זייטן האָבן זיך פאַרגרעסערט די מחנות, ס'זיינען אָנגעקומען פון שווארצן געסל

קוילן־גרעבער, פון אַלע זייטן האָבן אָנגעהויבן שטראָמען די „געלע הינט“.

באַלד האָט זיך דורכגעטראָגן ווי אַ וויסטע בשורה:

— די קאָזאַקן קומען!

ס׳האָבן זיך באַוויזן די באַוואָפנטע רייטער, געדונגענע פון דער קוילן־קאָמפּאַני. זיי האָבן זיך אַריינגעשניטן מיט די פערד צווישן די פּליישיקע קנוילן און געשניטן אַף רעכטס און לינקס. די פערד האָבן מיט שטעכיקע פּאָדקאָוועס געקנאָטן פליישׁ און בייכער, געביסן מיט די ציין און געקלאַפּט מיט די פיס אין צערייצטע מאָרדעס. די דרעסירטע פערד האָבן געטאָן זייער אַרבעט גלייך מיט זייערע רייטערס.

ס׳האָט עפּעס אַ קנאַל געטאָן, אַ פייף געטאָן, וואו־אַ־ראַ־טאַ־טאַ־טאַ.

די פרויען האָבן גענומען שלעפּן די קינדער, וועלכע האָבן געזאַמלט קויל־שטיינער און באַוואָרפן די וועכטער. זיי האָבן געטריבן די קינדער אין שוואַרצן געסל, צווישן די רייען הייזלאַך. צווישן די קינדער זיינען אויך געווען ביל׳ס.

ביל איז פון אַ ווינקל אָנגעלאָפן, מיט פאַרהאַקטן אָטעם. פאַר זיינע אויגן האָט זיך געיאָגט אונטער פּליישיקן קנויל, מערי. איבער איר קאָפּ זיינען געפלויגן קוילן, שטיינער. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן די קינדער, זיי באַשיצט מיט איר קערפּער, איבערבויגנדיק זיך איבער זיי. אַ רייטער איז פאַרבייגעלאָפן, איר אַ שניט געטאָן מיט דער קאַלבע פון ביקס. מערי האָט זיך אַ דריי געטאָן, זיך איבערגעקערט און דאָס פערד האָט איר אַ קנאַק געטאָן מיט דער פּאָדקאָווע און אַ זעץ געטאָן מיט דער שוימיקער מאָרדע.

ביל׳ן האָבן זיך אונטערגעהאַקט די פיס, ווי אימיצער וואָלט אים אונטן אַרום דערלאַנגט מיט אַ שטיק האָלץ. עס האָט זיך אים עפּעס אַ ריס געטאָן פון האַלז און ער האָט אַרויסגעשלונגען אַ הייסן קנויל.

געזעץ

דער ריכטער, אַ קײלאַכדיקער, מיט אַ לבנה־פּנים, אָנגעשװאָלן װי אַ פּענכער, מיט אַ טאָפּלטן גוידער, אַ שמאַלציקן, איז געזעסן אַף זײַן ריכטער־שטול. די קורצינקע פּוכקע הענטלאַך האָבן מיט פאַרפלאָכטענע פינגער שלעפעריק גערוט אַפן אַרױסגעשפּאַרטן גראָבן בױך. די אױגן פאַרזשמורעטע, װי בײַ אַ הונט אַ זאַטן, װאָס ליגט מיט דערן צונג אין דרױסן אין אַ הײסן זומער־טאָג, האָבן שלעפעריק געבלאַנדזשעט איבער שװאַרצע געװירעטע שורות. ער האָט געטראַכט װעגן די אַקציעס, װאָס ער האַלט אין דער „אַמעריקאַן קאָאָל קאָמפּאַני" און דאָס בלוט־פֿאַרלאָפענע פּנים איז רױטער געװאָרן. ער האָט זיך שװער אַ דרײ געטאָן אַפן שטול:

— דאָס װעלן מיר בײַ אונז אין לאַנד ניט דערלאָזן. עס איז אונזער פליכט צו באַשיצן יעדנס אײגנטום.

ער האָט אױסגעשטרעקט די האַנט נאָך דער פּען, דער שװערער קערפּער האָט זיך קױם נאָכגעגעבן, האָט ער מיט אַ קרעכץ דערגרײכט די פּען און אונטערגעשריבן דאָס פּאַפּיר.

דער אַדװאָקאַט פון דער קאָמפּאַניע האָט די גאַנצע צײַט מיט די כיטרע לױפנדיקע אױגעלאַך נאָכגעפאָלגט יעדע באַװעגונג פון ריכטער, און אַז דאָס פּאַפּיר איז שױן געװען אונטערגעשריבן, האָט ער עס פּאַװאָליע צופֿרידענערהײט אַרײַנגעלײגט אין פאָרטפעל און מיט פאַרגלאָצטע אױגן געזאָגט צום ריכטער:

— יור האָנאָר, איך האָב פריער געװאוסט אַז בײַ אײַך װעלן מיר קריגן גערעכטיקײט, בײַ אונז אין לאַנד דאַרף אָפּגעהיט װערן געזעץ און אָרדנונג.

דער ריכטער האָט צופֿרידנערהײט בײדע הענט אַזױ, אַז די פינף שפּיץ־פינגער פון דער רעכטער האַנט, האָבן זיך צעקושט מיט די פינף שפּיץ־פינגער פון דער לינקער האַנט און מיט אַ פרומער מינע האָט ער הײליק אַרױסגעזאָגט:

— געזעץ און אָרדנונג!

* * *

ארבעטער זיינען געשטאַנען מיט ווייט־צעעפנטע אויגן און געלייענט די אויסגעקלעפּטע וואָרנונגען אַף הייזער און פּלויטן.

די וואָרנונגען האָבן געלאָזט וויסן, אַז אין פיר־און־צוואַנציק שעה מוזן אַלע סטרייקערס זיך אַרויסקלייבן פון די קאָמפּאַניע־הייזלאַך, זיי טאָרן נישט אַריבערשפּאַנען דאָס לאַנד, וואָס געהערט צו דער קאָמפּאַניע, זיי טאָרן נישט גאָט־בעטן אין קאָמפּאַניע־קלויסטער און קיינער טאָר נישט געבן קיין הילף צו די סטרייקערס.

בלוטן האָבן זיך געצונדן, ציינער האָבן געקריצט, פויסטן האָבן זיך געשטייפט מיט אָנגעצויגענע אָדערן און גאַליקע קללות זיינען געפאַלן אַף זייערע קעפּ.

ביל איז אַרויסגעקומען פון זיין הויז. ער האָט דערזען די ארבעטער, שנעל דורכגעלאָפן מיט די אויגן דאָס צעטל. ער האָט געגעבן אַ קרומען שמייכל, פון וועלכן ס'האָט זיך געגעבן אַ ציִ־אַרויף דאָס אויבערשטע שטיקל באַק מיט דער ליפּ:

— ס'פעלט נאָך! און מען טאָר נישט אָטעמען די לופט פון דער קאָמפּאַניע.

אַלע האָבן אויסגעדרייט די קעפּ. איינער האָט אַ פרעג געטאָן:

— וואָס מאַכט דאָס ווייב, ביל?

— שוואַך, זייער אָפּגעשוואַכט. — זיינע אויגן זיינען געווען אונטערגעצויגן מיט בלוי, און דאָס פּנים אויסגעבלייכט. — זיי האָבן זי שיער נישט דער'הרג'עט, די הינטישע זין.

— בעסטיעס. — האָט איינער אַרויסגעשפּיגן — אַפילו קיין פרויען שאָנעווען זיי נישט.

— און קיין קינדער נישט.

ביל האָט אַ ברום געטאָן:

— יושר באַ זיי...

ער האָט אַ וואָרף געטאָן אַ בייזן בליק אַהין צו דער קאָמפּאַניע.

— וואָס ווילן מיר איצט טאָן?

— וואוהין פאַרנעמט מען זיך מיט די בעבעכעס?

ביל'ן האָבן די פראַגן געלעכערט דעם מוח.

— ניט געזאָרגט, — האָט ביל געטרייסט די אַרבעטער. מיר האָבן זיך גערעכט אַף דעם. די יוניאָן זוכט אַ פּלאַץ אַף אויפצושטעלן באַראַקן. ס'איז שווער צו קריגן. קיינער וויל ניט פאַרדינגען קיין לאַנד. מען האָט זיך מורא אַנצוהויבן מיט דער קאָמפּאַניע. זי וועט זיך אָפּרעכענען מיט זיי. מיר וועלן אָבער קריגן אַ פּלאַץ. נו, איך דאַרף גיין. מיר וועלן היינט זיכער קריגן אַ שטיק לאַנד.

ער איז אַוועק מיט שנעלע טריט.

אין די באַראַקן

אַ גאַנצן טאָג האָט זיך געדרודערט צווישן די צעקרימטע הילצערנע הייזלאַך דורך צעפּראַלטע טירן האָט מען געשלעפּט פּעקלאַך. דאָס געסל איז פאַרלייגט געוואָרן מיט מעבל, קליידער, בעטגעוואַנט און קיך־געשיר.

אייניגע האָבן זיך גע'עקשנ'ט. שווער געווען צו רירן. יאָרן דאָ אָפּגעלעבט. קינדער אויסגעהאָדעוועט, געוויינט און געפרייט זיך. ס'רירט זיך ניט אַזוי.

די באַראַקן, שנעל צונויפגעקלאַפּטע, זיינען שוין געווען פאַרפולט, איבערגעגאַנגען מיט אַ ווערד.

און נאָך און נאָך זיינען געקומען מיט די אָרימע בעבעכעס.

די עקשנים האָבן זיך ניט געוואָלט רירן.

ביל איז געווען צווישן זיי. פאַר'עקשנ'ט מיט פאַרביסענע ליפּן, מיט שטעכיקע בליקן.

געקוקט אַף דער בלייכער פרוי מיט פאַרטריקענטע ברענענדיקע ליפּן און געטראַכט: אַ טויטן וועלן זיי מיך פון דאַנען אַרויסטראָגן.

* * *

ס'איז געווען אַ האַרבסטיקער טאָג. ס'האָט זיך געזיפּט אַ שטעכיק רעגנדל. דאָס שוואַרצע געסל איז געווען בלאָטיק און

אומעטיק. דורכן פענצטער האָט ביל געזען דאָס אָנקומען פון צוויי וועכטער. זיי האָבן זיך דערנענט צום הויז. נאָך זיי זיינען געגאַנגען צוויי מענער מיט סטאַליער־געצייג.

ס'האָבן זיך דערהערט חוצפה'דיקע קלעפּ אויף דער טיר.

איינער פון די וועכטער מיט אַ גאָרילאַ־פּנים איז אַרויס פאָר־אוים:

— מיר גייען אַרונטערנעמען דעם דאַך, די קאָמפּאַניע וויל איבערבויען דאָס הויז.

— דאָס הויז קאָסט מיר מער פון דער קאָמפּאַניע.

דער, וואָס מיטן גאָראַליאַ־פּנים, האָט אַ וואונק געטאָן און זיי זיינען אַרויס.

באַלד האָט זיך דערהערט דאָס טרעשטשען פון דאַך. העק האָבן טעמפּ געהילכט איבערן פאַרפוילטן האָלץ. שטויב האָט זיך זשמע־ניעס־וויז געשאָטן און באַלד זיינען שפּענער געפאַלן.

דאָס הויז האָט ווייטאָגדיק געקרעכצט אונטער די שטאַרקע קלעפּ.

די קראַנקע האָט זיך אין היץ געדרייט אויף אַלע זייטן און גע־נעצט מיט אַ שפּיץ פון ווייסן צונג די פאַרברענטע ליפּן.

ביל האָט דערפילט שטעכיקע טראָפּנס אויפן פּנים. די טראָפּנס האָבן אָנגעהויבן צו שמייסן איבערן בעט פון דער קראַנקער.

מיט פאַרביסענע ליפּן האָט ער געצוימט דעם צאָרן אין זיך, געשטייפט די מוסקולן פון די פיס ער זאָל די טריט פון דיל ניט קענען אָפּרייסן. מיטאַמאָל זיך אַ ריס געטאָן אויפן גאַס. צוויי גאָרילאַ־פּנים'ער האָבן אים, ווי צערייצטע הינט, געוויזן שטעכיקע ציינער און מיילער פון ביקסן.

ער האָט גענומען זיין מאַנטל, אַריבערגעוואָרפן איבערן בעט און מיט ברעטלאַך אימפּראָוויזירט אַ דעכל איבער דער פרוי'ס פּנים.

דאָס גאַנצע בלוט פון זיין פּנים איז פאַרשוואונדן און זיינע הענט האָבן פיבערדיק געציטערט.

אַ פּאָר שכנים זיינען אַריינגעקומען, געשטאַנען מיט געבויגענע קעפּ, גערעדט אָפּגעהאַקטע רייד, און אים געבעטן:

— אַט ביל, ביזט דאָך אַן אונזעריקער, עקשן זיך ניט, קום מיט אונז.

ביל האָט פאַרביסן געשוויגן און געטראַכט.

פאַרנאַכט־צו האָט ביל געזען דורכן פענסטער ווי די פאַר־בליבענע עקשנים שלעפּן זיך מיט די פּעקלאַך.

דאָס זעלביקע פערדל, דאָס פאַרשלאָפענע, האָט געשלעפּט דאָס ווייב זיינס מיט די קלימעקעס צו די באַראַקן.

דער לעצטער פון געסל איז אַרויס ביל.

ווען ער האָט דערזען ווי ביידע קינדער זיצן מיט ערנסטע אַלטע פּנים׳ער אָפן וואָגן, האָט ער די ליפּן ביז בלוט געביסן צו צאַמען די טרערן אין זיינע אויגן.

ביז שפּעט אין דער נאַכט איז ביל געזעסן לעבן דער קראַנקער מערי. דאָס קעראָסין לעמפּל האָט געוואָרפן אַ שוואַך ליכט אויף דער קראַנקער. די שמאַטעס אויף איר קערפּער האָבן זיך לייכט גע־הויבן. עס האָט לאַנג געדויערט ביז די שמאַטעס האָבן זיך נאָך אַמאָל אַ הייב געטאָן. די קינדער האָבן געקרעכצט פון שלאָף, גע־האַט שלעכטע חלומות.

דאָס קליינע שטיקל פלאַץ, אָפּגעצוימט מיט אַ ווענטל פון צו־נויפגענייטע זעק, אין אַ ווינקל פון באַראַק, האָט אויף אים אָנגע־מאַכט נאָך אַ גרעסערע מרה שחורה.

עס האָט זיך געהערט אַ כראָפּען, שווער אָטעמען, און סקריפּען פון בעטן. די פאַרשטיקטע לופט האָט אים געוואָרגן.

ער איז אַרויס פון באַראַק, צעשניטן מיטן פּאַס שוואַכן ליכט, פון דער געעפנטער טיר, די נעדריכטע פינסטערניש. פון ווייטן האָט זיך געזען אַ ליכטיקער שטראַם, וואָס האָט זיך געדרייט און געטריבן שטיקער נאַכט פון דער געגנט פון די קוילן־שאַכטן.

מילקא

פון דער צווייטער זייט זאַק־וואַנט האָט געסקריפּעט אַ בעט. מילקאַ, אַ יונגע, בלאָנדע מיידל, אינגליש געשוירן, מיט אַ לאַנגלאַך פּנים און פלאַקער־פייערלאַך אין די אויגן, איז געזעסן אָפן ברעג בעט אַ פוס פארלייגט איבער אַ פוס. אַנגעשפּאַרט אַף אַ דאַרער בלייכער האַנט, איז זי געזעסן שטאַרק פאַרטראַכט. פון צייט צו צייט האָבן באַ איר די אויגן אויפגעבליצט.

די יונגע, שפּיציקע בריסטלאַך האָבן זיך, פון האַסטיק אָטעמען, געהויבן אַרויף און אַראָפּ. דער אומרו האָט זיך געצאַפּלט אין איר פון די שפּיץ־פינגער ביז די האָר־וואָרצלען פון היציקן סקאַלפּ, און געהאַקט אין די שלייפן. אַ רויער כח האָט זיך געריסן אין איר און געשטרעבט זיך אויסצופורעמען, אויסגעשטאַלטן אין ווערטער.

. . . און אין גליאיקן מח האָבן בילדער־פראַגמענטן, ווי פילם־בילדער געשווינדעלט . . .

. . . אַ ראַד פון אַ צאַפּלדיקער מאַסע. פאַרצאַרנטע געזיכטער. אַ ברומען. מענער, פרויען און קינדער וויגן זיך און צאַפּלען זיך — ווי מיט אַ מעסער שניידט זיך דורך אַ שפּאַלט אין ראָד — אַף אַ טראַג־בעטל ליגט דער טאַטע מיט אַ פאַררויסענער שטעכיקער באָרד קעגן הימל. די באַקן איינגעפאַלן. די בלויע אויגן זיינען פאַר־שטאַרט קעגן בלויען הימל, וואָס קוקט תמ'עוואַטע אַרונטער אַף דעם אָנגעפּראָרענעם, אויפגעיווירטן שטיקל לעבן דאָ . . .

זייט דאַן האָט דער איינציקער ברודער, דזשאַן, אַ העלדישער יונג, אַ העלדישער קעמפער, פאַרנומען דעם טאַטנס פּלעצער. געווען גוט צו איר, צו דער מאַמען. עס האָט אויסגעבראָכן דער סטרייק. דזשאַן האָט פאַרנאַכלעסיגט דאָס הויז, געקומען שפּעט באַנאַכט אַהיים. פאַרטאָג שוין געווען באַ די קוילן־שאַכטן. געהאַלטן רעדעס, געמוטיקט די סטרייקער. אומדערשראָקן געקראָכן אין פייער. דאָס לעבן געשטרעקט און אַוועקגעגעבן . . . געענדיקט — מיט אַ שוואַרץ געדיכט ריטשקעלע באַם שלייף. אַ פאַרבלאַטיקט,

פאַרפּאַפּט שטיקל בלאַנדע קאָפּ. און אַ פּערדישע מאָרדע, אַ שוימיקע, קלאַפּט אים אין זייט.

דאָס גאַנצע הויז האָבן פרעמדע פאַרנומען, קוואַרטיראַנטן, אַרבעטער ווי דער טאַטע און דער ברודער. אַזוינע פאַרהאַרטע־וועטע, מיט שטעכיקע בערד און קייען ליולקעס און רעדן מיט אָפּ־געהאַקטע ווערטער, ווי מיט אַ לאָם אויסגעהאַקט אַ שטיק קויל.

פון ניין יאָר אָן אַזוי, מיט דער מאַמען, געראַמט און געוואַשן און פאַרבעטן די בעטן, און די בלויע אויגן האָבן אַלץ איינגעזאַפּט, ווי אויף פילמס אָראָפּגעכאַפּט.

און איצט דרייען זיך אויף די רעדלאַך פילמס און באַשטראַלט פון אייגענעם ליכט וואָס צינדט זיך איצט אין מח, זעט זי די אַלע בילדער אַזוי קלאָר, ווי זיי וואָלטן אָט ערשט פּאַסירט.

דאָס קרעכצן אויף יענער זייט וואַנט פון דער קראַנקער מערי׳ן האָבן געטריבן אין מויל ברענענדיקע, גליענדיקע ווערטער, ווי הייסע קוילן. ווערטער האָבן זיך אין מח נעפּלאָנטערט, געריסן זיך צום מויל, צעשטעלט זיך אין שורות.

זי האָט גענומען שפּאַנען האַסטיק איבערן צימער און מיטן האַסטיקן שפּאַנען האָט אויפגעברויזט דער צאָרן און קינדערשער צער, פון יונג־מיידלשן צער, פון מענטשלאַכן צער צו אַלע אָרעמיקע. די הענט, די בלייכע לאַנגע הענט, האָבן זיך געצויגן, צונויפצונעמען די אַלע פאַר׳חושכ׳טע, געליטענע, פאַר׳צרה׳טע; זיי טרייסטן און פאַרגיטיקן פאַר זייערע אייביקע ליידן.

היים־בלייאיקע ווערטער זיינען געפאַלן פון איר מויל אויף די קעפּ פון אונטערדריקער, אויף די קעפּ פון צופרידענע און זאַטע.

* * *

. . . אַנגעטאָן אין איר רויט קליידל, דאָס צעפלינגלטע, וואָס זי טראָגט יעדן זונטיק, שטייט זי העכער איבער אַלע קעפּ. פון מויל פאַלן ווערטער אויף געבויגענע קעפּ, שווער אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. די ווערטער באַפליגלען די קעפּ, הויבן זיי אויף, און זיי פאַר־

רייסן זיך; זיי שיינען. די אויגן פלאַקערן. זי פּאַראַוּים און זיי נאָך איר. אַנטקעגן שונא, צו די מיילער פון די שאַכטן . . .
זי וועט זיי פירן און דערפירן צו אַ זיג.
. . . אַ שטאָלצע שפּאַנט זי פאַראויס און נאָך איר זיי מיט שווערע זיכערע טריט . . .
זי האָט דערפילט זיכערקייט. זי האָט געקראָגן ווערטער און רייד, וואָס וועלן וועקן און רופן און פירן און זיגן.
מיט זיכערקייט האָט זי זיך געלאָזט צום בעט. זי וועט זיך אויסשלאָפן און אויפשטיין אַ פרישע, אַ רואיקע, אַ זיכערע.
מיטן שלאָף האָט זי געוואָלט פאַרקלענערן די נאַכט.
די נאַכט האָט זי אַן אומרואיקע געמאַטערט און זי געדרייט אויף אַלע זייטן.
בילס שווערע טריט איבער זאַמדיקער קרישלדיקער ערד האָבן איר גערעגט.
מערי׳ס קרעכצן אויך.
נרויער פאַרטאָג האָט זי איינגעשלעפערט. נאָר אין שלאָף, אין אומרואיקן, האָבן אין די אויערן געקלונגען מערי׳ס קרעכצן, און אין אַנגענליטן מח האָבן זיך אָפּגעדרוקט ביל׳ס נערוועזע טריט.

דער מאַרש

דער נערודער אין באַראַק האָט זי אויפגעוועקט. זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פון געלעגער, זיך אָפּגעפרישט מיט קאַלטע וואַסער און זיך אויסגעפוצט אין זונטיקדיקן רויטן קלייד.
אַנטקעגן איבער די באַראַקן האָט זיך געקנוילט אַ גרויסער ראָד פון פאַרכמורעטע, צאַרנדיקע פּנים׳ער, וואָס האָבן אַלע ווײַלע אויפגעלויכטן, זיך געצונדן. און שווערע פויסטן האָבן זיך געווינט אין דער לופט.
אויף אַן איבערגעקערט פעסל איז געשטאַנען ביל און גערעדט. זיינע ווערטער האָבן צערודערט די פרימאָרגנדיקע קילע און שטילע לופט.

ציטערנדיק מיטן יונגען קערפּער, ווערנדיק אַלע ווײַלע בלייך אָדער פאַררויטלט, האָט זי מיטן דאַרן קערפּער, ווי מיט אַ מעסער געשטאָכן דעם קנויל, זיך אײַנגעגעסן מיט ברענענדיקע אויגן אין ביל'ס פּנים. אין וועלכן עס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די לײַדן, די עקשנות פונם גאַנצן קאַמף.

ס'איז געווען ווי פון דער העלער הויט זיך אָפּגעריסן — ווײַל קיינער האָט זיך באַלד ניט געכאַפּט — צוויי באַוואָפנטע וועכטער אין ציווילע שטאַטישע קליידער האָבן זיך דורכגעריסן, און איידער ביל איז נאָך צו זיך געקומען, האָבן צוויי לאַפּעס, ווי מיט אײַזערנע צוואַנגען אײַנגעקלאַמערט און אים אַראָפּגעשלעפּט פון דער אימפּראָוויזירטער פּלאַטפאָרם.

די מאַסע האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, נאָר פון אַלע זײַטן, אין אַ ראָד, ווי וועלף אַרום זייער קרבן, האָבן זיך געשטשירעט מאָרדעס מיט ציין און שטאָלענע רערן פון ביקסן.

איז מען געבליבן מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און מיט נאָך פאַרגרעסערטן צאָרן, וואָס מען האָט פאַרביסענע ציין געצווימט אין זיך.

מילקאַ איז געשטאַנען און געפיבערט. די ברענענדיקע אויגן האָבן נאָכגעצאַפּלט די הינטערוווײַלעכס זיך אָפּרוקנדיקע וועכטער, און ביל'ן, וואָס איז געגאַנגען מיט געשלאָסענע הענט אויף הינטן אָבער מיט אַ שטאָלצער אַרויסגעשטעלטער ברוסט און די אויגן ערגעץ אין דער ווײַט.

ווי אַ פײַלקע, וואָס שפּרינגט אָפּ פון דער ערד איז מילקאַ אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרם פון וואַנען מען האָט ביל'ן ערשט אַרונטערגעריסן.

מיט אַ האַנט פאַריסן אין דער הויך און מיטן וואָרט וואָס האָט אַ בעטנדיק אַ באַפעלעריש אָפּגעקלונגען:

— חברים!

האָט זי זיי אַלעמען אויסגעדרייט צו זיך מיט פאַררייסענע קעפּ.

פלינגלדיקע ווערטער, האַרציק באַהויכט, דערהויבענע, אויפלויכטנדיקע, האָט זי געוואָרפן צו זיי. זיי האָבן זיי אויפגעכאַפּט

מיט די אויערן, אויגן און מוסקולן פון פּנים און ס'איז אריין טיף אין הארצן, אין דער נשמה.

ס'האָט זיך צעגאָסן אין זיי אַ נייער מוט, נייע האָפנונגען, אַ נייער גלויבן.

— זיינע קוילן־גרעבער טרוסן? מיט ציין און נעגל רייסט איר די קוילן פון דער טיפסטער טיפעניש פון די פאַרבאַרגנסטע ווינקעלאַך. יעדן טאָג לאָזט איר זיך אַרונטער אין שווארצן גיהנום, געזעגנענדיק זיך מיט דעם ליכט און זון פון דער וועלט. וועט איר ניט קעמפן אין ליכט פון טאָג פאַר די אויגן פון ווייב און קינד? ניט קעגנשטעלן זיך די פאַרדאַמטע סטרייקברעכערס?

די מאַסע האָט אויפגעצאַפּלט און זיך אַ לאָז געטאָן. מען איז געגאַנגען מיט פאַראויסגייענדיקע טריט, מיט עקשנות־דיקע טריט; אנטקעגן איז געגאַנגען דער באַוואָפנטער שונא, אַרויסרופנדיק, שפּעטנדיק . .

די סטרייקערס זיינען געבליבן שטיין פאַרווירטע מיט פאַר־האַלטענע טריט.

צוויי לעבעדיקע ווענט זיינען געשטאַנען, פאַרמאָסטן איינער קעגן אַנדערן.

האָט זיך מילקאַ ווי אַ שאַרף פון אַ מעסער, אַ שניט געטאָן פאַראויס, מיט בלייכער, דאַרער האַנט פאַררייסן, מיט צעפלאַטערטן רויטן קלייד פאַראויס, פאַראויס.

פלאַמנדיק צעגליטע אויגן האָבן זיך אין איר איינגעגעסן און מילקאַ האָט געשפּאַנט פאַראויס.

פון איבער איר דאַרער פּלייצע זיינען אַריבער געפלויגן די ווערטער:

— ווער נאָך מיר?!

ס'האָט אַ ציטער געטאָן די מאַסע. איינער האָט זיך אַ לאָז געטאָן, אַ צווייטער, די גאַנצע וואַנט האָט זיך גענומען ברעכן. דער שונא איז אויך אַ וויילע פאַרווירט געוואָרן און באַלד געקומען צו זיך.

ס'האָט אַ סווישץ געטאָן — אַ קויל, אַ צווייטע.

מילקא שפאַנט פאַראויס — ווייטער, ווייטער. פאַראויס. בריסט פאַראויס. פעסטער שפאַן. די אויגן ברענען, צינדן דעם וועג — דאָס רויטע קלייד פלאַטערט אין ווינט פון אייגענעם שנעלן גאַנג. פלאַקערט ווי זי וואָלט געווען איינגעוויקלט אין אַ בלוט־רויטער פאָן. ווי אַ פייערדיקער זייל טראָגט זי זיך, פאַראויס, פאַראויס. די מאַסע נאָך איר, דורכרייסנדיק זיך דורכן שונא — די וואַנט פון שונא איז צעבראָכן — דער שונא איז צעררייצט. בלייענער טויט ווערט אַרויסגעשפּיגן פון שוואַרצע ביקסן־רערן. סטרייקערס פאַלן, סטרייקערס גייען.

מילקא איז ווייט, ווייט פאַראויס.

צום שונא, צו די קוילן־שאַכטן.

אַ רייטער, מיט שפּאָרן איינגעשניטן אין פערדישן בויך, האָט זיך אַ יאָג געטאָן. ס'האָט אַ לאַנגער שלאַנג אַ גליטש געטאָן זיך דורך דער לופט, און איידער די מאַסע איז צו זיך געקומען איז שוין מילקאַ'ס דינער קערפּער פאַרפּלאָנטערט געווען אין רייטער'ס שטריק, וואָס האָט זי אַרומגעכאַפּט, און געשניטן אונטער דער ברוסט. דאָס פערד, צעווילדעוועט פון שטעכיקע שפּאָרן, האָט זיך אויפגעשטעלט אויף די הינטערשטע פיס, דער שטריק האָט אַ שלעפּ געטאָן מילקאַ'ס קערפּער, אים איבערגעקערט און גע־שלעפּט נאָך זיך.

אַ יונגער סטרייקער, מיט צעפלאַמטע, אַרויסגעסטאַרטשעטע אויגן האָט זיך אַ יאָג געטאָן צו מילקאַ'ן און באַלד אַ פאַל געטאָן פון שונאַ'ס קויל, ווי פון אַ בליץ געטראָפן.

— בעסטאַרדס!

— הינטישע זין!

די מאַסע האָט אַ ברום געטאָן, זיך אַ וואָרף געטאָן. שטיקער שטיין־קוילן, שטעקנס, שטיינער האָבן גענומען האָגלען אויף שונאַ'ס קעפּ און זיי פאַריאָגט אין אַלע זייטן.

דער צאָרן פון מאַזאַליעטע הענט האָט זיי נאָכגעיאָגט.

אַ דעמאָנסטראַציע

אַ ווינקל אין ניו יאָרק. פון ביידע זייטן ריזיקע מויערן. טויזנטער פענסטער. די גאַס איז ווי אַ שמאָלער שפּאַלט צווישן ריזיקע פעלזן. אַ ווירבל־ווינט פון מענטשן. טומל. פון הויכבאַן, פון אונטער־ערד־באַן, פון טראַמווייען, פון טרובעס פון אויטאָס, פון משא־וועגענער, פון צייטונגס־פאַרקויפער, פון מיילער, פון שיפן, וואָס וויגן זיך אין נאָענטן שמוציקן וואַסער. עס יאָוועט זיך פראַנטן מיט פאַרטפעלן, צייטונגס־אינגלאַך מיט שווערע פּעק, וואָס רייסן אַרונטער די אַקסלען. ברייטע הענט, ברוינע מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל שלעפּן שווערע קאַסטנס. אויסגעפּוצטע פראַנטן שטייען אַף די שוועלן פון די קראָמען און גלעטן די מיט פּאָמאַדעצוגעקלעפּטע האָר אַף די אויסגעגאָליעטע קעפּ. פון העט־הויך טראָגט זיך אַ נאָכאַנאַנדיקער טומל פון אַן עלעקטרישן עקבויער אין שטאָלענע שטאַנגען. אַז מען רייסט אַרויף דעם קאָפּ, זעט מען אַ ריזיקן שטאָלענעם סקעלעט, וואָס האָט נאָך אַף זיך ניט אָנגענומען דאָס פלייש און בלוט פון שטיינער און צעמענט. אַן אַרבעטער זיצט דאָרט רייטנדיק אַף אַ שטאָלענעם שטאַנג און דרילעוועט לעכער.

פון פענסטער הענגען אַרויס מאַלפּע־מענטשן, מיט טרייבלאַך אַף די אויערן. זיי מאַכן מאָדנע העוויות. עס ציטערן די מוסקלען אַף זייערע פּנים׳ער. די הענט וואַרפן זיך, די פינגער מאַכן אַלערליי קונץ־שטיק, פאַרבייגן זיך עפענען זיך, ציען זיך אויס.

אַן עולם אַרום, ווי פאַריקטע, כאַפּן אַף די צייכנס, מאַכן נאָך מיט די פינגער, מיט די הענט, מיט די פּנים׳ער, ווי זיי וואָלטן נאָכגעקרימט די הענגענדיקע מענטשן־מאַלפּעס, ס׳ציטערט יעדער נערוו פון יעדן איינעם דאָ. ס׳איז די ניו יאָרקער בירזשע, וואו מען שפּילט מיט מענטשלאַך בלוט און שוויים, וואָס ליגט ערגעץ אין די קוילן־שאַכטן, אין די שטאָל־פאַבריקן, אַף די גומי־פּלאַנטאַ־

ציעס, אַף די פעלדער, אין די זומפּן און פאַבריקן, אַף די שיפן, אין דער לופטן, אַף די שלאַכטפעלדער.

צוועלף אַזייגער — פאַבריקן־פייפלאַך ציטערן אַף דעם אַרום. פון צעפּראַלטע טירן גיסן זיך אַרויס שטראָמען מענטשן און מישן זיך צונויף אין שטראָמיקןווירבל־ווינט — אַלע מיט איין ציל, מיט איין פאַרלאַנג — פאַרכאַפּן אַ פּלאַץ אין איינעם פון די נאָענט־סטע רעסטאָראַנען, אַראָפּשלינגען די ביסנס און צוריק פאַרשווינדן דאָרט, פון וואַנען זיי זיינען אַרויסגעשפּיגן געוואָרן.

מיט אַ מאָל האָט זיך דער שטראָם אָפּגעשטעלט, געבליבן שטיין מיט ברייט־צעעפנטע אויגן.

לעבן דעם הויפּט־אָפיס פון דער „אַמעריקאַן קאָאָל קאָמפּאַניע“, וואו ס'געפינט זיך דער באַלעבאָס, דער מיליאָנער סאַנדערס, האָבן זיך געהויבן איבער די קעפּ פון דעם מענטשן־שטראָם קאָלירטע פּלאַקאַטן מיט שרייענדיקע, מאָנענדיקע אויפשריפטן: „מיסטער סאַנדערס, שטעלט אָפּ די שלאַכט!“ „מיסטער סאַנדערס, שטעלט אָפּ דאָס מאָרדן פון פרויען און קינדער!“

איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון טראָטואַר האָבן מאַר־שירט אַרבעטער, געפירט פון קוילנגרעבער, אָנגעטאָן אין זייערע אַרבעט־אוניפאָרמס מיט די לעמפּלאַך אַף די היטלען און פּלאַקאַטן איבער זייערע קעפּ. פאַראויס איז געגאַנגען מילקאַ און געפירט די דעמאָנסטראַציע.

דער מענטשן־שטראָם איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון בילד. זיך אָפּגעשטעלט און פאַרגעסן וואוהין מען האָט זיך געיאָגט.

פון דער מאַסע האָבן זיך דערנענטערט די אַרבעטער, זיי אַפּלאָ־דירט און אייניקע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער דעמאָנסטראַציע.

באַלד האָבן פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן גענומען קלינגען. פיפיקע רעפּאָרטערס האָבן זיך געוויצלט און געשריבן אין נאָטיץ־ביכלאַך.

פּאָליציי האָט זיך דורכגעריסן. — פּאַטראָל וועגענער זיינען אָנגעלאָפן מיט טומל, מיט גוואַלדן — פּאָליציי־שטעקנס האָבן זיך געהויבן איבער קעפּ.

דער שטראָם איז צעפלאָסן געוואָרן, זיך צעגאָסן אין קליינע ריטשקאַלאַד.

פּאַטראָל וועגן זיינען אַוועק מיט קלינגענדיקן גוואַלד.

אַף שטיינערנער גאַס האָבן זיך געוואַלגערט שטיקער פּלאַקאַטן מיט אויסגעשרייען אין די טויבע פענסטער אריין.

די געלע פּרעסע

מיליאָנען עלעקטרישע ליכטער האָבן אויפגעבליצט, ווינקען און מאַניען אין דער נאַכט אריין. גיגאַנטישע טורמס מיט אָנגעצונדענע שטערנס ווינקען און חוזק'ן ווי ארויפגעאַרבעטע אַלרייטניקעס. ס'איז נאַכט געוואָרן אין ניו יאָרק. דרוק־מאַשינען קלאַפּן. רעדער דרייען זיך, שלינגען לאַנגע ווייס־געלע פּאַסן פּאַפּיר און שפּייען ארויס צייטונגען — בערג מיט צייטונגען. פּאַרהאַוועטע יונגען מיט שוויסיקע שטערנס און שוואַרצע הענט רייסן די ביסנס פון מאַשינען־ציינער.

קוריערן אָנגעפּאַקט מיט בערג צייטונגען, יאָגן זיך שנעלער פון גיכע־הילף וועגענער און טראַסקען ארויס פּעק אַף די ראָגן פון ביידע זייטן גאַס.

שויז ארויס די אוונט־צייטונגען.

אַף ראָגן, אין יאָגנדיקע באַנען שלינגען אויגן די פרישע נייס און זאַפּן אריין אין די נעזער אַ קיצלדיקייט פון פרישן טויט.

חדשים־לאַנג, אַז ס'גייט אַן אַ סטרייק פון קוילן־גרעבער, נאָר היינט דערוויסט מען זיך, אַז אַ מיידל אין רויטן פירט אַ דעמאָנס־טראַציע פון אַרבעטער באַם אָפּיס פון מיליאָנער סאַנדערס.

אַ סענסאַציע, אַ מיידל אין רויטן . . .

דאָס טאַבלאָיד, — אַ בולוואַר־צייטונגל, האָט געוואָלט איבער־שטייגן זיין קאָנקורענט — און אַף דער מיטלסטער זייט, אַ חוץ דער באַשרייבונג, אויך געגבן אַ בילד פון דער דעמאָנסטראַציע און פון מילקאַ'ן.

ניו יאָרק האָט זיך דערוואוסט פון קוילן־סטרייק.

באַלד ווי דער מיליאָנער סאַנדערס האָט דערזען די אונטער־צייטונגען, האָט ער אַ קוועטש געטאָן אַ ווייס קנעפּל אויף זיין מאַהאָגאַני־טיש. לעבן קנעפּל איז געווען אָנגעשריבן „סעקרעטאַר".

אויף מאָרגן האָבן די צייטונגען מיט גרויסע, ריזיקע בוכשטאַבן דערציילט, אַז דער מיליאָנער סאַנדערס האָט נעכטן ביינאַכט געגעבן אַ האַלבן מיליאָן דאָלער פאַר אַ שפּיטאָל פאַר אונהיילבאַרע קראַנקע, פופצן טויזנט דאָלער פאַר אַ בית־עולם פון אַריסטאָקראַטישע הינט און אַ פערטל מיליאָן פאַר אַן עקספּעדיציע צום נאָרט־פּאָל. די נייס איז אַרומגעשטעלט געוואָרן אַרום אַ גרויסן פּאָרטרעט פון מיליאָנער, געמאָלן פון אַ באַרימטן קינסטלער.

אין אַלע צייטונגען זיינען געווען צוויי גאַנצע זייטן מיט אַ ריזיקע אַנאָנס וועגן די מעלות פון דער גומי וואָס ווערט פאַבריצירט פון דער „אַל גוד ראַבער קאָמפּאַניע"...

די צייטונגען האָבן נאָר ניט דערציילט אַז דער מיליאָנער סאַנדערס איז אויך דער באַלעבאָס פון דער דאָזיקער קאָמפּאַניע.

וועגן קוילן־סטרייק איז אין דער פּרעסע בלויז געווען עטלעכע געציילטע שורות, מיט קליינע בוכשטאַבן.

דער מיליאָנער סאַנדערס האָט יענעם טאָג פאַרבראַכט אין גאָלף קלוב און פאַרנאַכט האָט ער טעלעפאָנירט צום אויפזעער פון די קוילן־גרובן — פאַרוואָס מען לאָזט דעם „מאָב" רואינירן זיין פאַרמעגן.

די נאַכט ברענט

אין שוואַרצער נאַכט שלאָפן אומרואיק די באַראַקן. קרעכצן בעטן. קרעכצן מענטשן. שווער אָטעמען. שווערער שלאָף; אומרואיקער שלאָף.

די צוויי אַרבעטער, די נאַכטיקע וועכטער וואָס היטן די באַראַקן, האָבן זיך צוגעשפּאַרט פּלייצע צו פּלייצע. אויסגעמאַטערטע פון קאַמף, האָט די קילע נאַכט געגאָסן מידקייט אין די ביינער.

דרימלען זיי. אַט פאַלן אַראָפּ די קעפּ. אַט גיבן זיי זיך אַ צאַפּל און קוקן זיך אַרום.

אין שוואַרצער נאַכט פאַרבאָרגן גנבה׳ט זיך דאָס אומגליק.

פאַררעטערישע פיס. גיפטיגע שלאַנגען ערגעץ אין טיפעניש פון נאַכט. פאַררעטערישע הענט גיסן פון בלעכן רונד אַרום די באַראַקן.

ס׳האָט אַ פלאַמיקע נקמה, מיט אַמאָל זיך אַ הויב געטאָן — ס׳האָט אַ פייער־צונג אַ לעק געטאָן די גראָזן, די יונגעביימלאַך און באַלד איז דער גאַנצער אַרום פאַרכאַפּט געוואָרן. עס האָט אַ רויטע וואַנט, אַ פלאַמיקע, אַרומגעצוימט, ווי מיט אַ פּלויט, די באַראַקן.

דאָס פייער האָט פאַרלענדט דאָס גראָז און זיך אַ לאַסשצע געטאָן צו די ווענט פון די באַראַקן.

דאָס פייער האָט געברענט די נאַכט.

ס׳האָט אויפגעציטערט דער אַרום.

נאַקעטע געשטאַלטן האָבן גענומען טאַנצן אַ משונה׳דיקן טאַנץ אין דער ברענענדיקער נאַכט.

פאַרהאַרטעוועטע מענער שטימען האָבן געברומט, פרויען האָבן געקוויטשעט און קינדער זיינען זיך פאַרגאַנגען.

ס׳האָט די מחנה סטרייקערס אין ווילדן וויכער טאַנץ זיך צע־לאָזט פון און אַרום די באַראַקן.

זיינען פלאַמיקע ווערטער געפאַלן:

— אַ פלוך אויף זייערע קעפּ!

— די בעסטיעס!

און זיך אַ לאָז געטאָן צו די פלאַמיקע ווענט, אין דער נאַכט אַריין. קינדערשע הענטלאַך האָבן זיך געקלאַמערט אַרום אויפ־געהאָדערטע העלזער, האַריקע בריסטן.

נאָר דורך פלאַמיקע ווענט האָבן געפייפט די קוילן. זיך איינ־געגעסן אין האַריקע בריסטן. האָבן זיך הענט ווי פליגל צעשפּרייט

און געפאַלן זיינען זיי ווי דעמבעס מיט קינדערשע הענטלאַך אַף האדערדיקע הענזער.

און קוילן האָבן געסווישטשעט מיט חוזק'דיקן אומרחמנות'דיקן געלעכטער.

ס'האָט דאָס פייער זיך געהויבן העכער, העכער. אָפּגע־לעקט דעם דאַך און געקראָכן העכער.

פון דער ערד אַרויף געברענט און פאַרלענדט די נאַכט, ביז די הימלען זיך געהויבן. ס'האָט שוין ניט געהאַט וואָס צו ברענען און געברענט.

אינמיטן נאַכט איז אַ ווינט געקומען.

און דער ווינט האָט אַ יאָג געטאָן, אַ טראָג געטאָן און אויס־געקירעוועט דאָס פייער אַהין, צוריק, צוריק, צום אָפענעם מויל, צום פינסטערן מויל, צום טיפן אָפּרוּנט פון קוילן־שאַכט, צום שונא אין האַרצן אַריין.

געכאַפּט דאָס שטיק נאַכט איבער די שאַכטן, אין די שאַכטן און געלאָפן פריי, פריי.

ס'האָט דאָס פייער זיך צעפלאַקערט און די האַנט וואָס האָט עס אָנגעצונדן און פריי געלאָזן האָט עס שוין צוריק ניט געקענט אָפּ־האַלטן.

ס'האָט דאָס פייער איבערגענומען די שליטה איבער דער נאַכט.

מיין פריינט, דער שונא

נאך איצט געדענק איך עס.

א הייס־זוניקער פרימארגן. דער שווערער פאק רייסט אומרחמנות'דיק די אקסל, די זון־פארטריקנטע הארטע לעדערנע פאסן שניידן דאס לייב. די ביקס דריקט ווייטאקדיק ארונטער דעם לינקן אקסל און דער שווערער העלמעט, ווי אן איבערגעקערט שיפל, קוועטשט די שלייפן ווי מיט קלאמערן.

די זון שטעכט די אויגן מיט רויטע אנגעגליטע שפיזן, בלענדעט מיט בלויע, רויטע און פורפורנע רעדער, אין א שווינדלדיקן געדריי. אונטער די שווער־באנאגלטע שיך קריזשלט זיך דאס גאלדיקע זאמד, קיצלט אין די שווער־אטעמדיקע נאזלעכער, קנאקט אונטער די ציין און רייסט אין האלז.

סארדזשענט סקארי, א הויכער, א קופער־געגאסענער, איז אינגאנצן אין איין שטיק צוזאמענגעוואקסן, מיט די שווערע ברייטנאזיקע שיך, מיט די „פודים", וואס שלענגלען זיך ארויס און קרעמפעווען איין די פיס ביז די נאקעטע, טונקל־ברוינע קני, מיט די קורצע הייזלאך, מיטן רעקל מיט די מעשענע קנעפ און מיט דעם קליינעם היטעלע אפן זייט קאפ. ס'דוכט זיך, אז דער מענטש איז צוזאמען מיט דעם אלץ אזוי צונויפגעוואקסן אט דא, אין דעם אפריקאנישן מדבר, ס'א שטיק אף דער זון געבאקענער קופער. נאר דער אבויסגעסטארטשעטער קנאפ פון לאנגן רויטן גארגל יאגט זיך ארויף און אראפ. ער קאמאנדעוועט מיט הארטקייט, בייזקייט, פאר'עקשנ'טקייט, עפעס ווי ער וואלט מיט דעם נקמה גענומען פון דער וועלט פאר די פינף יאר „פארדאמטע מלחמה", וואס האט אפילו ארויסגעריסן די מענטשלאכע שפראך

פון אונטער זיינע דינע ליפן. פאר׳עקשנ׳ט לאזט ער דעם אטעם ניט כאפן:

— פארווארד, מארש!

— לינקס, רעכטס, לינקס, רעכטס!

ניט מ י ר פאלגן די באפעלן, נאר די פ י ס.

— האלט! דיסמיסד!

די גלייכע ליניע צעברעכט זיך. מיר גיבן זיך א לאז צום גרויסן ביידל פון באמבעי־שטעקנס און ראגאזשעס, ווארפן ארונטער די ביקסן, די פעק, און גיבן זיך א ווארף אפן פון שאטן אפגעקילטן זאמד.

געזאלצענער שוויס קילט זיך אף וויעס און ליפן.

מיין אפיציר שטייט אין א דראענדיקער פאזע און גיט די טעגלאכע פרי־מארגן לעקציע:

— יעדער טערק איז אייער שונא. א שילינג און א האלב קריגט יעדער פון אייך פון דער ענגלישער רעגירונג און פאר די געלט דארפט איר יעדן טאג דער׳הרג׳ענען דריי טערקן.

— א האלבער שילינג א טערק, — גיט זיך א רעכן בא מיר אין מח.

נאך איצט קען איך ניט פארגעסן די דאזיקע ווערטער.

איך געדענק אפילו, אז דער אפיציר האט אויסגעקוקט אזוי מיד און אויסגעבלייכט, און דאס פנים — ווי בא א ישיבה־בחור, א מתמיד, נאך א נאכט פראווען משמור.

נאר יענע צייט האב איך עס פארגעסן.

***

ס׳איז געווען אפן צווייטן טאג ווי מיר האבן אויפגעשטעלט אונעזר לאגער אין דער מדבר ראפא. מיר זיינען געקומען היטן דעם ארסענאל פון אמוניציע, וואס איז פארכאפט געווארן פון די טערקן, און אויך די טערקישע געפאנגענע.

באגינען. דער שמאָלער זילבער־פּאַס צווישן אַ ים בלויקייט, האָט זיך צעברייטערט און צעוואַקסן. דער לעצטער טראַטאַ פון טרומייטער האָט אָפּגעציטערט און איז פאַרשטאַרבן אין דער פרי־מאָרגנדיקער קילקייט. אַ פּאָר מינוט שטיל און מיט אַמאָל אַ גרילצנדיקער פייף.

ציטערנדיק פון פרימאָרגן־קילקייט, האַלב אַנגעטאָן, מיט אויפ־געשנורעטע שיך־בענדלאַך, האָבן זיך אַלע סאָלדאַטן אַ לאָז געטאָן פון זייערע רונדע ביידלאַך צום „ראָל־קאָל".

— קאַמפּאַני, ...טשאַן!

די לעצטע העלפט פון וואָרט „אַטענשאַן" האָט היציק אַ שניט געטאָן די קילע לופט און אָפּגעהאַקט, ווי מען פאַרהאַקט אַ פעסטן קאַסטן־שלאָס.

שיך אָן שיך האָבן אַ קליק געטאָן און אַלץ איז פאַרגליווערט געוואָרן.

ס'איז געווען אַ פרימאָרגן, ווען דער מדבר־הימל האָט זיך אַ שפּיל געטאָן. אַ שאַרפע זון איז אַרויס. כשופ'דיק האָבן זיך די קאָלירן געביטן אַפן הימל. אָט האָבן זיך אַ שפּרייט געטאָן רויטע שטיקער טוך, געטונקען אין בלוט. אָט בלויע, און אָט ראָזעווע. די זיינען פאַרשוואונדן און נייע טיכער האָבן גענומען שפּילן מיט פאַרבן, געביטן זיך שנעל, שנעל.

סאָלדאַטן האָבן פאַרריסן די קעפּ און זיינען אַוועק פון מדבר, פון לאַגער, פון זיך. דער האַרטער סאַרדזשענט סקאַרי, דער קליי־נינקער קאַפּיטאַן רייז, האָבן זיך אויך פאַרגעסן, פאַרריסן די מאָר־דעס צום הימל. די רייען זיינען זיך צעפאַלן.

ס'האָט אויסגעקוקט, ווי אַ סטאַדע וועלף וואָלט זיך פאַר־קליבן אין לאַגער און שטייען מיט פאַרריסענע העלזער און וואָיען צום הימל.

אין דערבייאיקן לאַגער, וואו די טערקישע געפאַנגענע האָבן זיך אַרומגעבלאָנקעט צווישן שטעכיקע דראָטן־ווענט, האָט זיך עפּעס אַ רודער געטאָן.

סאַרזשענט סקאַרי איז געקומען צו זיך, זיך אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער לייננג און פון אויסגעצויגענעם שטרענגן פּנים האָט אַ שניט געטאָן:

— ...טשאָן!

מיר זיינען אַראָפּגעפאַלן אין לאַגער...

ס'האָט זיך אָנגעהויבן די רוטינע.

איך מיט נאָך עטלאַכע סאָלדאַטן און אַ קאַרפּאַראַל זיינען באַשטימט געוואָרן אַרויסצונעמען אַ גרופּע געפאַנגענע צו דער אַרבעט באַ דער נאָענטער באַן־סטאַנציע.

אַ מעשענער גרילץ האָט אונז פאַרבעטן צו דער אָפענער קיך.

מיר זיינען באַפאַלן די רעדלדיקע קיך, געכאַפּט צו טעפלאַך ענגלישע טיי אין אונזערע האַלב־לבנה'דיקע קעסטלאַך. אַ לאַנגן לאַבן ברויט, אַף וועלכן ס'איז זיך מאַיעסטעטיש געלעגן אַ קופּ־קעלע גרין־געלער חלשות'דיקער לימענע־איינגעמאַכטס.

מיר האָבן זיך אַרונטערגעלאָזט אַפן זאַמד הארט לעבן דער וואַנט פון לאַנגן ביידל פון באַמבו־שטעקנס. מיט אַן אָפּגעבראָכן שטיקל ברויט פון לאַנגן לאַבן האָט מען געשמירט דעם איינגע־מאַכטס.

פוןביידע זייטן האָבן זיך געצויגן די לאַגערן פון די געפאַנ־גענע. פון דער רעכטער זייט אַ ריזיקער לאַגער פון צענדליקער טויזנטער טערקן און עטלאַכע טויזנט דייטשן. דאָרט לעבן דער קיך האָט זיך פאַרענדיקט דער לאַגער מיט אַ צוים פון שטעכיק דראָט. דאָרטן איז געלעגן דער אָפּפאַל פון קיך, וואו די דייטשן האָבן שטענדיק גענישטערט. נאָענט צום אָפּפאַל האָבן זיך גע־צויגן צוויי רייען פון עטלאַכע הונדערט אָפענע אָפּטריטס. פון דער זייט איז געלעגן דער קלענערער לאַגער פון אַ קליינער צאָל געפאַנגענע און ריזיקע בערג פון די אַלטע קליידער און שמאַטעס פון די געפאַנגענע. לעבן דעם — די שטאַל פון די מויל־אייזלען. מיליאָנען פליגן האָבן אונז באַלאַגערט. מיר האָבן זיי געהאַלטן

אין איין טרייבן פאר יעדן בים אין ברויט, נאר איידער מיר האבן נאך איינגעביסן די ציין, איז שוין דער איינגעמאכטס באזעצט געווארן מיט פליגן.

איך האב ארונטערגעשלונגען א פליג, איידער איך האב זיך נאך געכאפט, און מיט א צווייטן ביסן ארונטערגערוקט די ניט־גוטקייט.

סארדזשענט סקארי׳ס פייפל האט אונז א ריס געטאן פון די פלעצער.

* * *

איך בין געשטאנען אנגעשפארט אף מיין ביקס און זיך צו־געקוקט ווי די גרופע געפאנגענע שלעפט די פארפלאנטערטע רעד־לאך שטעכיק דראט, און לאדט זיין אן אף אפענע וואגאנען.

פלעגמאטיש־פויל האבן זיי זיך געשלעפט, קוים וואס זיי האבן זיך באוואויגן. אין יעדן קער, אין יעדן שפאן און בויג — האט זיך געפילט, אז זיי האבן ניט דעם מינדסטן חשק צו דער אר־בעט. דערצו האבן זיי נאך געטונגען א טערקישן פויל־צעצויגענעם ניגון, וואס האט די עצמות ארויסגעצויגן.

נאר איינער פון זיי האט געארבעט, אן א סימן פון ניט־ווילנ־דיקייט. דאס איז געווען א הויכער, שלאנקער יונג. זיינע קליי־דער זיינען געלעגן נעט, אן איין פלעק. די הויכע, רויטע פעסקע מיטן זיידענעם, שווארצן טראלד איז זיך געשטאנען שטאלץ אפן קאפ. די האר שיין און גלאט פארקעמט, ווי ער וואלט ערשט ארויס פון א רייכן שערער סאלאן. ס׳האט זיך ניט געמערקט אין איהם קיין סימן פון פוילקייט, פון וועלן זיך ארויסדרייען פון דער ארבעט. ניט אפרוענדיק זיך אפילו, האט ער געשלעפט איין שטיק דראט נאכן צווייטן און אנגעלאדן אפן וואגאן.

איך האב געהאלטן אין איין קוקן אף אים.

עטלאכע מינוטן זיינען פארביי.

איך האָב אים אָפּגעשטעלט. אין אַ געמיש פון ענגלישע און אַראַבישע ווערטער און מיט די הענט און אויגן, האָב איך אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער זאָל זיך אַביסל אָפּרוען.

מיט דער זעלביקער שפּראַך האָט ער מיר געענטפערט, אַז ס׳מאַכט ניט און איז אַוועק זיין וועג.

צוריקגייענדיק פון וואַגאָן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט האַרט לעבן מיר. אונזערע אויגן האָבן זיך געשפּיגלט איינס אין ס׳אַנדערע. בליקן האָבן זיך חבר׳יש געשלומט און הערצער האָבן זיך דערנענט.

מיט די אויגן האָט ער מיך אַוועקגערופן הינטער אַ הויכן באַרג דראָט.

ער האָט אַריינגערוקט די האַנט אין בוזים-קעשענע, אַרויסגענומען פון דאָרטן פיר קליינע טערקישע מטבעות און מיר דערלאַנגט:

— דיס... מאַטהער... סואווענירֿ...

און מיר געוויזן אויף די לעפּלאַך פון די אויערן.

איך האָב אים פאַרשטאַנען. אונזערע הענט האָבן זיך האַרציק צוזאַמענגעדריקט. איך האָב אים באַדאַנקט.

ער האָט מיר געענטפערט אויף טערקיש און צוגעגעבן:

— נעווער מיינד, אָלרייט, כאַראַשאָ.

דאָס לעצטע, רוסישע, וואָרט האָט מיך פאַרוואונדערט. קוקנדיק אין מיינע אויגן האָט ער עס פאַרשטאַנען.

ער האָט מיר אויף גיך דערציילט, אַז ער האָט, פאַר דער מלחמה, געאַרבעט אַ צייט אויף אַ רוסישער שיף, אַז ער איז געווען אַ קורצע צייט אין רוסלאַנד. זיין פאַמיליע איז אין יפו, העלפט אים אַרויס פון צייט צו צייט מיט אַ ביסל געלט. ער איז שוין אַריבער צוויי יאָר דאָ אין געפאַנגענשאַפט. די היים אַזוי נאָענט, מיט דער האַנט צו דערגרייכן. אַ געפאַנגענער אין אייגענעם לאַנד.

מען לעבט דאָ אין שמוץ. מען באַהאַנדלט ווי הינט. שווער זיך צו האַלטן רײַן...

— וואָס איז דײַן נאָמען? — האָט ער מיט געבעטן אַ פרעג געטאָן.

— און דײַנער?

— איבראַהים.

מיר האָבן זיך בײדע פאַרשריבן די נעמען.

פאַרן אַוועקגײן האָט ער מיך געפרעגט אויב איך וויל עסן. ער האָט ברויט, טײטלען, אײער, ס'פעלט אים גאָר ניט.

— נײן, אַ דאַנק, איך וויל ניט.

— דאַרפסט זיך ניט שעמען — האָט ער זיך גענומען בעטן. — איך ווײס אַלץ. מיר, געפאַנגענע, האָבן מער עסן פון אײך. אײער בעטן באַ אונז עסן. ניטאָ זיך וואָס צו שעמען. איך ווײס די לאַגע. מיר זײַנען בײדע גלײַך. דו ביזט פונקט אַזאַ געפאַנגענער, ווי איך. איך ווײס וואָס ס'מײנט זײַן אַ סאָלדאַט. האָסט ניט מער פרײַהײט, ווי איך. נאַרישקײטן.

ער האָט אַרויסגענומען פון זײַן פעקל אַ שוואַרצן לאַבן ברויט, אַ הויפן טײטלען און מיר דערלאַנגט.

מיטאָג־צײַט האָבן מיר זיך צעשײדט.

אָפט האָבן מיר זיך געטראָפן. אַמאָל, ווען איך בין געגאַנגען מיט געפאַנגענע צו דער אַרבעט; אַמאָל, ווען ס'איז מיר אויסגעקומען צו שטײן אויף דער וואַך באַ זײער לאַגער.

ער פלעגט מיך אָפּוואַרטן, פאַר'גנב'ענען זיך צו מיר און צוטראָגן עפּעס עסן. אַמאָל אַפילו אַ פּאָר געקאָכטע אײער און אַ מעפל טײ.

* * *

ס'איז אויסגעקומען, אַז איך בין געווען אַוועק פון לאַגער עטלעכע וואָכן.

דעם זעלביקן פאַרנאַכט, וואָס איך בין צוריקגעקומען, האָט מען מיך געשיקט אויף וואַך צום טערקישן לאַגער.

ס'איז געווען אַ פאַר'חלומ'טער פאַרנאַכט. נאָענט צו דער פאַרגייענדיקער זון האָבן זיך געלאָשן הרודעס אויסגעלאָשענע האַ־לעוועשקעס, פון קופּער־רויט געוואָרן גרוי, און באַלד גרוי־ווייס, ווי שטיקער וואַטע. אַפּן געלן זאַמד האָבן זיך געשאָטנט די קאַ־מירן פון דער זון.

אַראַבער האָבן מיט אַ כיכי אַרונטערגעקניט זייערע קעמלען מיט דינע, צעשפּרייטע פיס, צעשפּרייט די אַבאַיעס, געקניט אַף זיי און מיט די שטערנס געקלאַפּט אין זאַמד. פאַרשפּעטיקטע קאַ־ראַוואַנען־פירער האָבן געצויגן אַ טרויעריקן מאָנאָטאָנעם ניגון, די קעמלען, מאַיעסטעטיש שפּאַצירנדיק, האָבן צוגעקלונגען מיט די גלעקלאַך דין־דין, דין־דין, און שאַקאַלן האָבן געלאָזט הערן זייער אָנקומען.

אַ פאַר'חלומ'ט־בייִנקענדער מדבר־פאַרנאַכט.

אין טערקישן לאַגער האָבן שוואַרצע געשטאַלטן, ווי קראָען, זיך געבויגן און געהויבן איבער דער ערד.

באַלד האָבן זיך אַף די שטעכיקע דראָטן אַרום לאַגער אָנגע־צונדן די גאַז־לאָמפּן, צעוואָרפן שאָטנס מורא'דיק לאַנגע און גע־ציטערט ווי שלענג.

ס'איז היינט אַ פאַנטאַזי (יום־טוב) אין לאַגער פון די גע־פאַנגענע.

אַ שטיק פון לאַגער איז געווען אויסגעשפּרייט מיט קאָלדרעס. אַרום זיינען געזעסן די געפאַנגענע. לעבן יעדן זיינען געלעגן קופּ־קעס צונויפגעדרייטע ציגאַרטן, נאַשערייען און אַלע זיינען געווען יום־טוב'דיק אויפגעלעבט.

אַרום אַ פלאַקערדיק פייער האָט מען זיך אַרומגעקרייזט, גע־צויגן אַ מאָנאָטאָן ליד, וואָס האָט זיך געצויגן לאַנג־לאַנג. אין דעם ליד האָט מען דערציילט פון שווערן לעבן פון הייסע טעג און קאַלטע נעכט אין מדבר.

איינער האָט געזונגען, געפּליעסקעט מיט די הענט און גע־צויגן דאָס ליד און אַלע האָבן געזונגען דעם רעפריין.

ער האָט שוין אויך אַריינגעפּלאָכטן אין ליד נייע פערזן, וועלכע זיינען צוגעקומען דאָ, אין לעבן פון געפאַנגשאַפט.

און אַלע האָבן, פּליעסקנדיק מיט די הענט, אונטערגעכאַפּט נאָך יעדן פערז:

קאַ־אַם לי־לי,

קאַ־אַם יאַם.

(וויפיל נעכט און וויפיל טעג.)

פון הינטער די גרויע ביידלאַך איז אַרויס איינער מיט אַ הויכן שקאַרמיץ אויפן קאָפּ. אַרויס איז ער פון דאָרטן פּלוצלונג און מיט משונה׳דיקע העויות.

חברה האָט זיך געהאַלטן באַ די זייטן פון געלעכטער. ער האָט זיך דורכגעריסן דורכן קרייז און זיך גענומען דרייען אַרום פייער פאַר די אויגן פון דעם קרייז.

ווילדע געשרייען:

— יעלאַ, יעלאַ!

— עסענקאַרי, עסענקאַרי.

— אַר־אַר־אַר!

אַ ווילד־ברויזנדיק געלעכטער האָט צעשטורעמט די מדבר־שטילע נאַכט.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער טאַנץ עסענקאַרי.

דער טענצער האָט שטיל צעוויגט דעם קערפּער, אַרויסגע־שטעקט די צונג, פאַרקאַשעט די ליפּן, אָנגעבלאָזן דאָס פּנים, גע־דרייט קאָמיש מיט די הענט און מיטן קערפּער.

חברה האָט געלאַכט, געפּליעסקעט מיט די הענט, אים אונ־טערגעהיצט.

ער האָט אויסגעגלאָצט די אויגן, אַרויסגעשטעלט דעם בויך, אַרונטערגעלאָזט די הענט, ווי זיי וואָלטן זיך געהאַלטן אויף כשר׳ע

פאַדים, אַרויסגעשטעלט אַ לאַנגע צונג און זיך גענומען דרייען אַרום פייער, מיט משונה׳דיקע העויות.

די געפאַנגענע זיינען זיך פאַרגאַנגען, געשאָקלט זיך אַהין און אַהער פון גרויס נחת, געקייכט פון געלעכטער און געשריען:

— מאַגנון!

— מאַגנון!

(משוגע.)

די פייער־צונגען האָבן זיך צעטאַנצט אַף אַלע זייטן, געלעקט און פאַרלענדט שטיקער נאַכט, אויסגעברענט לעכער אין איר און געוואָרפן קופער־שאָטנס אפן אַרומיקן קרייז.

וואָס אַמאָל איז געוואָרן דאָס זינגען שטילער, דאָס הענט־פּליעסקען ריטמישער, ס׳האָט אויסגעקוקט, ווי זיי ווילן צוריק פאַרווינן די שטילע מדבר־נאַכט, וואָס זיי האָבן אויפגעוועקט.

איך האָב געזוכט איבראַהימ׳ען. ער איז ניט געווען.

די שכנים פון איבראַהימ׳סביידל האָבן מיך דערזען. איינער פון זיי האָט מיר צוגעטראָגן אַ הויפן טייטלען און אַ קאַלטע קוואָרט עפּל־קוואַס. איך האָב זיך אַרומגעקוקט צי ס׳קומט קיינער ניט, האָט ניט־טרויענדיק באַטראַכט דאָס געטראַנק און אויסגע־טרונקען.

— וואו איז איבראַהים? — האָב איך געפרעגט און געניש־טערט מיט די אויגן צווישן דעם עולם.

איינער איז אַוועק. איך האָב אומגעדולדיק מיט די בליקן גע־שטאָכן די נאַכט צווישן די ביידלאַך. באַלד איז ער צוריקגעקומען.

— ער זיצט אַ טרויעריקער אין ביידל. ער גלויבט ניט, אַז דו ביזט דאָ. ער מיינט, אַז איך וויל אים אָפּנאַרן. זייט דו ביזט פאַרשוואונדן געוואָרן, גייט ער אַרום אַ טרויעריקער. ער האָט היינט ניט געוואָלט גיין צו דער פאַנטאַזי.

איך האָב אים געבעטן, ער זאָל נאָך אַמאָל גיין.

פון דערוווייטנס האָב איך אים דערקענט. אין שיין פון די ברענענדיקע שטורקאַצן האָב איך אים דערקענט. מיט אויפשיי־נענדיקע און באַלד מיט טרערן־פאַרלאָפענע אויגן האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צו מיר. ער איז צוגעלאָפן צום שטעכיקן דראָט, זיך אַרונטערגעלאָזט, גלייך ער וואָלט ניט געקענט שטיין אויף די פיס.

— מאָריס, מאָריס.

נאָר אַ געליבטע, וואָס איז געווען אַ צייט צעשיידט מיט איר געליבטן, קאָן אַזוי אַרויסזאָגן אַ נאָמען.

ער האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און צוגעדריקט זיין הייסן שטערן צו מיין האַנט.

איך האָב געפילט, אַז ווען ער שעמט זיך ניט, וואָלט ער גע־קושט מיין האַנט.

נאָר טרערן האָב איך דערפילט.

באַלד האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— וואָס ווילסטו? — האָט ער מיר אַריינגעקוקט אין די אויגן — קוואָס? טייטלען? אפשר דאַרפסטו געלט? — ער האָט זיך געכאַפּט צום גאַרטל.

איך האָב געראַנקט, געזאָגט, אַז איך דאַרף ניט.

— וואָס דען ווילסטו? זאָג, וואָס ווילסטו?

און פאַרזיכטיק, מיר ניט וויי צו טאָן, האָט ער מיר, ווי אַ מאַמע אַ קינד, פאַרגעוואָרפן פאַרוואָס איך האָב זיך ניט געוויזן די גאַנצע צייט.

מיט פאַרטרערטע אויגן פול מיט ליבע, האָט ער געקוקט אויף מיר.

איך האָב געביסן די ליפּן צו פאַרהאַלטן די טרערן.

— ווילסטו טיי? זאָג, וואָס?

ער האָט געוואָלט לויפן עפּעס ברענגען און איך האָב געזען, אַז ס'איז אים אַ שאָד די צייט צו פאַרלירן. ער האָט זיך אָבער

א רים געטאָן, איז אַוועק און באַלד צוריקגעקומען מיט קוואַס, טייטלען, ברויט, ציגאַרעטן און אַ שיין געשטריקטער פּעסקע:

— נאַ, דאָס איז פאַר דיר צום געדענקען.

באַ איבראַהימ'ען איז יענעם אָוונט געווען די אמת'ע פאַנטאַזי.

* * *

אָנהויב האַרבסט.

אַ שטורעמדיקער פרימאָרגן. גאַלדיקע זאַמדעלאַך האָבן זיך צעדווייבגענומען און געפראַוועט אַ מדבר־הוליאַנקע, געטאַנצט אין דער לופטן, זיינען געקראָכן אין מויל, אין אויגן, אין אויערן, פאַרטויבט און בלינד געמאַכט.

איך בין געשטאַנען באַם טויער פון אַמוניציע־אַרסענאַל אויף דער וואַך.

אינווייניק האָבן געאַרבעט, ווי אַלע טאָג, די טערקישע געפאַנגענע, געטראָגן קעסטלאַך אַמוניציע פון איין אָרט אויפן צווייטן, סאָרטירט, אויסגעגלייכט און געפּאַקט.

ס'האָט זיך דערהערט אַ קראַך. די ערד אונטער מיר, די גאַנצע געגנט האָט אויפגעציטערט. איך האָב זיך אַ צאַפּל געטאָן. ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. האָב איך דאָן געטראַכט, אַז אַ סאָלדאַט טאָר ניט פאַרלאָזן זיין פּאָסטן, מעג ער אפילו צעריסן ווערן? איך געדיינק ניט. איך בין ווי אַ פלאָקן איינגעשטעקט געוואָרן אין דער ערד.

פייפעלאַך האָבן געגרילצט. די וואַך איז זיך צונויפגעלאָפן. באַלד איז אויסגעוואַקסן מיין אָפיציר אויף זיין ברוינעם, אומרואיקן פערד. ער האָט זיך אַריינגעשניטן אינווייניק, איז באַלד צוריקגעקומען און באַפוילן די וואַך זאָל זיך אויסשטעלן אויף ביידע זייטן טויער.

מיר האָבן זיך צעשטעלט, זעקס קעגן זעקס. געקוקט איינער אויפן צווייטן מיט פרעגנדיקע אויגן. די מיילער האָבן ניט געטאָרט

רעדן און אפשר קיין לשון ניט געהאַט, האָבן מיר זיך דורכגע־
רעדט מיט די אויגן:

— וואָס איז געשען? האַ?

ס'איז איינער פון אינוויייניק אַרויס:

— אַ קעסטל אַמוניציע אויפגעריסן. דריי פאַרוואונדעט. דאָס
איבעריקע פאַרכאַפּט אין צייט. געקענט אייך אַלע אויפרייסן.

מען האָט אַרויסגעטראָגן די פאַרוואונדעטע.

אויף די אַקסלען פון דריי געפאַנגענע איז איבראַהים געלעגן.
דער קאָפּ אַראָפּגעהאַנגען, די האָר פאַרקלעפּט מיט בלוט און
זאַמד.

די אויגן פאַרגלאָצט, איבערגעקערטע, האָבן געקוקט אויף מיין
זייט. צוקומענדיק נאָענט פאַרביי מיר, האָבן זיי זיך געעפנט, גע־
קוקט טויט אויף דער וואַנט. זיי האָבן מיך דערזען, די אויגן, זיך
אָפּגעשטעלט אויף מיר, זיך אַנגעטשעפּעט.

די ליפּן האָבן שוואַך, פאַרשטאַרבנדיק, אַרויסגעמורמלט:

— מאַרים.

איך האָב זיך אַ צי געטאָן, מיטן אויבערשטן טייל קערפּער,
ניט רירנדיק מיט די פיס.

דער אָפיציר איז נאָכגעריטן נאָך די פאַרוואונדעטע. איך האָב
זיך אויסגעגלייכט ווי אַ ווירע.

אַ פּאָר טעג שפּעטער בין איך מיט מיין קאָמפּאַני אוועק אויף
אַן אַנדער פּאָסט.

וואָס איז געוואָרן מיט מיין ליבן איבראַהים?

אין דער וואזא פון קאַאירא

גאָלד האָט זיך אויפגעכאַפּט גאַנץ פרי און דערזען, אַז ער געפינט זיך אַ צימער, אָנגעגאָסן מיט ווייס־בלענענדיק ליכט, דורכגעשפּרייענקלט מיט פאַרביקע שמעטערלינג־פליגעלאַך, וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן פון דער מאָמע־זון און טאַנצן אַרום־אַרום זיין בעט. ווייסע, וואַרימע פרויען־הענט האָבן זיך צעפּרילינגט באַ אים איבערן האַרץ — ער האָט זיך דערפילט לייכט און גרינג, כאָטש גיב אַ מאַך מיט די הענט און צעשווים זיך אין אַ ים פון ליכט.

אַ צופרידנקייט האָט זיך צעלייגט אַף זיין פּנים.

ער האָט געגעבן אַ צי אויס די ביז די עלנבויגנס ברוינע און אויבן ווייסע הענט. די ביינער האָבן אַ קנאַק געטאָן. מיט אַמאָל זיך געגעבן אַ הויב, אַ זעץ אויף און אַ זאָג געטאָן מיט פרייד צו זיך:

— בין איך ענדלאַך, הייסט עס, אין קאַאירא!

ווי אַ פּאַרצוימטער וואַסער־שטראָם, אַזוי האָט זיך גאָלד געריסן פון מדבר תל־אל־כביר קיין קאַאירא. פון די חברים סאָלדאַטן, וואָס האָבן געהאַט די זכיה צו זיין פון די ערשטע אַף אורלויב אין קאַאירא, האָט ער זיך אַזוי פיל אָנגעהערט. אין זיבן מאָל זיבן שלייערן איז קאַאירא געווען פאַר אים פאַרהילט, און יעדער איינער, וואָס איז געווען דאָרטן אַף אַ באַזוך, האָט צוגעוואָרפן נאָך אַ שלייער. יעדער איינגאַרטיק, אַף זיין שטייגער, לויט זיין פאַנטאַזיע.

קאַאירא איז געוואָרן פאַר אים דאָס מיסטעריעזסטע פּלאַץ פון דער וועלט.

און אָט איז ער אין קאַאירא. וואָכן. חדשים. תל־אל־כביר. מדבר. גרוי זאַמד. אַש־קאָלירטע הימלען. מאָנאָטאָנער גלעקל־

געקלאַנג: דין־דין און דין־דין און שטילער שווייגן. און מיט אמאָל — קאַירא, אַ רייכער, פּיל־קאָלירטער טעפּיך — אַף גרויען זאַמד. אַזוי פּיל קאָליר, אַזאַ פּאַנאָראַמע.

ער האָט געגעבן אַ שפּרונג אַראָפּ פון בעט, איז אַריין אין באָד־צימער, אויפגעדרייט דעם קראַן פון שפּריץ און געלאָזט לויפן דאָס קאַלטע, פרישע וואַסער איבער זיין קערפּער. דאָס קאַלטע וואַסער האָט, ווי אַ האָגל, זיך אָפּגעקלאַפּט אַף דיביינער. פון פרייד האָבן די ביינער פּריילאַכע טענער אַרויסגעגעבן. דאָס בלוט האָט עס באַלד דערפילט, אויפגעכאַפּט. האָט זיך עס צעוואַרימט און גע־נומען אונטערזינגען און אונטערטענצלען. האָט זיך גאָלד שוין מער ניט געקענט איינהאַלטן, געגעבן אַ שפּרונג אַפיר פון אונטערן וואַסער און זיך צעטאַנצלט איבער דעם שיין־געפּלאַסטערטן דיל.

ער האָט שנעל אָפּגעפּרישטיקט און איז אַרויס אין גאַס.

אַרום דער גרויסער געביידע פון דער „יאַנג מענס קריסטשן אַסס׳ן“ האָבן זיך געדרייט סאָלדאַטן, אָפיצערן און אַראַבער, אויס־געפּוצטע אין שוואַרצע און ווייסע אַבאַיעס.

צוערשט איז אים באַפאַלן אַ כאַפּטע אַראַבישע אינגלאַך מיט קעסטלאַך און בערשטלאַך. נאָר ווי פון אונטער דער ערד איז מיט אַמאָל אויסגעוואַקסן עפּעס אַ לץ, איינגאַנצן אין ווייסע, פּריש־בלאַנקנדיקע תכריכים, ערשט פון קבר אַרויס — און גענומען טרייבן די קאַמאַנדע. גאָלד האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז דער עגיפּטי־שער אָרדנונגס־היטער, האָט ער גענומען דאָס ערשטע ענגלישע און אַראַבישע וואָרט, וואָס ס׳איז אים אַרונטער פון דער שפּיץ צונג, עם איינגעוויקלט אין די מילדע בליקן פון זיינע לעבעדיקע אויגן און אַרויסגעשאָסן דורך די שמייכלענדיקע ליפּן. באַגלייטנדיק מיט אַ מאַך מיט דער האַנט:

— אָלרייט, מאַשקוואַיעס, קוואַיסקאַטיע!

וואָס דאָס האָט באַדאַרפט הייסן „ס׳מאַכט ניט אויס“.

דער פּאָליציימאַן האָט אַביסל איינגעצויגן דעם אונטערשטן טייל נאַקן און אַרויפגעצויגן צוריק־צו־וועגס אַביסל די אויערן,

וואס דאס האט געמיינט, אז ער שמייכלט. און גאלד האט זיך פון איינעם פון די איינגלאך געלאזט אפפוצן די סאלדאטסקע שיך.

אז די אויסגעפוצטע אראבער האבן אים שוין דערזען א באַ־פרייטן, האבן זיי זיך א לאז געטאן צו אים, מיט צעפלויגענע פאלעס, ווי א מחנה היישעריקן.

אף א גאנץ פיינעם צעבראכענעם ענגליש האבן זיי זיך פאר־געשטעלט אלס די בעסטע „גאידס" (וועג־פירער) פון קאאירא. און וועגן זיכערקייט איז דאך ניטא וואס צו ריידן. יעדער איינער פון זיי טראגט אן אבאיע, אונטער דער אבאיע א גרוים לייוונט העמד און אונטערן העמד א . . . בוזים און צווישן העמד און בוזים געפינט זיך בא יעדן א פאפיר און אונטער יעדן פאפיר איז דא אן אונטערשריפט פון לוטענאנטן, גענעראלן, בלויז קעניג דזשארדזש פעלט.

אז גאלד האט זיך באפרייט פון די דאזיקע היישעריקן, האט ער געגעבן א בלאז אן די ליפן און ארויסגעלאזט דאס גאנצע ביסל לופט, וואס האט זיך געפונען אין זיינע לונגען.

ער האט זיך אוועקגעלאזט אויסקוקן קאאירא, איז געגאנגען פאמעלאך, באטראכט, זיך אפגעשטעלט, ווי מען פארזוכט ווין: א זופ, געהאלטן א ביסל אין מויל, זיך צוגעהערט צום טעם, א קוועטש מיט די אויגן, א שמאצקע מיט דער צונג, א שלונג, און נאך א זופ און נאך א זופ. און אז דאס גלעזל ווין דערפילט שוין די ווייניקע אטמאספערע ביים פארזוכער אין מויל — ווער איז באלעבאס?

איז זיך גאלד אזוי געגאנגען, באטראכט די שיינע אייראפיי־אישע גאסן,דעם ווייכן, סאמעט־שווארצן אספאלט, די ביימער בא די זייטן, די שיינע רייכע הייזער, די פראנטישע פארבייגייער מיט די גרויסע, לאנגע, ווייסע העלם־היטלען, ווי איבערגעקערטע שיפ־לאך, אף די שטאלצע קעפ צו באשיצן זיך קעגן דער טראפישער זון; באטראכט די רייכע, פארפוצטע דאמען, די אפגעריסענע אראבער,

וואָס האָבן אויסגעזען ווי פאַרבלאָנדזשעטע אַהער און מיט אַמאָל — הו־האַ! הו־האַ!

זיינע גרויסע אויגן זיינען גרעסער געוואָרן.

ער האָט דערזען אַ גרויסן, רונדן פּלאַץ; אַלע גאַסן פאַרענדיקן זיך דאָרט און פון אַרום, ווי פון קאַנאַלן, גיסן זיך אַריין שטראָמען מענטשן און ווערן באַלד אַריינגעצויגן און פאַרמישט אין קאָכיקןווירוואַר.

ער האָט דערהערט אַ טומלען און איבערשרייען פון אַלע זיבעציק שפּראַכן, איבער דעם דאָס געוויין פון פאַרביינקטע קליינע אייזעלאַך, כליפּנדיק ווי פאַרבלאָנדזשעטע קליינע קינדער און אַ כאָרכלען פון קעמלען. און העכער איבער אַלץ די וואַרפנדיקע, שרייענדיקע פאַרבן; טורבאַנען, קעפּיעס, פעסן, העלמס און פאַרשיידענע אַנדערע קעפּ־צודעקערס. אַראָבער האָבן געשריען מיט באַנומענע קולות, גע׳טענה׳ט מיט די הענט, מיט רויט־געפאַרבטע נעגל, די ברוינע אָדערן באַ די שלייפן האָבן זיך געצויגן ווי אָנגעשטייפטע שטריקלאַך און די בלוי־געמאָלענע פייגעלאַך איבער זיי, האָבן זיך באַוואויגן, צענומען די פליגעלאַך — אָט וועלן זיי זיך געבן אַ ריר און — הײַדאַ!

אין גרויסן ווירבל האָט זיך געטומלט, געטומלט. געשריען, גערעדט. רוסישע גלחים אין זייערע לאַנגע, ברייטע, שוואַרצע כאַלאַטן מיט הויכע היטלען, ווי איבערגעקערטע קוגל־טעפּ, סקאָטישע סאָלדאַטן מיט קורצע געקעסטלטע קליידלאַך, טערקן מיט רויטע פעסעס און מיט שוואַרצע זיידענע טראָלדן, חנ׳עוודיק וויגנדיק זיך אַהין און צוריק, קאָקעטיש. ענגלישע סאָלדאַטן מיט קורצע הויזן און נאַקעטע אָפּגעברוינטע קני, בעדואינער, סיריער, אַרמעניער, רוסן, פרויען מיט פאַרשטעלטע פּנימ׳ער, פון וועלכן עס האָבן אויסגעקוקט שוואַרצע אויגן, שטיקלאַך וואַקסענע נעזער און טויטע שוואַרצע ברעמען; פרויען מיט גרויסע רינגען אַף די נעזער און טערקישע פּיאַסטערס, איינגעפלאָכטן אין די האָר.

און די פאַרבן און די שפּראַכן האָבן זיך געמישט און אויפגעהויבן זיך אין דער הויך, ווי אַ פּאַרע איבער אַ זודיקן טאָפּ.

און גאָלד'ן האָט זיך געדוכט, אז ער שטייט פאַר אַ ריזיקן שמעליץ־טאָפּ, וואָס ווערט געמישט פון אַ ריזיקער ניט געזעענער האַנט, אַ ריזיקער שמעליץ־טאָפּ, וואָס שמעלצט און שמעלצט, און שמעלצט ניט צוזאַמען.

גאָלד איז געשטאַנען און גע'חלומ'ט...

אַ ריזיקער וועלט־מאַסקאַראַד. פעלקער פון אַלע לענדער פון דער גאַרער וועלט האָבן זיך פאַרזאַמלט אַהער, צוזאַמענגעמישט און — — — אָט באַלד וועט אַ שטאַלצער עגיפּטישער פּרינץ אַרויס פון סולטאַנ'ס שיינעם פּאַלאַץ, אַרויפגיין אויפן העכסטן מעטשעט און אויסשרייען:

— אָט יענער שטאַלצער בעדואינער יונג, מיט דער זיידענער קעפּיע און גאָלד־געשפּינטן אַגאַל אויפן קאָפּ, קריגט דעם ערשטן פּרייז.

אַ כוואַליע רוישנדיקער אַפּלאָדז, ווילדער אויסגעשריי פון המון:

— יאַלאַ, יאַלאַ.

און דער שטאַלצער בעדואינער יונג וויגט זיך אויף ברוינע הענט, ווי אויף אַ פעלד פון קאָרן־זאַנגען.

ער האָט זיך עטלאַכע מאָל אַרומגעקוקט און זיך געריכט, אז מיט אַמאָל וועט פון אונטער דער ערד אַרויסוואַקסן אַ ליץ, אַ פּאַיאַץ מיט אַ מיצל, באַהאַנגען מיט גלעקלאַך, און אים אַריינלאַכן אין פּנים אַריין מיטן אַרבישן געלעכטערל:

— אַד, אַד, אַד!

— אַנטי מאַגנון! (ביזט פאַררוקט).

— אַנטי מאַגנון!

אים אַרויסשטעלן אַ לאַנגע צונג און פאַרשווינדן.

— קלינג־קלאַנג!

אָט האָסטו דיר אַ טראַמוויי אין מיטן. ער שפּאַלט דעם מענטשן־שטראָם ווי אַ שיף דאָס וואַסער, און בײַ דער זייט שפּאַנט

זיך מאיעסטעטיש א קעמל און אויבן וויגט זיך אַ בעדואינער און ציקלט א גמרא'דיקן ניגון.

— העי אנגליזי!

דער שטראם האט אים שוין פארוואָרפן אין אַ זייטיקן קאנאל — אַ שמוציק אראביש געסל. און פאר אים טאנצט אַן אראביש אינגל:

— העי אנגליזי!

גאלד פרעגט אים מיט צעטומלטע אויגן, וואס ער וויל.

— העי אנגליזי, וואזא?

און דער אינגל וואַרט ניט אַף קיין ענטפער און כאַפּט אַף שנעל אָפּ דעם אויסגע'חזר'טן פזמון:

— נייסי גוירלס, סוויט גוירלס, אלע קיינע גוירלס; אראבי, איטאליע, דזשואיש, ראשיא, סיריע, טוירקיש, דזשאפאני — און ציט אוים צולעצט אַ וויינענדיקן ניגון — באקש—י—ש!

און הינטער אים יאָגט זיך נאָך אַ קליינער קאראפוזיק און זינגט מיט אַן אראבישן ניגון אַ לידל, וואס ענגלישע סאלדאטן האבן אין שפּאַס פאר אים צוזאמענגעשטעלט.

„מי נאַ גאַט פאטהער,
מי נאַ גאַט מאַטהער,
מי נאַ גאַט סיסטער,
מי נאַ גאַט בראַדער,
— גיוו מי באקשיש!“

ווי בליצן שניידן זיך די ווערטער „באקשיש“ פאר זיינע אויגן און ווי אַ האגל קלאַפּן זיי זיך אָפּ אַף זיינע צעטומלטע אויערן.

זיך באפרייט פון די קליינע „באקשישניקלאַך“, האט ער זיך געלאָזט פירן פון אראבישן אינגל. דאס הארץ האט האסטיק גע־נומען קלאַפּן. דאס בלוט האט אויפגעלעבט און געפלאַסן שנעלער...

אַן אויפגערעגטער האט ער זיך געדרייט דורך די שמאלע, שמוציקע געסלאַך, פארנעשעפּטעוועטע פון ביידע זייטן מיט קליינע

קרעמלאך פון פארשיידענע שארפע געווירצן און שמוציקע טרינקאכצן.

דער געפעפערטער גערוך פון די געסלאך האט גאלד׳ן אויפגע־נומען ווי א פריינט, זיך געגעבן א כאפ אריין צו אים אין נאז און געוואלט גיין ווייטער אינווייניק, שליסן אן אינטימע פריינט־שאפט, ווערן בוזים־פריינט. האט אבער דאס ביסל לופט פון די רייכע אייראפייאישע גאסן, וואס האט זיך דארט געפונען, עס ניט געוואלט לײדן, האט זיך אנגעהויבן א שלאכט, וואס האט גאלד׳ן געמאכט קיצלען אין דער נאז... ס׳איז אים געווארן הארבלאך אין דעם אויבערשטן טייל, עס האט א צוק געטאן — א סיגנאל פון א קאטאסטראפע, און מיט הארמאטן־שאס און הורא־געשרייען צוריק־געטריבן די ארימע געפעפערטקייט. ס׳איז אבער באלד צוריק־געקומען מיט פארגרעסערטע פרישערע כחות.

גאלד איז אריין אין א געגנט, וואו עס האבן זיך געקרייצט און געטוליעט חבר׳יש, קליינע און שמאלע געסלאך.

דער קליינער אראבער האט זיך אפגעשטעלט און אנגעוויזן מיט דער האנט:

— היער, אנגליזי, וואזא, באק־שי־יש!

גאלד האט אים דערלאנגט א מטבע און זיך אוועקגעלאזט איבער דער וואזא, דער לעבעדיקסטער געגנט פון קאאירא.

* * *

אף א שמוציקן שמאלן, בלאטיקן באדן, וואו אן אנגעלאדן קעמל קאן זיך קוים דורכשלעפן, האט מען פיצלאך הייזלאך אויפ־געשטעלט.

און אין די הייזלאך פעלקער פון אלערליי קאלירן: ברוין, געל, שווארץ, ווייס.

טירן און טויערן צעעפנט, לייב און לעבן אפנגעדעקט.

און פאר די הייזלאך צעשטעלטע די קאלירטע סחורות: שווארץ, ברוין, ווייס, געל.

און די נאַקעטקייט, פאַרבראָדיקטקייט רופט, ציט, מאַניעט.
אהער! אהער!
— די בעסטע סחורות!
און יעדע לויבט איר אייגן לייב און בלוט.
און לאָזט זיך וואו אראָפּ א לאָדן, פאַררוקט זיך וואו א טיר, קוקן קנאה׳דיקע בליקן אַף דעם לאָדן — — — א קונה דאָרט פאַראַן.
און די הייזלאַך ציען זיך און ציען אין דער וואָזאָ פון קאַאיראָ.

* * *

צי ס׳איז געווען דער ריח פון פרויען־קערפּער, צי דער ריח פון ביליקע פּאַרפיומען... פאַר׳שכור׳ט איז גאָלד געוואָרן... דאָס האַרץ איז ווי א שוואָם אנגעזאַפּט געוואָרן מיט וויין... האָט זיך דאָס בלוט געריסן פון די אָדערן און געשטאָכן ווי נאָדלען אין קאָפּ...
ער האָט דערזען א רעדל סאָלדאַטן פון זיין קאָמפּאַניע. זיי זיינען געשטאַנען בא דער טיר פון הייזל און אַן אַראַבישע מאַמע האָט איינגע׳טענה׳ט:
— ניט איך, מיין טאָכטער, אָט גייט זי.
ס׳איז אַרויס פון א ברודיקן קאָרידאָר־לאָך, ווי פון א שמוציק מויל, א יונגע אַראַבערין, מיט צוויי בלויע פייגעלאַך אויסגע־טאַטואירט אַף די שלייפן — שוואַרצע האָר באַהאַנגען מיט טער־קישע מאַדזשעטעס (אַזעלכע מטבעות), אויגן שוואַרץ און גרויס, און יונגע שטייפע בריסטלאַך, וואָס האָבן זיך געריסן פון אונטער דעם דינעם קאַפּטל.
— זי וועט טאַנצן דעם קאַנקאַן, — האָט די מאַמע געוויזן אַף איר, — יעדער פון אייך זאָל געבן א פּיאַסטער.
א יונגער אַראַבערל פון א יאָר עלף האָט זיך צוגערוקט, אָנ־געכאַפּט דאָס מיידל ביי א ברוסט און זיך צעשמייכלט צו די סאָלדאַטן:
— נייס, נייס, וועריי גוד.

חברה האָבן דערלאַנגט מטבעות, געפינקלט און געשלונגען. די אַראַבערין מיט די אויגן, אויפגעלויכטענע פלעמלאַך האָבן זיך געצונדן.

די מאַמע האָט איבערגעגעבן צו אַן אַלטער אַראַבערין, דער באָבען, מיט אַ צעאַקערט פּנים, ווי פון ווינט אויסגעטריקנטע הרודעס בלאַטע, דאָס געלט. יענע איז ערגעץ פאַרשוואונדן.

דער לאָדן האָט זיך צוגעמאַכט. די טיר האָט זיך פאַררינגלט.

אין צימער: אַ בעט, אַ קליין טישל, אַ ליכט מיט אַ ציטערדיק פלעמל. אין ווינקל אַ קאַסטן.

חברה סאָלדאַטן האָבן זיך צעזעצט, ווער אויפן קאַסטן, ווער אויפן בעט, די איבעריקע אויפן קילן ליימיקן דיל.

פון דער טונקלקייט איז אַרויסגעשוואומען די יונגע אַראַבערין — אינגאַנצן נאַקעט.

דאָס ברוינע לייב האָט אין טונקלקייט זיך געקופּערט.

די שטילקייט האָט פאַרהאַלטן דעם אָטעם אין יעדנס מויל.

— קאַנקאַן.

אַ ווײַלע איז זי געשטאַנען ווי פאַרגליווערט אין איר נאַקעטקייט.

פוס צו פוס. הענט בײַ דער זייט.

איין פוס האָט זיך גענומען באַוועגן, ריטמיש, אַ ביסל אַרויס און אַ ביסל צוריק. באַלד די צווייטע, אַ ביסל אַרויס און אַ ביסל צוריק.

די ליפּן פול־בלוטיקע, האָבן אַקאָמפּאַנירט:

— פּאַ, פּאַ, פּאַ, פּאַ, פּאַ, פּאַ.

פּאַ, פּאַ, פּאַ, פּאַ, פּאַ, פּאַ.

מוסקלען פון פוס האָבן גענומען ציטערן, צוקן, ציטערן, אויף אַלע זייטן.

דער קערפּער האָט זיך אָנגעהויבן ריטמיש באַוועגן.

— פּאַ, פּאַ, פּאַ, פּאַ, פּאַ, פּאַ.

פּאַ, פּאַ, פּאַ, פּאַ, פּאַ פּאַ.

און יעדער מוסקול פון לייט, נאָכן ריטם נאָך, האָט געצוקט און געציטערט. זיך אָנגעצונדן, און דאָס פייער האָט זיך פאַרשפרייט, ארומגעכאַפּט די פיס, געהויבן די צונגען העכער און העכער, פאַרכאַפּט בויך, ברוסטן, דעם גאַנצן קערפּער.

די ברוינע ברוסטן־טויבן, אויפגעשטייפט און אויפגעציטערט, האָבן זיך געריסן אין שוואונג, אין ווייטע וועלטן — ברענענדיקע וועלטן.

באַלד איינגעשלאָפן, ווי מידע אויסגעמאַטערטע טייבעלאַך, זיך נאָכגעגעבן, זיך אויפגעכאַפּט און אויפגעציטערט און זיך געריסן. פון פייער־פלאַם־צונגען אין פייער־פלאַם־צונגען.

די הענט, די ברוינע ווי שלאַנגען קופּערנע, פון די בייגל איינגעדרייטע, זיך געגעבן אַ הויב, זיך פאַרמאָסטן און אַ צי געטאָן, אַ ריס געטאָן און צוריקגעקומען, און ווידער זיך געהויבן און געדרייט, זיך אָנגערעגט און אָנגערייצט. די פינגער פון די הענט, ווי מיילער פון שלאַנגען, האָבן געשיפּעט און גע־סוד'עט.

די הענט, צוויי שלאַנגען, האָבן זיך צעצויגן און איינגעצויגן, זיך געקושט און געשופּעט און גע־סוד'עט.

אויסגעצויגן און צוריקגעקומען. זיך שטיל געשאַרט, אַרומגעשאַרט און צוגעשאַרט צו די בריסטן־טויבן, אָנגערירט, אַ לאַשטש און אַראָפּ צוריק, ווי פון אָנגעגליטע קוילן... און באַלד צוריק, פּאַמעלאַך גנב'ענדיק, ווי אָפּן בויך קריכנדיק — פּאַוואָליע און פאַרזיכטיק, אַ טריט פאַראויס און איין טריט צוריק...

די שלאַנגען. מיילער האָבן אָנגערירט אויפגעשטייפטע מויל־וואַרצלען — זיך איינגעגעסן און איינגעזאַפּט.

זיך צעציטערט און צעצוקט.

— פּאַ, פּאַ, פּאַ, פּאַ, פּאַ, פּאַ.

קערפּער פאַר'חלש'ט, בריסטן פאַר'חלש'ט, שלאַנגען פאַרשכור'ט.

שטילער צוקן, שטילער ציטער, פון הענט, פיס, ברוסטן, פּנים, מויל מוסקלען.

פלאמענדיקע צונגען ברענען אוים דאם לעצטע ביסל חיות פון זיך. דאס לעצטע ביסל לעבן.

צען פאר בליקן האבן זיך איינגעשטאכן מיט גליענדיקע שפיזן און קענען זיי ניט ארויסשלעפן.

דורך די שפיזן ברענט זיך אריין דאס פייער אין זייערע אויגן און צעשפרייט זיך איבער אנגעשטייפטע קערפערס.

זעען זיי ניט דאס ציטערדיקע ליכט־פלעמל, וואס גוסס׳ט אף דער וואנט, ציט זיך צום שאטן, צום פייערדיקן קערפער, וואס ברענט און ווערט ניט פארלענדט....

א מידע פאלט זי צום סוף פון טאנץ.

פון א שאטנדיקן ווינקל שווימט ארוים די הויכע שטאלצע פיגור פון אראבער, וואס דארף פארענדיקן דעם „קאנקאן"־טאנץ פאר צען פיאסטערס.

ער כאפט זי אונטער.

— — — אף דער וואנט צוקאפנם דאס צאנקענדיקע פלעמל, האבן זיך צוויי שאטנס צונויפגעגאסן און איינער האט דעם צווייטן געוואלט אויפפרעסן — — —

חברה האט זיך שטיל ארויסגערוקט, ניט געוואלט זען איינער דעם צווייטנס פנים, דעם צווייטנס בליקן.

יעדער איז פארשוואונדען און פארשלונגען געווארן ערגעץ אין א טיר־מויל...

* * *

פארטאג האט זיך אויפגערוקט א ריגל מיט א הייזעריקן קול און א טונקל־געלער שאטן האט זיך ארויסגעשלייכט פון א טונקעלן קארידאר.

אן אויסגעמאטערטער, א דערשעפטער, האט זיך גאלד וואקלענדיק געלאזט ארויסגיין פון דער וואזא.

אין מויל בא אים איז געווען, ווי איינער וואס עסט אפ א שווערן מאלצייט, לייגט זיך באלד שלאפן, חלומ׳ט א שווערן חלום און שטייט אויף מיט א זויערקייט אין מויל.

פון דעם גאַנצן נעכטיקן טומל, פון קאָכיקן ווירוואר, פון די גאַסן פון קאַאיראָ, פון דער וואָזאַ פון קאַאיראָ, זיינען אים איבער־געבליבן, אין שווערן, מיט בליי אָנגעגאָסענעם מוח, שטיקלאַך צעריסענע, פלעקנדיקע וואָלקנס, וואָס האָבן זיך פאַרפלאָנטערט און ניט געלאָזט אויפפלאָנטערן.

אַרום טויער

א.

מיטאָג־צייט.

די זון אַ רונדע, אַ פייערדיקע, האָט זיך שוין ווייט אין הימל אַרויפגערוקט, געוואָרפן גאַנצע בונטן שטראַלן און אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע שטעטל.

דער שאָטן פון מאיר זעליג׳ס איינפאָר־הויז איז וואָס אַמאָל קלענער געוואָרן און זיך אויף דער וואַנט אַרויפגערוקט.

דער אַלטער מאיר זעליג׳ס, מיטן צעבראָכטענעם העמד, איז אויף די פּריזבע געזעסן און זיך געוואָרימט אויף דער זון. ביי זיינע קראַנקע רומאַטישע פיס איז געלעגן וואַסקאַ, דער אַלטער הונט פון איינפאָר־הויז, און געדרימלט.

פון איינפאָר־הויז זיינען די בעלי־עגלות, געזונטע און ברייט־פּלייציקע יונגען, אַרויסגעקומען און זיך אויף דער לאַנגער באַנק, באַם שווערן הילצערנעם טויער, אויסגעזעצט.

דאָס טראַן פון די ערשט־אויסגעשמירטע שטיוול האָט גע־גלאַנצט קעגן דער זון און אַ שטינקענדיקן ריח פאַרשפּרייט.

באַרג־אַרויף צום איינפאָר צו, האָט זיך געגעבן אַ וויג אַרויף אַ ווינטל, צוזאַמענגענומען פונם מאַרק פּאַפּיר, שטויב און שטרוי, דאָס אַלץ צוזאַמענגעוויקלט, געדרייט און געדרייט, ביז עס האָט זיך פאַרמירט אַ זייל פון שטויב, פּאַפּיר און שטויב. דער זייל האָט זיך געדרייט און זיך דערנענטערט צו די בעלי־עגלות. חברה האָבן עס נייגעריק צוגעקוקט און ווען דער זייל איז צוגעקומען צו זיי, זיינען זיי אַלע אויפגעשפּרונגען און זיך צעלאָפן. דער זייל האָט זיך נאָך אַביסל געדרייט און צונישט געוואָרן.

אז חברה האט זיך צוריק אוועקגעזעצט האט איינער געזאגט:

— אלע רוחות קריכן אהער, אז דער רוח זאל עס נעמען. עפעס וועט שוין היינט פאסירן.

— ביים דיר אפ א האלבע צונג, דו אלטע שקאפע, נאר ער לייגט אוים צום שלעכטן.

— נו, טאקע, צו וואס אויסלייגן צום שלעכטן?... מען דארף זיך נאך היינט לאזן אין וועג אריין, — האט זיך איינער אריינגעלייגט אין שלום.

פון דעם האלב־אפענעם הילצערנעם טויער האט זיך געגעבן א ריס ארויס א יונגער אגער, זיך א לאז געטאן אין גאלאפ איבערן פרייען פלאץ פאר דעם אריינפאר און זיך געלאזט הערן מיט זיין פריילאכן הירזשען אף עטלאכע גאסן ארום:

— אי־כ־כ־י! אי־כ־כ־י!

וואסקא האט געגעבן א שפרונג אויף און גענומען נאכיאגן דעם אגער, האט זיך אבער געכאפט אז ס'איז נאריש פון אים, האט ער ארונטערגעלאזט דעם עק צווישן די פיס, און מיט אן אראפגעלאזטן קאפ זיך אומגעקערט צוריק. ער האט זיך אוועקגעלייגט לעבן אלטן מאיר זעליג'ס פיס, איינגענורעט דעם קאפ צווישן די לאפעס און גענומען דרימלען.

פון איינפאר־הויז איז ארויסגעלאפן ניסל פעלץ, דער שמייסער און שומר, זיך געלאזט נאכן אגער און אים באלד צוריקגעבראכט.

באם טויער איז וואס אמאל לעבעדיקער געווארן. עס זיינען זיך צוזאמענגעקומען די איבעריקע בעלי־עגלות.

חברה האט זיך אויסגעזעצט, ווער אף די פריזבע ווער אף דער לאנגער הילצערנער באנק און גענומען פירן א לעבעדיקן שמועס וועגן נסיעות.

— העי, חברה, — האט גענומען דערציילן א הויכער, געזונטער יונג. — זאלט איר געווען עס א קוק טאן, ווי מיין בולאן האט זיך עס געגעבן א שטעל אוועק לעבן דער גרעבליע, איז כאטש גיב אים א מכה אין זייט, וויל ער נאר צוויי . . . איך האב געמיינט,

אַז איך וועל לאַפּנען פאַר פאַרדרוס . . . און ווען, מיינט איר, טרעפט זיך עס, האַ ? אודאי ערב שבת, אַ כּאַלעריע זאָל עס נעמען. איך האָב געמיינט אַז איך וועל די „פּאַפּלעקציע" באַקומען, ווי איר זעט מיך אַ אידן. און דאָ האָב איך נאָך מיט זיך אַ יאָלד אין אַ קאַפּאָטע... אַי, אַי, שרייט ער, ערב שבת, נו, אָ, נו, אָ, ערב שבת... איך האָב מיך קוים איינגעהאַלטן, איך זאָל אים נישט דערלאַנגען אין פרעסער אַריין.

פון אַ זייטיקן געסל האָט זיך געגעבן אַ דריי אַריין אַ פאַיעטאָן, געוויגט אויף לייכטע רעסאָרן. בערקע, אַ נידעריקער, ברייט־ביינער־דיקער יונג, איז געזעסן אויבן אויף דער קעלניע, די קוטשמע שווארצע האָר צעוואָרפן איבערן שטערן און ווי אַ געניטער טרייבער זיך געבויגן דאָ אַהין, דאָ אַהער, נאָך דעם בויג פון פאַיעטאָן, און געשניטן מיט דער בייטש, באַהאַנגען מיט רויטע טרעלדלאַך די לופט רעכטס און לינקס, און מיט אַ קוראַזש און פייפעריי האָט ער צערודערט דאָס גאַנצע געסל.

— אָט איז בערקע !

מיט אַ לייכטן שפּרונג איז בערקע אַרונטער פון פאַיעטאָן.

— נו, פאַרטיק ?

— טשטאָ זאַ וואַפּראָס ! אַ פולער פאַיעטאָן מיט פאַרשוינען, וואָרעו האָט איר געמיינט ? מיט אַ ליידיקן פאַיעטאָן וועל איך אַהיימקומען ? מיין ווייב וועט דאָך מיך אין בעט ניט אַריינלאָזן, כאַ־כאַ־כאַ...

— נו, און פּאַראַשקאַ ? שוין אויפגעגעבן, האַ ? — האָט אים איינער אַ פרעג געטאָן און דערביי אים אַ זעץ געטאָן אין זייט מיטן עלנבויגן.

— נו, וואָס מיינט איר, חברה, ער׳ט איינרייסן מיט יאַשקע׳ן ? יענער וועט דאָך אים אַ פּוס איבערברעכן.

בערקע׳ן האָט דאָס בלוט אַ זעץ געטאָן אין פּנים. ער האָט זיך געמאַכט האַריג.

— וואָס, טאָוואַרישטש ? מיינסט טאַקע אין דער אמת׳ן, אַז איך האָב מורא פאַר יאַשקען ? גאָרניט, איך וויל ניט איינרייסן מיט אים, פאָרט אַ טאָוואַרישטש, אַ גוטער ברודער.

— געהערט, חברה, וואָס ס׳האָט זיך געטאָן ביינאַכט אין שטאָל ? — האָט זיך אַריינגעמישט ניסל פעלץ.

האָבן חברה אָנגעשטעלט מויל און אויערן און ניסל האָט פאָרטגעזעצט :

— איך ליג אַזוי אין וואָגן און קען עפּעס ניט איינשלאָפן. ליג איך מיר און טראַכט אַזוי אין דער וועלט אַריין. מיט אַמאָל הער איך, ווי עפּעס פּאָרקעט זיך אין שטאָל. שאַר איך זיך שטילער־הייט אַרונטער פון וואָגן און גיב זוכן. איך גיב אַ קוק : נו, נו, איך זאָג אייך, חברה, איך האָב געמיינט אַז איך וועל פּלאַצן פון געלעכטער.

— וואָס האָסטו געזען ? — האָט חברה שיער געפּלאַצט פון געדולד.

— הערט־זשע. איך גיב אַ קוק, באַ פעדקא׳ן אין וואָגן איז אויסגעבעט מיט פריש היי און צוויי פאַרשווינגע ריען זיך דאָרטן ווי די חזרים... און ווער מיינט איר זיינען זיי ? יאַשקע און פּאַראַשקאַ...

— כאַ, כאַ, כאַ !

— כאַ, כאַ, כאַ !

חברה האָט אויסגעשאָסן אַ געלעכטער און דער אַלטער מאיר זעליג׳ס, דער בעל־הבית פון איינפאָר־הויז, וועלכער איז געזעסן די גאַנצע צייט אַף דער פּריזבע, באַם אַריינגאַנג, און דוכט זיך גאָר ניט צוגעהערט זיך צו דער חברה, האָט אויך מיטגעלאַכט מיט זיי, און וואַסקאַ מיטן האַלב־אָפּגעביסענעם עק און אויסגעריבענער פעל, האָט אויפגעשטעלט די אויערן, אַרויסגעשטעקט די צונג און פאַר־וואונדערט געקוקט אַף דעם אַלטן מאיר זעליג׳ס.

ב.

אנטקעגן איבער דעם איינפאַר, באַ יאַנקל פּראַצענטניק אַפּן גאַ־ניק, איז אַרויסגעקומען די דינסט פּאַראַשקאַ, אַ יונגע געזונטע שיקסע מיט אַ קאָפּ פלאַקסענע האָר און אַ פּאָר רויטע פולע באַקן, אָנ־געגאָסן מיט בלוט, צום פּלאַצן. דאָס לייווענטענע אויסגענייטע קליידל איז געווען פאַרשטעקט פאָר־באָקאָם און צוויי גראָב־מגושמ־דיקע פיס האָבן זיך אַרויסגעזען ביז די קני...

פּאַראַשקאַ האָט צענומען אַ גרויסן, שווערן טעפּיך, אים גע־נומען טרייסלען. איר הויכער בוזעם, האָט זיך אויך געטרייסלט און געציטערט ווי כאָלאַדעץ.

אַז די יונגען האָבן זי דערזען, האָבן זיי גענומען ווינקען צו איר און זי רופן. מיט זשעדנע אויגן האָבן זיי זיך איינגעגראָבן אין דעם ציטערדיקן בוזים, אין די פאַרפלאַמטע באַקן און אין די גראָבע ביז צו די קני נאַקעטע פיס.

— ס׳אַ מויד! מען קען פאַרבדענט ווערן לעבן איר — האָט אַ בעל־עגלה מיט התפעלות אויסגעשריען.

— אַ לעבן לאַנג קען מען מיט איר אָפּלעבן אָן אַ ווייב, — האָט זיך אַ צווייטער פאַסמאַקעוועט.

איינער האָט אַ וואונק געטאָן צו פּאַראַשקאַ׳ן. מיט זיינע הענט גלייך ווי ער וואָלט עמיצן אַרומגענומען, זיך אַליין אַרומ־גענומען, צוזאַמענגעדריקטביידע אַקסלען, געגעבן אַ שאַרפן קריץ מיט די ציין, אַ פיר מיט די אויגן און אַן האַ־אַ אַרויסגעאָטעמט.

פּאַראַשקאַ האָט זיך צעלאַכט. דער שטויב פון דעם צעטריי־סלטן טעפּיך איז איר אַריין אין האַלז, איז זי פון געלעכטער אין אַ הוסט איבערגעגאַנגען. זי האָט געצוקט מיט די אַקסלען און דער הויכער בוזים האָט זיך געצאַפּעלט.

— העי, פּאַראַשקאַ! — האָט זי בערקע אַ רוף געטאָן מיט אַן אויג.

פאַראַשקאַ האָט זיך אַביסל געקווייִנקלט, אַריינגעקוקט אין פענסטער, צי עמיצער זעט ניט, און זיך אַרונטער־גע׳גנב׳עט פון גאַניק, צום טויער.

חברה האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו איר, יעדער האָט זי געטשעפּעט. זי איז געשטאַנען אין מיטן און נאַריש געשמייכלט און באַלד זיך צעלאַכט. דער געלעכטער איז אַרויסגעקומען אַזוי נאַריש, לעקישעוואַטע, גלייך מען וואָלט זי מיט בייטשן געשמיסן און זי געצוואונגען צו לאַכן.

— העי, פאַראַשקאַ! — האָט זי בערקע צוגעצויגן צו זיך און גענומען זיך וויצלען מיט איר. — וואָס, צו אַל־די שוואַרצע יאָר, קריכסטו ביינאַכט צו יאַשקע׳ן אין שטאַל אַריין, סטערוועַ? יאַשקע קאָן צו דיר אין קיך ניט טרעפן?

פאַראַשקאַ האָט זיך געקווייִנקלט און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. האָט זי אַ מאַך געטאָן אומבאַהאָלפן מיט די הענט און זיך געלאָזט אוועקגיין.

ניסל פעלץ האָט אַרויסגעשטעלט אַ פוס, פאַראַשקאַ האָט זיך פאַרטשעפעט און דערלאַנגט אַ זעץ אין דער ערד אַריין.

די בעלי־עגלות האָבן זיך הויך צעלאַכט.

פאַראַשקאַ האָט זיך אויפגעשטעלט, אָפּגעטרייסלט דעם שטויב און גענומען זיך יאָגן נאָך ניסלען און געהאַלטן אין איין שילטן.

— אַז זדאַכניען זאָלסטו!

בערקע איז געשטאַנען באַם טויער, מיט זשעדנע בליקן איר נאָכגעקוקט און געשלונגען די באַרוויסע פיס, דעם הויכן בוזים און די רויטע, ווי עפּל צייטיקע, באַקן...

ניסל איז מיד געוואָרן פון לויפן. אַ פאַרסאָפּעטער איז ער צוגעלאָפן צו בערקען און זיך באַהאַלטן הינטער אים.

פאַראַשקאַ איז צוגעלאָפן און אים געוואָלט אַ כאַפּ טאָן און ביידע האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען אַרום בערקען.

ביי בערקען האָט זיך דאָס בלוט צעקאָכט און ער האָט אַ כאַפּ געטאָן פאַראַשקאַ׳ן. די הענט האָבן אים געציטערט. דער האָס־

טיקער שווערער אָטעם האָט זיינע נאָזלעכער ציטערדיק צעשפּרייט און געברענט פּאַראַשקאַ׳ס פּנים. מיט האַסט האָט ער געגעבן אַ צי איר קאָפּ הינטערוויילעכס און זיך איינגעגעסן מיט׳ן גאַנצן מויל צו איר פּלאַשטשלעך... ניין, אין אירע צעפּלאָמטע באַקן. זי האָט אַ קוויטש געטאָן. זיך אַביסל אַרונטערגעלאָזט און מיט אַ האַסטיקן צי זיך אַרויסגעריסן פון זיינע הענט. בערקע האָט זיך געגעבן אַ בויג אַן דער זייט און אַ צי געטאָן דעם קערפּער אין פּאָראויס... ער האָט געוואָלט זיך אַ יאָג טאָן נאָך איר, האָט ער עמיצן דערפילט הינטער זיך און אינסטינקטיוו זיך נאָך מער אָנגעבויגן, ווי עפּעס אויס־צומיידן... יאַשקע׳ס האַנט האָט דורכגעשניטן די לופט...

ביי די בעלי־עגלות אַרום איז מיט אַמאָל דער אָטעם אָפּגע־האַקט געוואָרן.

אַ שטילקייט, ווי פאַר אַ שטורעם.

אַלע האָבן מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם געוואַרט און זיך געשראָקן.

דער איינציקער וועלכער האָט ניט געשוויגן איז געווען דער יונגער אָגער, וועלכער האָט זיך פון דער פעל געריסן און מיט זיין מיט־בענקשאַפט אָנגעזאַפּטן הירזשען האָט ער די ווענט און דאַך פון שטאַל געלעכערט.

אין דער שטילקייט האָט וואַסקאַ באַ מאיר זעליג׳ס פּיס דער־הערט דאָס זשומען פון אַ פליג אַרום אים, האָט ער אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ, געעפנט דאָס מויל און גענומען מיט די פייכטע אויגן נאָכלויפן דער פליג, דרייענדיק מיטן קאָפּ אַרויף און אַראָפּ. די זון האָט אים מיט אַמאָל אַ פליוכע געטאָן אַ זשמעניע גאָלד אין פּנים אַריין, האָט אים אַ קיצל געטאָן אין דער נאָז. האָט ער אַ זשמורע געטאָן מיט די אויגן, צוריק אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף די אויסגעטריקנטע לאַפּעס און געבליבן ליגן מיט אַן אָפן מויל און אויסגעשטעלטער צונג. פון קאָפּ, אַרונטער באַם האַלז, איז די פעל געבליבן אַ ביסל אָנגעצויגן, די פליג האָט זיך אַ דריי געטאָן אַרום אָפענעם מויל און געבליבן שטיין אויף דער נאָז: זשששש —

זששם. וואסקא האט א הויב געטאָן די מאָרדע און — האָפּ ! די ציינער האָבן זיך פאַרהאַקט.

וואסקא האט צוריק ארויסגעלאזט די צונג. און די פעל פון קאָפּ ארונטער באם האלז האט זיך נאָכגעלאָזן.

ניסל פעלץ איז מיט אַמאָל קלענער געוואָרן, זיך צוזאַמענגעדרייט ווי א קנויל און זיך פאררוקט אין א ווינקל.

פאראשקא איז געבליבן שטיין אינמיטן לויפן, מיט א נארישן אויסדרוק אפן פנים און זיך צוגעהאלטן די באק, וואו ס׳איז געשטאנען בערקע׳ס מויל ציינער, געקוקט יאשקע׳ן אין די אויגן אריין ווי אן איבערגעשראקענער הונט, וואס האט ניט וואוהין צו אנטלויפן, און זיך מורא געהאט צו רירן פון אָרט.

יאשקע און בערקע זיינען געשטאנען איינער אנטקעגן צווייטן ווי צוויי הענער, געהיט איינער דעם צווייטנס באוועגונגען און גענוען גרייט באם קלענסטן ריר אנצופאלן איינער אפן אנדערן און ביז צום טויט דערשלאָגן.

יאשקע האט זיך מיט אמאל געגעבן א דריי צו פאראשקא׳ס זייט. בערקע׳ן האט זיך גערוכט, אז ער ווארפט זיך אף אים. האט ער זיך א ציי געטאָן אף צוריק, אריינגעצויגן דעם קאָפּ צווישן די אקסלען און די הענט ארויסגעשטעלט פאראויס, פארן פנים, אף זיך צו באשיצן.

יאשקע האט אים אויסגעמידן, געגעבן א שפרונג צו פאראשקא׳ן און איר אראפגעלאזט א פאטש אין באק, זיך פלינק ווי א קאץ, געגעבן א ווארף צוריק, ארונטערגעוואָרפן פון זיך דאם רעקל מיטן היטל און זיך ארויפגעוואָרפן אף בערקע׳ן.

ביידע האבן זיך געקלאפט אונטער די זייטן, אין די ציין, אין די אויגן און וואוהין זיי האבן נאר געקענט צוקומען. זיי האבן זיך געוואלגערט אף דער ערד, אפגעריסן איינער פון צווייטן די קליידער, זיך געביסן און געגראבלט.

צולעצט האט זיך יאשקע אף בערקע׳ן אוועקגעזעצט און אים גענומען האקן מיט זיינע גראבע געזונטע פויסטן אין פנים אריין.

בערקע האָט זיך באַגאָסן מיט בלוט, זיך געוואָרפן, געכאָרכלט און געדעוועט ווי אַ געקוילעטער אָקס. דערנאָך האָט ער העגט און פיס אָפּגעלאָזט און זיך שוין מער ניט גערירט.

האָט זיך יאשקע אויפגעהויבן, מיט אַ טרייסל פון קאָפּ, אַרויפּ־געוואָרפן די האר פון שטערן אָפּן קאָפּ, זיך צורעכט געמאַכט די קליידער און געגעבן בערקע'ן מיטן שטיוול אַ האַק אין דער זייט.

— און איצט גיי וואַש זיך אָרום די חזיר'שע מאָרדע, און געדיינק, אַז מיט יאשקע'ן פּאַרטשעפּעט מען זיך ניט.

ניסל איז אַריין אין הויז און אַרויסגעבראַכט אַ קעסל וואַסער און אַ האַנד־טוך.

אַ פּאָר יונגען זיינען צו צו בערקע'ן און אים אויפגעהויבן.

בערקע האָט זיך געוואַקלט ווי אַ שיכור'ער און ניט געקענט איינשטיין אויף די פיס. האָבן אים די בעלי־עגלות אַוועקגעלייגט אויף דער פּריזבע און אים געגומען אַרומוואַשן.

ג.

ביי נפתלי שענקער אין קעלער.

חנה, נפתלי'ס ווייב, איז געשטאַנען הינטער דער סטאָיקע, אָנ־געטאָן אין אַ שמוציקן פאַרטוך, געגאָסן בראַנפן פון אַ גרויסער פלאַש אין קליינע פלעשעלאַך און געהאַלטן אין איין אַרויסגעבן באַפעלן דעם מאַן.

— נפתלי גיב אהער אַ פלעשל!

— נפתלי, דערלאַנג מיר די לעיקע, גיכער!

— נפתלי, גיב מאַטוועי'ען אַן אַקע ווייַן, רויטן, דו הערסט!

און נפתלי איז אַרומגעלאָפן און זיך ניט געקענט צערייסן.

בא די טישן זיינען געזעסן פויערים, אין לייוועטענע הויזן מיט ווינטערדיקע היטלען פון שאָפענער פעל, און געזונגען וואַלעכישע לידער. און נאָך יעדן פערן זיינען זיי זיך פאַרגאַנגען אין אַ קוויטש:

„שעפטי בוני לאפריאמי
העי אמארי נו אמארי“.

און זיך פארגאנגען.

מ׳האט גענפנט פלעשלאך מיט א קלאפ אין דלאניע און זיי איבערגעקערט מיט איין זופ: גול־גול — און פארטיק.

אין א ווינקל זיינען געזעסן א גרופע אוקראיינישע פויערים און גענוגען מיט הייזערי שטימען:

„או סאסידא כאטא בילא,
או סאסידאא זשינקא מילא“

אן אלטער פויער מיט א בארד ווי פון גרויע שפיזלען, איז זיך געזעסן איינער אליין בא א טישל, געוויינט מיט בלוטיקע טרערן, זיך געקלאפט מיט א פויסט אין דער האריקער ברוסט און נאכגעזונגען:

„א או מענע נימא כאטי,
א או מענע נימא זשינקי,
א וואליו! וואליו!“

האט ער פארענדיקט מיט א וואלעכשן אויסגעשריי און ניט אויפגעהערט וויינען און טענה׳ן צום אויסגעליידיקטן פלעשל.

באם אריינגאנג פון דרויסן זיינען געזעסן ציגיינער אין א רעדל, מיט ווייבער און קינדער, די מענער גרויסע רינגען אין די אויערן, און די פרויען מיט לאנגע שווארצע צעפ, באהאנגען מיט אלטע רוסישע זילבערנע רובלס. די קינדער מיט די פופקעס אין דרויסן, האבן זיך געפלאנטערט אונטער די פיס.

יאשקע מיט בערקע׳ן זיינען געזעסן אויבן־אן בא א לאנגן הילצערנעם טיש, ארום זיי די איבריקע בעלי־עגלות פון מאיר זעליג׳ס איינפאר. זיי האבן געטרונקען, געשריען, געזונגען, און דער נאנצער שענק איז געאגנגען כאדאם.

יאשקע און בערקע זיינען געזעסן אַרומגענומען, זיך געקושט און געהאַלזט.

— זאָל איך קריינקען, אויב ס׳טוט מיר ניט באַנג; זאָל איך אַ מיתה־משונה איינעמען, — האָט זיך יאשקע געבעטן, — פאַרט אַ טאָוואַרישטש, אַ גוטער ברודער.

— נאַ, טרינק, בערקע, — האָט ער אים געשטופּט אַ גלאָז ווײַן אין מויל אַריין. — טרינק און פּראַשטשיי, טאָוואַרישטש.

— נו, וואָרעז? — האָט דער אַלטער אברהם שוין צום פופצענטן מאָל איבערגע׳חזר׳ט די זעלביקע ווערטער. — וואָרעז? איך האָב אָבער געוואוסט, אַז זיי וועלן זיך איבערבעטן. אונזער חברה קען לאַנג ניט ברוגז זיין... נאַש בראַט, נו, טרינק, בערקע. לאָמיר זיין געזונט.

— ווען ניט איך, — האָט זיך איינער באַרימט, — בעטן זיי זיך ניט איבער. אַז איך זאָג: בערקע, שטעל ווײַן! שטעלט מען.

— טשטאָ זאַ וואָפּראָס? — האָט בערקע שכור געשאָקלט מיטן קאָפּ — טשטאָ זאַ וואָפּראָס?

ניסל איז געזעסן באַם עק טיש, און אַלע מאָל האָט אים אַן אַנדער בעל־עגלה צוגערוקט אַ גלאָז ווײַן:

— נאַ, ניסל, ווייס אויך פון אַ גוטן טאָג!

חברה האָבן איבערגעקערט איין פלאַש ווײַן נאָך דער צווייטער, זיך געזידלט, געשלאָגן און געוואונשן זיך אַל־דאָס־וטס, זיך געקושט און ווידער געזידלט.

און יאשקע האָט אַלע ווײַלע אָנגעפילט בערקע׳ס גלאָז און זיך געבעטן:

— טרינק, טאָוואַרישטש, טרינק!

חנה האָט געהאַלטן אין איין ברייננען נייע פלעשער ווײַן, גע־געבן איינעם אַ קלאַפּ אין פּלייצע, צו אַ צווייטן אַ שמייכל געטאָן און געוואונקען שעלמיש מיט די אויגן.

יעדעס מאָל, וואָס זי איז פאַרביי געגאַנגען יאַשקע'ן, האָט ער זי אַ צופּ געטאָן באַם דרייגאַרנדיקן פעטן גוידער, אָדער איר אַ קניפּ געטאָן אין דעם גראָבן פלייש פון די פּוכקע הענט.

חנה האָט געשמייכלט און זיך בלומרשט געבייזערט:

— משוגענער! לאָז אָפּ! איך וועל דרערציילן פאַראַשקאַ'ן, כאַ־כאַ־כאַ!

— דרערצייל, איך וועל איר נאָך היינט סיי־ווי די ביינער צעברעכן, וועט זי אויפהערן קריכן צום טויער.

ער האָט אָנגעגאָסן צוויי פולע גלעזער ווייַן, פאַר זיך און פאַר בערקע'ן, אַנגעקלאַפּט זיין גלאָז אין בערקע'ס און צוגעצויגן בערקע'ן צו זיך:

— גיב אַהער דיין חזיר'שע מאָרדע און לאָמיר זיך צעקושן. און איצט טרינק, אָבער געדיינק! אויב דו וועסט נאָך אַמאָל טשעפּען פאַראַשקאַ'ן, וועל איך דיר דעם בויך אויפטרענען און די קישקעס אַרויסלאָזן. געדיינק, ברודער!

חברה האָט אויסגעטרונקען די לעצטע גלעזער ווייַן און אַוועק צום טויער זיך פאַרטיק מאַכן אין וועג אַריין.

די זון האָט געהאַלטן באַם אונטערגיין.

אַ רונד רויט פייער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט וואָס אַמאָל נידעריקער הינטערן באַרג און האָט אָנגעצונדן די שפּיצן פון די בוימער פון דערבייאיקן וועלדל.

אין אַ הייזל אויפן באַרג האָט זיך אַ שויב פון אַ פענסטער אָנגעצונדן.

די בעלי־עגלות האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די קעלנעס און מיט געזאַנג און פייפעריי זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין.

פאַראַשקאַ איז געשטאַנען באַם טויער און פאַרבענקט געקוקט אויפן באַרג, וואָס האָט זיך געהויבן איבערן שטעטל, וואו עס האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע שורה פאַיעטאָנעס, איינגעהילט אין שטויב — —

די זון האָט זיך אַרונטערגעלאָזט הינטערן באַרג.

„געלע זאַמד"

אז די זון איז אַ פולע מיט צעפלאַסענער רייכקייט, אַרויס איבערן שטעטל, איז שוין דער יאריד געווען אין פולער, רויער גאַנצקייט.

דער אומגעהויער גרויסער פּלאַץ, דער „מאַידאַן", ווי אַ שיסל פון עטלאַכע שטאַטישע סקווערן, צווישן צוויי האַלב לבנה'דיקע שורות הייזער, פאַרלייגט פון אַלע זייטן מיט געהילץ, מולטערס, רעדער, אַקסן, פעסלאַך, קאַרעטעס, דישעלעס, לייטערס, טריאַן — איז געווען אָנגעפולט מיט פּויערים, וועגענער, פערד, חזרים, קאַטש־קעס, הינער, אַקסן, גענז און שאָף, און אַלץ האָט געטומלט און געהוזשעט.

אין רייעס, דורכצולאַזן די קונים, זיינען שוין געווען אויס־געשטעלט די פּויערים און פּויערטעס מיט זייערע וועגענער און סחורות.

די שווער באַלאָדענע וועגענער האָבן זיך געבויגן אונטער דער שווערער מאַסע פון די בעסאַראַבער זאַפטיק־פולע פּאָמען (וויינ־טרויבן) און בלוי־באַהויכטע רייפע פלוימען.

עס האָט געשמעקט דער ברייט־צעבלעטערטער קרויט און ס'האָט גע'שיכור'ט דער ריח פון פרישן ווייַן ערשט געבראַכט פון די „קאַדרעס", וואו די געזונטע שיקסעס מיט די פולע ברוסטן, ווי די זאַפטיקע פּאָמען, האָבן זיי געטראָטן מיט די קרעפטיקע רויטע פיס.

צווישן גוואַלטיקן געטומל האָט אַ ציטערדיקע געוויינט די נעבאַכדיקע שטים פון בלינדן בעטלער, וואָס האָט אויסגעוויינט זיין בלינד־טרויער ליד און צוגעדרינדזשעט מיט דער דראַטיקער ברייטער לירע, וואָס איז געלעגן ווי אַ געפּענטעטע שאָף אַף זיינע פלאַך־פאַרפלאַכטענע קני.

ווײנענדיק האָט זיך דאָס קול געבעטן, אַ פּאַנפּעדיקס:

דאַיטע קאַפּײעטשקאַ,
ליודי דאָברי —
דזין־דזין־דזשינ־נ־נ־ן.

פּערד האָבן געהורזשעט, חזרים האָבן געכריוקעט און דער טומל האָט זיך געהויבן אין די הימלען.

עס האָט זיך געדוכט, אַז גאָט האָט צעמישט זייער לשון און יעדער רעדט אַף אַנאַנדער שפּראַך, און אײנער ווייס נית וואָס דער צווייטער רעדט, מאַכט מען מיט די הענט, קרימט מען דאָס פּנים, דרייט מען מיט די אויגן און מען טענה׳ט און מען שרייט און פון אַלע שפּראַכן גייט אויף אַ טומל וואָס הײנגט אַ גאַנצן טאָג איבערן מאַרק — און וועט נאָך בלייבן הײנגען ביז שפּעטער נאַכט — ווען קײן אײנער וועט שוין אַפן מאַרק נית זיין.

באַם בריקל, דאָרט וואו עס ענדיקט זיך שטאָט און מאַידאַן, שטייען די „ליוועראַנטן" מיט טאַבונעס פּערד. שטייען אידן און פּויערים, קוקט מען פּערד אין די ציינער, גלעט מען די סאַמעט פעלן פון היציקע און רואיקע פּערד, זעצט מען זיך רייטענדיק, מען לויפט אַפ אַ שטיק וועג, צוריקגעקומען מיט פּאַרסאָפּעטע שוימיקע פּערד און זיך גענומען דינגען; קלאַפּט מען אײנער דעם צווייטן אין די הענט מיט געזונטע אָפּהילכנדיקע קלעפּ, זידלט מען, שפּייט מען, שילט מען, מען גייט אַוועק, און מען קומט צוריק און מען קלאַפּט ווידער און מען גייט אַוועק אין נאָנטן שיינק „באַנעצן".

יונגע שקצים און שיקסעס שטייען לעבן גאַלאַנטעריי־סחורות, לעבן קאַצאַפּסקע ביידלאַך מיט וועגענער מיט פּאַרריסענע דישעלעס קלייבט מען בייטשן קאָרעלן און פּאַטשאַרקעס.

לעבן די טעפּערס מיט די בוידן שטייען פּויערים און פּויערטעס קלאַפּן מיט איינגעבויגענע פינגער אַף טעפּ און ראַנדלעך, ווי אַ דאָקטאָר ווען ער באַטראַכט אַ קראַנקן, און מיט אָנגעשטרייגטע ערנסטקייט הערט מען זיך צו צו די קלאַנגען.

וואס מער דער יאריד איז אריין אין טאג אריין, אלץ גרעסער איז דער טומל געווארן — זיך צעשאטן איבערן גאנצן שטעטל.

אף דער שוועל פון מאליק'ס הויז, פונקט אנטקעגן „מאידאן" איז געשטאנען „געלע זאמד". מיט זיינע גרויע שפיציקע אויגן האט ער באטראכט דעם מארק. עפעס זיך פארטראכט, ארויס אפן גאניק, און צוריק, געוואלט זיך א לאז טאן אפן מארק, האט זיך אים עפעס א ריר געטאן אין הארצן און ער האט פארלארן דעם חשק ארויסצוציינן אפן יאריד. ער איז געבליבן שטיין פארטראכט.

געהייסן האט ער וואסקא. א הויכער געזונטער שייגעץ מיט צווי אייזערנע הענט און שטארקע פלייצעס. דער גאנצער קאפ, וואס האט ניט איינגערוט אף די פלייצעס, פונ'ם האלז ביזן שפיץ מוח, האט געהאט עפעס א מוטנעם קאליר. דאס פנים בלאס און לאנג, די אויגן קעציש־גרוי, שפיציקע, אומרואיקע, און די האר געל ווי שטרוי.

גערופן האט מען אים — „געלע זאמד".

דער פאטער זיינער א קליין גוי'עלע מיט א שטעכיק בערדל, א שפיציקס, פלעגט יעדן פרייטיק פארטאג ארויספארן אונטערן שטעטל, פארקירעווען אונטערן הויכן האלב אפגעגראבענעם בארג און אנגראבן א פול וועגעלע זאמד, צוריקגעקומען אין שטעטל אומגעפארן ביז פארנאכט איבער די גאסן און מיט זיין אייגנארטיק שטימעלע אויסגעשריען, צעצויגן:

— געלע זאמד, ג־ע־ל־ע זאמד!

האבן ווייבער איבערגעלאזט ערב־שבת'דיקע קיכן מיט שבת־דיקע מאכלים, ארומגערינגעלט זיין וועגעלע און געקויפט מעסטלאך זאמד צו באשיטן די פריש אפגעגעלטע פאדלאגעס.

אז וואסקא איז אונטערגעוואקסן, האט אים דאס קליינע טא־טעלע מיטגענומען אפן וואגן און ער האט אים ארויסגעהאלפן שרייען:

— געלע זאמד, ג־ע־ל־ע זאמד!

נאכ׳ן פאטערס טויט, איז שוין וואסקא אליין ארומגעפארן מיטן וואגן.

אינגיכן איז דער ערב־שבת׳דיקער געשריי „געלע זאמד" פאר־שוואונדן.

וואסקא איז ניט געווען דער מענטש פאר דעם.

אבער דער נאמען „געלע זאמד", האט זיך ווי קלעפּיק לייס אנגעקלעפּט אין אים און ער האט שוין פון דעם ניט געקאנט פטור ווערן.

אין די הינטער געסלאך פון שטעטל איז „געלע זאמד" שוין בארימט געווארן. געווארן א קינסטלער מיט „גאלדענע הענטלאך", מיט טייוועלשע שנעלקייט, האט ער אין יאריד־טאג, געליידיקט פויערשע קעשענעס.

בא מאליק׳ן אין הויז, וואו עס פלעגן זיך צונויפקומען חברה גנבים, קארטן־שפילער, פינגערהוט־שפילער און וואוילע יונגען, איז „געלע זאמד", געווען איינער פון די געהויבענע געסט און מאליק, א שווארץ רונד בריה׳לע מיט א גרויסן שווארצן ציגאר אין מויל, פלעגט אים קלאפּן אין פלייצע:

— „געלע זאמד", ביזט א מאלאדיעץ.

און „געלע זאמד" האט געשמייכלט און זיך געפילט שטאלץ. ארייגעריסן זיך אין יחוס.

אף דער שוועל האט זיך באוויזן מאדאם מאליק, א געזונטע, א הויך באבוזעמטע, מיט א לויטער בלאנקנדיק פּנים און שווארצע גנבה׳שע אויגן, איבער וועלכע ס׳האט זיך ממזר׳יש געשליינגעלט א פארבלאנדזשעטער לאק.

דערזען „געלע זאמד" א פארטראכטן, האט זי אים א שטארך געטאן וואויל יונגעריש מיטן עלנבויגן אין זייט.

— וואס, „געלע זאמד", זיך פארטראכט, ווענן פאראסקען? א געזונטע סטערווא, הא?

„געלע זאמד האט א קרומען שמייכל געטאן.

זי האט א פיר געטאן די האנט צום „מאידאן":

— א גוטער טאג היינט, מ'עט מאכן ווארעניקעס באַ־נאכט. חברה וועלן קומען מיט דער אמת'ער מאטניא — זי האָט זיך א קלאפּ געטאָן מיט דער ווייסער, אויסגעבאַליעטער האנט דאָרט, וואו באַ א מאן געפינט זיך די הויזן־קעשענע.

„געלע זאמד" האט א וואונק געטאָן מיט א שפּיציק אויגל, אפן פלאַץ וואו זי האט א קלאפּ געטאָן:

— קלאפּ ניט יענעמס פּולקעס...

זי האט אויסגעשאָסן א געלעכטער און דער טרעפּיקער גוידער האט געציטערט ווי א „כאָלאָדעץ":

— ווער גע'הרג'עט, ממזר'וק!

ער האט א הויב געטאָן די אקסלען, א מאך געטאָן מיט דער האנט און מיט א שמייכל אוועק אפן „מאַידאַן".

ער האט זיך אריינגעלאָזט אין טומל, פארכאפּט געוואָרן פון רעש און געפילדער, זיך געבלאָנקעט צווישן וועגענער און פויערים, געזוכט און גענישטערט מיט די שפּיציקע אויגן. זיך אָפּגעשטעלט לעבן א קאצאפּסקעביידל, וואו פויערים און פויערטעס זיינען גע־שטאַנען ווי פליגן ארום א שטיקל צוקער, און געזוכט מציאות.

צוגיין האט אים עפּעס דאס הארץ ניט געלאָזט.

ער האט דערזען יאשקען, איינעם פון זיינע גוטע ברידער, א געזונטן ברייט־פּלייציקן יונג מיט פייערדיקע שווארצע אויגן און לאנגע שטעכיקע וואנצעס. ער איז געשטאַנען איבערגעבויגן איבער א קעסטל און מיט טייוועלשע פלינקייט, געארבעט מיט דריי איבערגעקערטע פינגערהוטן; אט איז די שווארצע קייקעלע געלעגן אונטער דעם פינגערהוט און אט אונטער יענעם.

ארום יאשקען זיינען געשטאַנען אין א רעדל פויערים, אלע ווילע אריינגעשטופּט די הענט טיף אין בוזים אריין, און ארויס־געשלעפּט א פּאפּירל. רובל נאך רובל איז פארשוואונדן צו יאשקען אין קעשענע. די פויערים האבן זיך געקראצט אין די פּאטילניצעס און ניט געקענט פארשטיין: אט ליגט דאס שווארצע קייקעלע

אונטערן ערשטן פינגערהוט, מיט די אייגענע אויגן געזען, אליין אויפגעהויבן און געזען. און אז יאשקע גיט א הויב איז דאס גאר אונטערן מיטלסטן.

— וואס פאר א רוח ליגט אין דעם? — האבן די פויערים זיך געקראצט און געשפיגן.

„געלע זאמד" האט זיך צוגעטוליעט צום רעדל פויערים.

דורך די ציין האט זיך בא אים דורכגעריסן:

— צום טייוול, א צוזעצטער טאג בא אים, געמאכט די אמת'ע מאטניא, און איך, נאך קיין פאטשאטאק אפילו.

איינער פון די פויערים, א מגושמ'דיקער מאלדאוואן, האט אריינגערוקט די האנט אין בוזים, דארט גארניט געפונען, איז ער געבליבן מיט דער האנט אינווייניק, א ווײלע געשטאנען פארשטיינערט — ווי אין א חלום די גאנצע לייזונג אוועק — און מיט אמאל זיך געגעבן א האסטיקן ווארף אף יאשקען:

— גיב מיר צוריק מיין געלט! מיין געלט! גוטע מענטשן — האט ער זיך געווענדעט צום ארומיקן עולם — מיין גאנץ געלט אויסגעשווינדעלט — און א וויינענדיקער גענומען שרייען:

— טאלאר, העי טאלאר! (א גנב, א גנב).

יאשקע האט פלינק ארונטערגעלאזט די פינגערהוטן אין קעשענע און זיך גענומען ארויסרוקן פון רעדל. א פויער האט אים א פאק געטאן. ס'האט זיך אויפגעהויבן א טומל. פויערים האבן גענומען לויפן פון אלע זייטן, האבן עפעס געשריען...

„געלע זאמד" האט זיך געגבן א ווארף צווישן די פויערים, זיך געווארפן אף אלע זייטן, געשריען, געטומלט. זיינע פינגער האבן פלינקע געבלאנדזשעט, געטאפט, באזוכט און אף א ווײלע זיך ערגעץ אפגעשטעלט.

דער, בא וועמען „געלע זאמד'ס" האנט האט זיך אפגעשטעלט, האט זיך מיט אמאל אויסגעדרייט און — „געלע זאמד", האט אים א שפיי געטאן גלייך אין פנים און איידער יענער האט אויפגע-

פינטעלט די אויגן, איז שוין „געלע זאמד" געווען אין אנאנדער רעדל.

— זלאָדי, זלאָדי! — אַ באַזשי מאָי!

דער פויער האָט געוויינט און געווישט דאָס שפּייעכץ מיט די טרערן פון די אויגן.

ס'האָט זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן מאַרק.

— זלאָדי, טאַלאַר!

איינער האָט דאָס וואָרט פון צווייטנס מויל אויפגעכאַפּט און עס געוואָרפן ווייטער.

דער גאַנצער מאַרק האָט זיך אַ לאָז געטאָן.

„געלע זאמד" איז געשפּרונגען איבער וועגענער, איבער דישעלעס, חזירים און עופות.

פויערים האָבן צעטומלטע ניט געוואוסט וואוהין צו לויפן.

פערד האָבן געהירזשעט, חזירים האָבן געקוויטשעט, געפליגלטע חברה האָבן געאַרבעט אַף אַלע כלים.

ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל, וואָס האָט פאַרכאַפּט דעם גאַנצן מאַרק און דאָס שטעטל.

דער גאַנצער יאריד האָט זיך אויפגעקנוילט אין איין פאַרפלאָנטערטן קנויל.

הענט האָבן זיך געהויבן, שטיקער האָלץ האָבן געציטערט און געצאַפּלט אין דער לופט און איבער אַלץ איז געשטאַנען דער פאַרפלאָנטעטער טומלדיקער קנויל. ס'איז געוואָרן אַ טומלדיקער קנויל פון מענטשן און געשרייען.

פון ערגעץ האָט זיך אַריינגעריסן פּאָליציי, אַף שלאַנקע, פלינקע, היציקע פערד, זיך אַריינגעשניטן אין קנויל, געשניטן מיט די נאַגאַיקעס רעכטס און לינקס, אַזוי ווי מען האַקט קרויט, און צעטריבן דעם צעווילדעוועטן, פאַרלאָרענעם עולם.

ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ גרויסע באַוועגלאַכע ראָד. אַ ענגע, אַ צוזאַמענגעדריקטע פון שרעק און פאַרצווייפלונג. באַ די ראַנדן

פון ראַד, האָבן זיך געדרייט אומרואיקע היציקע פערד, באַדעקט מיט שוים, געבריט מיט הייסן אָטעם און צוזאַמענגעשפּאַרט די ראָד.

אין מיטן איז געלעגן „געלע זאַמד“, דאָס פּנים פאַרלאָפן, אויפגעבלאָזן מיט שוואַרצע און בלויע צייכנס, די שטרוי־האָר איינגעקלעפּט אין איין קנויל מיט בלוט, שטויב און שטרוי — ער האָט זיך ניט גערירט.

אַזע

אַ טיף־בלויע נאַכט.

הינטערן באַרג פון יענער זייט בריקל, אין עק שטעטל, האָבן זיך צעשפּרייט די ציגיינערשע געצעלטן, פאַרנומען אַ שטיק פון דער פרייער לאָנקע און גרויען זיך מיט זייערע שפּיצן אין דער נאַכט אַריין.

דאָס הייזעריקע געשריי, די שכור׳ע גוואַלדן פון די נאָענטע שענקען זיינען פאַרשוויגן געוואָרן, און די הינט האָבן זיך שוין אויסגעריסן די העלזער בילנדיק אויף די פאַרביישלייבנדיקע, שאָקלענ־דיקע שאָטנס.

אין דער נאָענטער „דיסטיניע״, וואו מ׳מאַכט קעז, פּוטער און ברינזע, האָבן שוין די שאָף פאַרוואָרפן די העלזער און וואַרימען מיט דער וואָל איינע די צווייטע. די לעצטע קלאַנגען פון דער וואַלכעשער פאַרנאַלע האָבן זיך שוין פאַרלאָרן ערגעץ־וואו אין וואַלד, און די פאַסטוכער האָבן שוין פאַרלאָשן די לעצטע האַלע־וועשקעס, וואו עס האָט זיך פריער געקאָכט די געלע מאַמעליגע אין שוואַרצן אָנגעברענטן קעסל.

די פרויען און קינדער, מיד פון רייסן זיך בײַ די האָר, מיט אויסגעריסענע גאָרגלען פון אַרומקריגן זיך, שלאָפן איצט ווי געה׳רג׳טע.

זיצט די גאַנצע באַנדע אַרום פייער. פריער האָט דאָס פייער געוואָרפן, ווי אַ דזשאָנגלער, רויט־בלווילאַכע סטיינגעס, שלענגלדיקע רעגנבויגנס, ליידנשאַפטלאַך געלעקט און געברענט די נאַכט. איצט, אויסגעמאַטערט און דערשעפּט ברענט דאָס פייער, ווי אַן אויסגע־לאָשן אויג, און קען אפילו ניט אָנוואַרימען, ניט אָנרויטלען די ברוינע פּנים׳ער, וואָס ליגן ווי הינטישע מאָרדעס אויף האַריקע לאַפּעס.

זיצן די ציגיינער, ווער מיט די פיס הינטער זיך, ווער ס'ליגט אף א זייט, ווער מיט'ן פנים ארויף, און קוקן אין דער הויכער בלויקייט אריין.

וואס זעט א פרייער ציגיינער, ווען ער קוקט אין דער הויכער בלויקייט אריין?

דאס זעלבע וואס איר, ווען איר קוקט א צייט אף א פינטל פון דער סטעליע...

די נאכט האט מיט איר געדיכטער בלויקייט זיך אריינגע־כאפט צו יעדן אין מויל — קען קיינער מיט דער צונג ניט רירן.

זיינען אלע געזעסן מיט איינגעהאלטענעם אטעם, אנגעשטרענגט דאס געהער און זיך צוגעהערט:

וואס דערציילט די טיף־בלויע נאכט?

די טיף־בלויע נאכט שווייגט.

זיינען אלע געזעסן פארטראכט און זיך צוגעהערט צו יעדן שארך.

איינער האט זיך איבערגעדרייט אף דער צווייטער זייט, ארויס־גענומען די ליולקע פון מויל, אריינגעשפיגן אין די גוסס'דיקע הא־לאוועשקעס און א זאג געטאן פאר זיך:

— עס נעמט צו לאנג.

— די טייוולשע הינט זאלן כאטש ניט דערשמעקן.

— ביל וועט זיך שוין אן עצה געבן, — האט איינער א מאך געטאן מיט דער האנט. — ס'איז א נייעס בא אים?

— ווען מארגן וועט דער פריץ דערזען, אז זיין בעסט פאר פערד פעלן, וועט ער קריגן די כאלעריע.

— זאל ער.

— עפעס שרעקט מיר דאס הארץ, — האט אן אלטער ציגיינער מיט א ליולקע אין מויל א זאג געטאן.

— פארלייג דארט מיטן קאפ, דו אלטער פערד.

— מאך צו דעם פיסק.

אלע האבן געקוקט צום וואלד־צו.

עס האָט זיך דערהערט אַ וואָיען פון אַ הונט, באַלד אַ קנאַל, און אַלץ איז שטיל געוואָרן.

— איך בין געווען גערעכט, — האָט דער אַלטער זיך אָפּגערופן.

— כאַפּסט אין פּרעסער אַריין.

שטיל.

ס'האָט זיך דערהערט אַ ברעכן פון צווייגן.

אַלע האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן און מיט די פּיס פאַרטאָפּטשעט דאָס לעצטע ביסל פייער.

אַ פאַרדומפּט קול:

— העי, העי, העי!

חברה זיינען נאָכגעגאַנגען נאָכן קול נאָך. זיי האָבן באַגעגנט די חברים שלעפּנדיק אַ לאַנגע שוואַרצע זאַך.

— וואָס איז דאָס?

— ס'איז ביל. געכאַפּט אַ קויל אין דער לינקער זייט. ער גייט אָפּ מיט בלוט.

מ'האָט אים צוגעטראָגן צום פּלאַץ, וואָס איז געווען אָנגע־וואַרימט פון פריערדיקן פייער.

פונם טומל האָבן זיך אויפגעכאַפּט די ווייבער מיט די קינדער און זיינען זיך צענויפגעלאָפן.

פלינק, ווי אַ שניט פון אַ מעסער, האָט אַ יונגע ציגיינערקע דורכגעשניטן די באַנדע און זיך אַ וואָרף געטאָן צו בילן.

ביל האָט שוואַך אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ.

— אזע, אזע!

זי האָט זיך איינגעגעסן אין זיינע ליפּן, זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ קוויטש און איז צוריקגעפאַלן אויף אים.

אזע איז געווען דאָס שענסטע מיידל פון אַלע ארומיגע שבטים, וואָס האָבן ארומגעוואַנדערט אין יענעם געגנט.

אירע שווארצע גלאַנציקע האָר, די לעבעדיקע אויגן, איר שטאָל־צער שטעל האָבן צוגעצויגן דעם שיינעם, העלדישן ביל, און פאַר זיינעם אַ דריי מיט די אויגן און אַ וואָרף מיט דער קוטשמע שוואַר־צע האָר, אַ וויג טוענדיק דערביי מיטן גרויסן אויריינגל אַפן לינקל אויער, איז זי געוועזן גרייט איר לעבן אָפּצוגעבן.

איינגיכן האָבן זיי באַדאַרפט פּראַוועון די חתונה. מ'האָט שוין איינגעלאַדן פיל אַרומיקע שבטים, און איצט — — —

— אַך, ביל, מיין ביל!

מ'האָט פאַר איר פאַרלייקנט, אַז ער גייט היינטיקע נאַכט אָפּטשעפּען דעם פּריץ'ס פערד. זי וואָלט ניט דערלאָזט.

— אַ, ביל־ל!

פון איר יאָמערדיקן געוויין האָט אויפגעציטערט די באַנדע צוזאַמען מיט דער נאַכט.

— ווי אַזוי איז דאָס געשען?

האָט איינער פון די, וואָס זיינען געגאַנגען מיט ביל'ן צום פּריץ, דערציילט:

— ביל איז דער ערשטער אַריבער דעם הויכן פּלויט און זיך געלאָזט צום שטאַל. אַ פערד האָט אַ הירזשע געטאָן. ס'האָט זיך דערהערט דאָס האַוועקן פון הינט. איך גיב אַ קוק, ביל איז צוריק אויפן פּלויט. מיט אַמאָל אַ קנאַק. אַ געשריי, און ביל איז אַראָפּ געפאַלן לעבן אונז.

— ווער האָט געשאָסן? — האָט זי, איינהאַלטנדיק די טרערן, געפרעגט.

— ווער ווייס?

מ'האָט אַנגעצונדן אַ פייער, ביל איז געלעגן און געפיבערט. אַזע האָט ניט אויפגעהערט קלאָגן.

איינמיטן נאַכט איז ביל פאַרגליווערט געוואָרן, קוקנדיק אַף אַזע'ן — — —

אזע האט ווידער געוואלט צעטרייסלען די נאכט מיט א הילכיקן קוויטש, האט אבער איינגעהאלטן דעם גאנצן שטראם און פארביסן די ליפן. — — — — — — — — — — — —

אז אזע האט באם ערשטן ראזן־שיין אפן האריזאנט זיך געגעבן א צי אויס און באפוילן ווייטער וואנדערן, האבן אלע געזען אין אירע אויגן, אין איר שטעל, אז זי איז איצט די הערשערין. האט מען צונויפגענומען די ביידלאך, און מער ווי א פאר טויטע האלא־ וועשקעס איז שוין אף דער לאנקע ניט געבליבן. — — — — — — —

איז זיך אוועק דער זומער, א ווינטער, און ס'איז געקומען א נייער זומער.

א זומער, א ווינטער און א זומער געדויערט ניט לאנג. פאר יענעם אבער, וואס טראגט האס בא זיך אין הארצן, געדויערט עס לאנג. האט זיך דער האס אין אזע'ס הארץ אויסגעווארימט און געוואקסן.

אזע'ס באנדע איז געווען די ערשטע ציגיינער־שוואלב יענעם זומער. זיי האבן זיך צעלאזט איבערן שטעטל: די מענער מיט קופערנע כלים, און די פרויען מיט קארטן און שפיגעלאך אין די הענט.

דאס גאנצע שטעטל איז פול געווארן מיט זיי. מאמעס האבן געהיט די קינדער, קרעמער האבן געהיט די קלייטן, און די פריי־ קאזטשיקעס האבן געהאט פון וואס צו טרייבן שפאס.

— ציגיינער, וויפיל ווילסטו פאר דעם קופערנעם בעקן ?

— א כאפ געטאן דעם בעקן און — קלייט־איין קלייט־אויס.

אז מ'איז שוין מיד געווארן לויפנדיק, האט מען אים צוריק־ געגעבן דעם בעקן מיט א זעץ פון הינטן און א באגלייטונג:

— א באנדע גנבים.

אזע האט זיך אנגעטאן אין די פארביקסטע קליידער, חנ'עוודיק פארווארפן דעם שאל אף די אקסלען, און וואס מער איינגעצויגן די טאליע, האט זי אויסגעזען שלאנק און חנ'עוודיק. זי איז אוועק צום פריץ'ס הויף.

צוגעקומען צום טויער, האט זי דער וועכטער ניט אריינגעלאזט.

— דו זוך ניט בעסער, ציגיינערטע, אונזער פריץ וועט דיך דערשיסן ווי א הונט. פאראיארן האט ער דערשאסן איינעם אן אייעריקן.

בא אזע׳ן האט אויפגעקאכט דאס בלוט.

זי האט גענומען בעטן בא אים, ער זאל זי אריינלאזן אין הויף. זי וויל פארדינען עטלאכע קאפיקעס.

גייט פארביי דער פריץ און דערזעט זי. אזע האט זיך חנ׳עוו־דיק געגעבן א דריי, א דריי געטאן מיט די אויגן און א בויג טוענדיק זיך גראציעז, א ווייז־געטאן די ווייסע שארפע ציין.

דער פריץ האט שיר איינגענומען א מיתה. די אויגן האבן אויפגעגלאנצט מיט פעטקייט:

— העי, פויערשע קאפ, לאז זי דארטן אריין.

ער האט זיך דערנענטערט צום טירל.

— קום, ציגיינערקע, וועסטו מיר וואראזשען.

— יא, פריץ.

זי איז אים נאכגעגאנגען.

דער וועכטער, א בעסאראביער פויער, האט ארויפגערוקט די פוטערנע קוטשמע, וואס ער האט געטראגן ווינטער און זומער, הויך אפן קאפ, זיך אנגעהויבן קראצן, איז געבליבן שטיין מיט דער האנט איינגעגראבן אין די האר און זיי ביידן נאכגעקוקט.

ווער ווייס וואס דאס פויערשע קעפל, אנגעשטאפט מיט מאַ־מעליגע און ברינזע, האט דעמאלט געטראכט?

זיי זיינען צו צום גאניק. דער פריץ האט זיך אוועקגעזעצט און איר אויסגעשטרעקט א ברייטע, מיט בלוט אנגעגאסענע האנט.

— נא, וואראזשע, נאר דעם אמת.

אזע האט זיך צוגערוקט נאענט צו אים, זיך אנגעשפארט מיט אירע הענט אף זיינע קני און באטראכט די שטריכן פון זיינע הענט.

דער פּריץ האָט דערפילט'אַ וואַרימקייט. דאָס בלוט אין אים האָט גענומען קאָכן.

אַזע האָט זיך אַלץ נעענטער געדרוקט מיט אירע קני צו זיינע, די נאָזלעכער האָבן זיך צעשפּאַרט פון הייסן אָטעם.

ער האָט זי ציטערנדיק אַ כאַפּ געטאָן פאַר די הענט.

— איך וועל באַצאָלן, איך האָב גענוג געלט, ציגיינערקע.

זי האָט אים שמייכלענדיק אַריינגעקוקט אין די אויגן.

— ניט איצט, ניט איצט, ניט דאָ.

— וואו דען? — האָט דער פּריץ געציטערט פון אויפרעגונג.

— באַ מיר, דאָרטן, אין מיין ביידל.

אַזע האָט אים אַריינגעשושקעט אין פּנים, אַז באַנאַכט, ווען אַלע ציגיינער וועלן שלאָפן, זאָל ער קומען צו איר אין געצעלט.

* * *

באַנאַכט, ווען אַלע ביידלאַך זיינען שטיל געוואָרן און די גאַנצע לאַנקע איז איינגעשלאָפן צופוסנס פון באַרג האָט זיך אַזע'ס ביידל געעפנט און דער פּריץ איז אַריינגעקומען.

אין ביידל האָט געברענט אַ ליכטל און געדרויטלט אַזע'ס פּנים, וואָס איז געווען איינגעראַמט אין אַ ים צעוואָרפענע האָר.

אַזע האָט זיך דערפרייט, אים געבעטן זיצן און לאַסטשענדיק זיך געדרייט אַרום אים.

זי איז געלעגן אויף אַ געלעגער פון קאָלירטע קושענס. די האָר האָבן זיך צעשלענגעלט, און ס'האָט זיך געדוכט, אַז זי איז פאַר־שוואומען אין אַ ים פון ליידנשאַפט.

אין אַזע'ן האָט זיך צעקאָכט דאָס ציגיינערשע בלוט, גענומען ברויזן. זי האָט געציטערט פון אויפרעגונג. די פלאַמיקע בלוט־צונגען האָבן זיך געריסן דורך די אָדערן, און די פינגער־שפּיצן האָבן זיך געצאַפּלט, ווי עלעקטרישע נאָדלען.

זי איז געבליבן ליגן אַ פאַר'חלש'טע, איין האַנט פאַרוואָרפן אונטערן קאָפּ. — — —

מיט אמאָל האָט זי זיך געגעבן אַ וואָרף צום פּריץ. די שלאַנ־גישע הענט האָבן גענומען זשיפּען אַף זיין רוקן... ער האָט דער־פילט אַ קליין שלענגעלע אַ ווארימס, אַ קלעפּיקס גליטשט זיך אַרונטער פון זיין רוקן.

ער האָט געגעבן אַ שפּרונג־אויף.

— דו ציגיינערשער הונט, האָסט מיך דערשטאָכן.

די אויגן זיינען אים אַרויס פון די לעבער.

אזע האָט געגעבן אַ שפּרונג־אָפּ צוריק, אויסגעשאָסן אַ געלעכ־טער. זי איז צו צום אַרויסגאַנג, אויפגעריסן דאָס ביידל:

— זעסט פּריץ?

פון וויטן איבער וואַלד, וואו דעם פּריץ'ס הויף האָט זיך געפונען, האָבן זיך געהויבן רויטע פייערדיקע צונגען און זיך גע־ריסן אין הימל אַריין.

קיין אַמעריקא

שבת פאַרנאַכט. דאָס ליכטיקייט פון זומער טאָג האָט זיך שוין גענומען טונקלען. האָט שוין די קליינשטעטלדיקע, שבת'דיקע רו גענומען ציטערן, געצאַפּלט זיך, ווי אַ גוסס, וואָס דערפילט אַז דער סוף קומט שוין, שטייט שוין צוקאָפּנס און דאָס פּאַטאַלע איז אומ-פאַרמיידלאַך.

גרויער שטויב האָט זיך געהויבן פון די וועגן.

פון ווייטע גאַסן האָט זיך געהערט דאָס אָפּהילכן פון רעדער אף שטיינערנע ברוקן, ווי פאַרטויבטע דונערן פון ווייטע וועלטן —

די וואָך האָט זיך גענומען אַריינרייסן —

אידן האָבן עס דערפילט מיט ציטער אין די הערצער.

שבת קודש גייט אוועק...

שרה די שוחט'קע איז געזעסן אַפן גאַניק פאַר איר הויז צו-זאַמען מיט אירע טעכטער און איר איינציקן זון ישראל. אַלע זיינען געזעסן אין שטילן שוויגן.

שרה איז געזעסן מיט ווייט אָפענע אויגן, דאָס פּנים פאַרצויגן מיט אַן איידעלן שטילן טרויער און מיט יעדן שפּאַן פון דער אָנ-קומענדיקער וואָך איז איר האַרץ געוואָרן אומרואיקער. זי האָט געוואָלט אַז דער שבת זאָל זיך ציען וואָס לייגנער. זאָל זיך אוועק-ציען ערגיץ אין דער אייביקייט אַריין. זי האָט זיך געשראָקן פאַר דעם וואָס דאַרף היינט נאַכט פּאַסירן.

אויך די טעכטער זיינען געזעסן טרויעריקע און געטראַכט און זיך געשראָקן פאַר דער אָנקומענדיקער נאַכט.

נאָר, ישראל, ער האָט ניט געוואָלט טראַכטן פון דעם, אוועק-געטריבן פון זיך די געדאַנקען. עס האָט אים אַוועקגעטראָגן אַהין, ערגיץ ווייט און זיינע אויגן האָבן געזען די נייע וועלט, דאָס נייע

לעבן, ווי אזוי ער האָט עס געוואָלט זען. ווייל קיין באַגריף פון דער נייער וועלט האָט ער ניט געהאַט.

ישראל האָט זיך מיט אַמאָל פאַרקוקט אַפן הימל אומגעבלאָנ־דזשעט מיט די אויגן און אינסטינקטיוו אַ זאָג געטאָן:

— מאַמע, אַ שטערן!

שרה די שוחט׳קע האָט זיך אויפגעכאַפּט, אַריינגעגאַנגען אין הויז אַריין און זיך אַוועקגעזעצט אַף דער סאָפקע.

זי האָט פרום פאַרגלאָצט די אויגן, אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט אין דער וואַנט און אין שטילן אַנקומען פון וואָר האָט זי מיט מורמלענדיקע ליפּן געבעטן:

— „אוי גאָט פון אברהם פון יצחק און פון יעקב, באַהיט דיין ליב פאָלק ישראל — — —"

און געענדיקט האָט זי מיט אַ געבעט צום פרומען, טויטן מאַן, אַז ער זאָל זיך דאָרטן מיען פאַר איר איין־און־איינציקן ישראל און אים אָפּהיטן אַף זיין וויטן, לאַנגן וועג, איבער שבעה ימים.

מיט פאַרוויינטע אויגן איז זי געבליבן זיצן ווי פאַרשטיינערט אין דער געדיכטער פינסטערניש.

אין דער פינסטערניש האָט זיך דערהערט דעם איידימס קול:

— שוויגער, קומט אַריין הערן הבדלה!

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ שווערן חלום.

באַם איידים אין הויז, איבערן קאָרידאָר, האָט שוין געברענט דער גרויסער בליי־לאָמפּ. דאָס ליכטיקייט איז אַדורך די פענסטער און פאַרטריבן שטיקער נאַכט.

אַלע האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום גרויסן טיש, ווער עס איז געזעסן און ווער געשטאַנען. די אייניקלאַך האָבן זיך געשטעלט אַרום דעם האַלבן טיש וואו דאָס טישטוך איז געווען אויפגעדעקט.

דער איידים האָט אַרויסגענומען פון אַ שאַפקע, דאָס שיין־געשניצטע בשמים־פּושקאַלע וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ טורם מיט אַ שפּיץ פון אויבן און אַפן שפּיץ אַ פענדעל.

שרה די שוחט'קע האט געקוקט אפן איידים ווי ער גרייט זיך צו צו דער הבדלה מיט הייליקער פרומקייט. ווי ער דרייט דאס בשמים־פושקאלע, ווי ער קוקט ארום די דיקע געפלאכטענע הבדלה.

באטראכט דאס אלעס, זיך אפגעשטעלט אף דער גרויסער שאפע ספרים וועלכע איז געווען אנגעפאקט מיטן גרויסן לעדערנעם ש"ס, מוסר ספרים און אנדערע הייליקע ספרים.

זי האט זיך דערמאנט ווי די זעלבע שאפע ספרים איז גע־שטאנען בא איר. ווי איר מאן, ברוך, פלעגט צוגיין, עפענען די שאפע, ארויסנעמען א שווערן ספר, מיט דער טערקישער פאטשיילע ארומווישן דעם שטויב און אז ער האט זיך אוועקגעזעצט באם טיש, פלעגט זיך א זיסער נגון ארויסזינגען פון זיין מויל, און דער נגון האט זיך ווי א גוטער וויין צעגאסן איבער אלע חדרים און זיך אריינגעגאסן צו איר אין הארץ.

און דאס בשמים־פושקאלע דאס איז דאך אויך איר ברוך'ס, פונם סאדיגערער רבין'ס מטבעות האט ער עס אויסגעגאסן. היינט זיין הבדלה! ארום זיצן אן עולם חסידים, אייגענע מענשן בני בית, פון שלוש סעודות נאך פארבליבן. און אז ברוך נעמט מאכן הבדלה שטעלן זיך אלע אויף און איינער הויבט זיך איבערן אנדערן, און אז דאס בלוי־גרינע הבדלה פלעמל קנאקט און לעשט זיך אין אויסגעגאסענעם וויין אפן נאקעטן טיש, נעצן אלע די פינגער און לייגן אין די קעשענעס און ברכות פאלן פון אלע זייטן.

און מיט וואס פאר א ברייטקייט זי פלעגט עס דערנאך אריינ־טראגן דעם זודיקן סאמאוואר און מיט רחבות אוועקשטעלן אפן גרויסן טיש.

עס גיט איר א ריס אין הארצן. זי האט אנדערש גערינקט, זי איז געווען זיכער אז איר ישראל וועט זיך אויסלערנען שחיטה, וועט איבערנעמען דעם טאטנס חזקה.

און די ספרים וועלכע זיינען געלערנט געווארן פון טאטן וועלן פון ישראל'ן געלערנט ווערן.

דעם טאטנס נגון וועט זיך ווייטער ציען.

ישראל האָט אָבער ניט געוואָלט. הייגטיקע קינדער ווילן ניט טראָגן קיין עול אַף זיך.

און דער איידים האָט אַלעם איבערגענומען; די חזקה, די ספרים און דאָס בשמים פושקאַלע.

זי האָט אָבער מורא אַז זי זינדיקט קעגן גאָט, זאָגט זי קוים באַוועגנדיק מיט די ליפּן:

— אַ דאַנק דיר, גאָטעניו, דערפאַר — און קוקנדיק אַפן איידים

— ער איז דאָך אויך מיין קינד!

דער איידים האָט געענדיקט די הבדלה. בשמים־ריח האָט פאַרשמעקט דאָס הויז און הבדלה פלעמלאַך האָבן געקנאַקט און זיך געלאָשן אינם אויסגעגאָסענעם ווײַן אַפן טיש.

— אַ גוטע וואָך!

— אַ מזל׳דיקע וואָך!

דער שבת איז פאַרשוואונדן.

דער איידים האָט זיך גענומען אומדרייען איבערן צימער זינ־גענדיק אונטער דער נאָז „ויתן לך".

שרה מיט די קינדער זיינען אריין צוריק צו זיך אין שטוב. מען האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ.

אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ רענצל איינגעצויגן פעסט מיט שטריק און פון אויבן איז געלעגן אַ פּאָר קלענערע פעקלאַך.

באַ שרה׳ן האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן אין האַרצן. מיט אַמאָל האָט זיך עס געגעבן אַ קנויל אַרויף און איר גענומען וואָרגן אין האַלז. עס האָבן זיך איר אַ גאָס געטאָן די טרערן פון די אויגן און געבריט די באַקן.

זי האָט מיט די עקן פון קאָפּ־טיכל שנעל אויסגעווישט די טרערן און זיך געשטאַרקט איינצוהאַלטן דעם שטראָם וואָס האָט זיך געריסן פון די אַלטע אויגן.

ישראל האָט זיך גערדרייט אַן אומרואיקער, געוואָלט עפּעס זאָגן און ניט געוואוסט וואָס. אין הויז האָט אַרומגעשוועבט אַ שטילער טרויער וואָס האָט יעדן ענג געמאַכט אין האַלז — נאָר אַלע האָבן

געהאַלטן פאַרשלאָסן די מיילער. אַלע האָבן געפילט, אַז וואָס מען זאָל דאָ ניט זאָגן וועט עס זיין פרעמד און ווייט און וועט קיינעם ניט טרייסטן.

מיט וואָס קען מען טרייסטן די אַלטע מאַמע, וועמעס איינציקער זון פאָרט אוועק ערגעץ אין אַמעריקאַ? —

און די קינדער — שטענדיק זיך ארומגעריסן, אַרומגעקריגט, יעדן האָט פאַרדראָסן וואָס די גאַנצע ליבע פון דער מאַמען גייט אוועק צו אים, צו ישראל׳ן. איצט איז ער געוואָרן אַזוי אייגן און ס׳האָט זיך געדוכט, אַז מיט זיין אוועקפאָרן, גייט אוועק אַ טייל פון זייער אייגענעם איך.

— מאַמע הער אויף! — און צו די שוועסטער האָט ער זיך גענעבן אַ דריי אוים:

— איך וועל משוגע ווערן. וואָס טרויערט איר? איך בין נאָך ניט געשטאָרבן. און באַלד האָט ער געזאָגט מיט אַ ווייכע שטימע:

— ס׳איז דאָך ניט אַזוי געפערלאַך. איך בין דאָך ניט דער איינציקער. איך וועל נאָך צוריקקומען, מען וועט זיך נאָך זען. אַמעריקע איז היינט נעענטער ווי אַמאָל.

און ער אַליין האָט זיך קוים איינגעהאַלטן ער זאָל זיך ניט צעוויינען.

* * *

אפן וואקזאַל וואַרטנדיק פאַר דער באַן האָט שרה די אויגן פון אים ניט אַראָפּגענומען, האָט אים געוואָלט אין גאַנצן איינזאַפּן אין זיך.

עס האָט זיך דערהערט דער ערשטער קלונג. שרה האָט זיך גענעבן אַ וואָרף צו ישראל׳ן. איז מיט אַמאָל אויסגעוואַקסן דער אַגענט, וועלכער האָט אים געדאַרפט אַריבער שמוגלען די גרעניץ.

— שרה מען טאָר ניט וויינען. דאָ דרייען זיך אַרום „סיש־טשיקעס“. מען וועט אים פאַרדעכטיקן.

האָט זי אים מיט פאַרביסענע ליפּן פעסט צוגעדריקט צו זיך און אים ניט אָפּגעלאָזט.

ערשט ווען די באַן איז ווי אַ רויב פויגל וואָס כאַפּט אַוועק דאָס עופה׳לע באַ אַ מוטער, פאַרשוואונדען אין דער פינסטערניש, און איינער האָט שוין דעם צווייטן פון אויג פאַרלוירן — האָט זיך באַ שרה׳ן געעפנט דער קוואַל פון טרערן —

ווי דורך פאַרנעבלטע שויבן האָט זי געקוקט אויפן קליינעם פּינטאַלע וואָס האָט אַוועקגעטראָגן איר ישראל׳ן.

די „קליינע" משפּחה

די גאַס איז געלעגן כמעט אַף דער שוועל פון שטאָדט. פון ביידע זייטן האָבן זיך געצויגן בעל הבית'ישע הייזער: אייניקע גאָר־גאָר רייכע, מיט נגיד'ישן שטאָלץ, אַנדערע וואָס האָבן נאָר געזוכט אויפצוהאַלטן דעם נגיד'ישן שטאָלץ פאַר דער וועלט. פאַר אַלע הייזער — קליינע גערטנערלאַך, און איבער דער גאַנצער לענג פון גאַס, אַף ביידע זייטן, האָבן זיך ווי צוויי רייעס גלייך־אויס־געשטעלטע סאָלדאַטן, געצויגן שלאַנקע הויכע בוימער, גדלות'דיק פאַררייסן די קעפּ צום הימל — גאָר ניט אידישלאַך.

אַ גאַנצן טאָג איז מען געווען פאַרנומען אַף דער בערזשע, וואו מען האָט זיך אַרומגעדרייט מיט די שטעקלאַך און געפירט מסחרים אָדער באַם וואָקזאַל, וואו מען האָט געלאָדן וואַגאַנען מיט תבואה, אָדער גאָר אין די קאַנטאָרן.

פאַרנאַכט איז מען אַהיימגעקומען, אָפּגעוואַשן דעם שטויב פון זיך, אַריינגעכאַפּט זיך אין נאָענטן בית־מדרש, וואָס אַ קינדער־לאָזער בעל־הבית פון דער גאַס האָט אויפגעבויט, אַריינגעכאַפּט אַ מנחה־מעריב, דערנאָך אַ שמועס און מיט פאַמעלאַכדיקע טריט, האָט מען גייענדיק אַהיים פאַרענדיקט.

פרייטיק פאַרנאַכט האָט זיך די נשמה פון דער גאַס געביטן, די אויפבליצענדיקע ליכט, האָבן דאָס לעצט ביסל וואָכעדיקייט פאַרטריבן. און ס'האָט זיך געפילט דער אָטעם פון הייליקן שבת.

האָבן זיך באַוויזן, שיינע, הויכע אידן מיט בעסאַראַבישע ברייטע פּלייצעס, רחבות'דיקע בערד און פרומע פּנים'ער מיט שבת'דיקן גלאַנץ.

אַף די גאַניקעס און דורך די פענסטער, האָבן פרומע פרויען מיט זיידענע טיכלאַך נאָכגעקוקט די שיינע אידן און זיי מקנא

געוועז, וואָס נאָר זיי האָבן זוכה געוועזן צו מקיים זיין אַלע תרי״ג מצות.

שבת נאָכן עסן האָט מ׳זז זיך צוגעלעגט שלאָפן. פאַרנאַכט האָט מען זיך אויסגעזעצט אַף די גאַניקעס, געטרונקען טיי, און איין גאַניק האָט זיך דורכגעשמועסט מיטן צווייטן. אַמאָל האָט זיך אַ דריטער אַריינגעמישט.

און אַז ס׳זיינען פאַרשוואונדן די לעצטע טריט פון הייליקן שבת און די וואָך האָט גענומען אַריינדרינגען איז מען פאַרשטומט געוואָרן ווי בא אַ קבר ווען מען לייגט אַרויף די לעצטע לאָפּאַטע ערד, ביז אַ שטערן האָט זיך באַוויזן.

אַזוי האָט זיך זיי געלעבט גאָט׳ס קליין וועלטל.

ניט ווייט פון גאָס הינטערן שטעדטל, האָט זיך צעלייגט אַ ציגל פאַבריק און אַרום האָט זיך געצויגן אַ פרייע לאָנקע, וואו די פּאַסטוכער פלעגן אומבלאָנקען מיט זייערע טשערעדעס און שפּילן אַף זייערע פּייפלאַך.

אין אַ שיינעם זומערדיקן טאָג זיינען אַ מחנה אַרבעטער אַרונטערגעקומען, מען האָט געמאָסטן און געצייכנט און אַף מאָרגן האָט מען אָנגעהויבן גראָבן — דאָס ערשטע האָט זיך די דוואָ־ריאַנסקאַ גאָס דערוואוסט פון דער נייעס.

שבת נאָכן עסן האָט מען זיך שוין ניט געלייגט שלאָפן. מיט געמאָסטענע טריט האָט מען זיך אוועקגעלאָזט אהין, זיך געדרייט אַרום פּלאַץ, געזען ווי עס וואַקסט אַ ריזיקע מויער פון רויטע ציגל און אַלע האָבן זיך גע׳חקרנ׳ט און געוואָלט טרעפן וואָס מען בויעט.

מען ווייס ניט ווער דער ערשטער איז געוועזן, אָבער, אַלע האָבן שוין געוואוסט אַז ס׳בויעט זיך אַ ביער־ברויעריי.

אַז דאָס בויען איז שוין געווען פאַרטיק, און אין גרויסן הויף האָבן זיך געהויבן איינע איבער די אַנדערע גלייכע שורות מיט פעסלאַך פון ביער און קעסטלאַך מיט ביער־פלעשער איינס אַף ס׳אַנדערע, האָט זיך אין דער דוואַריאַנסקאַ גאָס באַוויזן די „קליינע״ משפּחה.

אין מיטן ווייך האָט מען נאָך באַמערקט אַז אין גאַס האָט זיך באַוויזן עפּעס אַ קליין מענטשעלע, וואָס גרייכט קוים ביז די שטאַכעטן פון די גערטנער פאַר די הייזער.

פרייטיק פאַרנאַכט, ווען די הויכע בעסאַראַבער אידן מיט די ברייטע פּלייצעס האָבן זיך פון די הייזער אַרויסגעזעצט אין בית־מדרש אַריין, איז פון איינע פון די הייזער אַרויס אַ קליין מענטשעלע מיט אַ שיינע ברייטע באָרד, נאָך אים זיינען נאָכגעגאַנגען צוויי מיט קלענערע שוואַרצע בערדלאַך, און דריי געגאָלטע יונגעלייטלאַך, אָבער אַלע אין דערזעלבער גרויס.

שבת אין דער פרי, ווען די פרויען גייען אויך אין שול אַריין, זיינען שוין מיטן עלטערן, מיט דער גרויסער באָרד, נאָכגעגאַנגען אַ קליינענקע אַלטע פרוי מיט אַ זיידן טיכל און דריי יונגע מיט פּאַריקן, אַלע פון דער זעלבער גרויס.

די גאַנצע גאַס האָט פאַרוואונדערט מיט ווייט־אָפענע אויגן נאָכגעקוקט די קליינע מענטשעלאַך.

לאַנג האָט מען זיך ניט געוואונדערט.

מען איז באַלד געוואָר געוואָרן, אַז דאָס איז איין משפחה מיט זין אײדעמס און שניר. און אַלע אַרבעטן אין דער ביער־ברויעריי. דער פאָטער איז דאָרט אַן אויפזעער און די קינדער אַרבעטן דאָרט אין קאָנטאָר.

שטילע בעלי־הבית׳שע מענטשן, האָבן זיי באַלד פאַנומען אַ חשוב׳ן פּלאַץ אין דער גאַס און דער עולם האָט זיך צוגעוואוינט צו זיי.

יערן שבת אין דער פרי האָט די גאַס ליב געהאַט נאָכצוקוקן ווי די „קליינע" משפחה, איינע נאָך דער אַנדערע גייען אין שול אַריין.

די גרויסע בעסאַראַבער גאַס האָט ליב געקראָגן די פרעמדע קליינע מענטשעלאַך.

האָט מען זיך באַלד דערוואוסט אַז אין דער משפחה איז נאָך דאָ אַ מיידל, וואָס שטייט אין שידוכים.

און די גאַס האָט געשפּאַנט געוואַרט אַפן שידוך, ס'האָט יעדער באַ זיך אין האַרצן געהאַט אַ פאַרלאַנג, אַז די „קליינע" משפחה זאָל ניט צעשטערט ווערן. ס'זאָל זיך ניט אַריינכאַפּן אַהין — אַ „גרעסערער" איידעם.

אַוועק אַזוי אַ שטיקל צייט.

די טאָכטער מיטן פאָטער זיינען אַף אַ שבת אַוועקגעפאָרן. גערעדט האָט מען, אַז זי איז געפאָרן אָנקוקן אַ חתן.

דער פאָטער איז נאָך שבת צוריקגעקומען אַליין.

איז אַוועק עטלאַכע וואָכן, מען האָט שוין אויפגעהערט צו רעדן וועגן איר.

מיט אַמאָל, זי איז דאָ צוריק אין דער היים, און פון איין גאַניק צום צווייטן טראָגט זיך די בשורה:

— שבת פירט מען דעם חתן אין שול אַריין.

די גאַנצע גאַס, האָט מיט אינערלאַכן ציטער געוואַרט אַף שבת אין דער פרי, נאָענטע שכנים, האָבן זיך געפּרוואווט אַריינכאַפּן צו דער קליינע משפחה עפּעס לייען, געמיינט אפשר וועט מען עפּעס דערהגיין, כאַפּן אַ בליק.

דעם שבת איז די גאַס אויפגעשטאַנען פריער ווי אַלע שבת, קעפּ האָבן זיך געשפּאַרט דורך די פענסטער, הערצער האָבן גע־קלאַפּט מיט דערוואַרטונג מיט האָפענונג. —

אָט גייט מען שוין אין שול אַריין. די אויגן זיינע אָנגע־שטרענגט צום הויז וואו עס וואוינט די „קליינע" משפחה.

עס ווייזט זיך דאָס ערשטע, דאָס קליינע מענטשעלע מיט דער גרויסער ברייטער באָרד, די קליינע אידענע מיטן טיכל, די דער איידעם, די שניר, די דריי זין און — דער חתן.

אַלעמען איז לייכטער געוואָרן אַפן האַרצן.

די „קליינע" משפחה איז ניט „גרעסער" געוואָרן.

אברהם שוסטער׳ס הויז

דאָס פאַרפרוירענע שטעדטל האָט זיך צעוואָרימט פון דער פרילינגדיקער זון. די פאַרפרוירענע קרישטאָלענע צעפּלאָד, וועלכע האָבן אַרונטערגעהאַנגען פון די דעכער ווי פראַנזן פון אַ שאַל, האָבן זיך צעשמאָלצן ווי ליכט. פון די פאַרפרוירענע גליטשן וואו קינדער האָבן אַ גאַנצן ווינטער אַרומגעהוליעט, זיינען טייכן געוואָרן. שטייט דאָס שטעדטל אין וואַסער און בלאָטע פאַרשטעקט ביז האַלב, נאָר די אויבערשטע העלפט שיינט אַזוי, בליענדיק קעגן ליכטיקן, בלויען הימל.

אין אַ זייט, כמעט באַם עק שטעדטל, ליגט די שוסטערשע גאַס, דאָ זיינען די הייזלאַך נידעריקער ווי אין די אַנדערע גאַסן. די מערסטע דעכער זיינען אָנשטאָט מיט שינדלען, געדעקט מיט שטרוי, די פענסטער זיינען קליינע און פון פאָרנט ציט זיך אַ פריזבע, וועלכע ווערט זומער אויסגעשמירט מיט פרישער ליים און שבת נאָכן עסן זעצט מען זיך דאָ אויס און מען וואַרעמט זיך אונטער דער זון.

אין מיטן פון דער שוסטערשע גאַס, געפינט זיך אַ גרויס הויז, דאָס דאָזיקע הויז איז געדעקט מיט שינדל. דאָס איז אברהם שוסטער׳ס הויז.

אַ גאַנץ יאָר איז אַברהם שוסטער׳ס הויז גלייך מיט אַלע אַנדערע הייזער נאָר אַז ס׳קומט עטלאַכע וואָכן פאַר פסח, קוקט דאָס הויז אויס גאָר אַנדערש.

אַ גאַנץ יאָר זיצט אברהם אַף אַ קליין בענקעלע, לעבן אַ טאַבערעטקע און מאַכט שיך, אָדער ער פאַרריכט אַלטע שיך. אַרום אים זיינען אָנגעוואָרפן אַלערליי שיך און שוסטערשע געצייג. אַף דער גרויסער וואַנט הענגט אַ קעראָסין לעמפּל און אין הויז

איז אַזאַ אומעטיקע טונקלקייט. אַף דער וואַנט טאַנצן אַרום משונה׳דיקע שאָטנס וועלכע מאַכן אַלערליי העויות און וואַרפן אַן אַ מרה שחורה אַף די קליינע חברה זיינע.

עטלאַכע וואָכן פאַר פּסח לעבט דאָס הויז אויף. דאָס גאַנצע שוסטערשע געצייג מיט אַלערליי שיך ווערן אַריבערגעפירט אין קלענערן צימער מיט אַ טיר אין גרויסן הויף. אַף אַברהמ׳ס פּלאַץ זיצט איצט אַ געהילף, אַברהם אַליין האָט ניט קיין צייט זיך אָפּ־צוגעבן צו דעם. שיסטעריי איז שוין באַ אים אַ זייטיקע זאַך, די הויפּט פּרנסה ציט ער איצט פון גרויסן הויז, וואָס איז אים געבליבן אַ ירושה פון פאָטער. אין פאָדערשטן צימער וואָס איז „גרויס ווי אַ פעלד״, וואו אַברהם האָט זיך ליב צו באַרימען, גע־פינט זיך אַ גרויסער אויוון איז עס דער קוואַל פון פּרנסה פאַר אַברהמ׳ן און די פרייד פון הויז.

ערב פּסח ווערט דאָס גרויסע צימער און דאָס דערבייאיקע קלענערע אין גאַנצן אויסגעליידיקט.

אַברהם לויפט אַרום אַ פאַרשמייעטער און קאָן זיך ניט צע־רייסן. ער נעמט אַרונטער פון בוידעם די לאַנגע טישן, די קופּערנע שיסל אין וועלכער מען קנעט די „מיירי״, די בלעכן אַף וועלכע מ׳רעדלט די מצות און הויבט אָן צו „מייסטערוועז״. די צוויי לאַנגע טישן גייען אין קלענערן צימער, דאָרט שטייען די וואַלגערער מיט די קאַטשעלקעס. אין גרויסן צימער שטעלט ער אַוועק דעם טיש מיט די בלעכן פון אויבן פאַרן רעדלער. און אין ווינקל ניט ווייט פון אויוועז, וואו עס ליגן שוין אָנגעגרייט די שטיקלאַך האָלץ אַף וועלכע מען וועט אָפּלייגן די זעקלאַך מעל, דאָרט שטעלט ער אַוועק אַ ווייסע, מיט גלאָז אָפּגעשאָבענע טאַבאַרעקטע און פון אויבן די קופּערנע שיסל.

אַף מאָרגן איז שוין אין דער גרויסער הויז פריילאַך.

די וואַלגערער טאַנצן לעבעדיקע פריילאַכע מיט די קאַטשעלקעס איבער די מצות. דער אויוועז פלאַמט אַ קנאַקענדיקער און אַברהם שוסטער שטייט אַ פאַרפלאַמטער באַם אויוון, די יאַרמולקע אַרויפּ־

געריקט אַפֿן שפּיץ קאָפּ, די באָרד צעשויבערט און פלינק אַרבעט ער מיט דער לאַנגער שמאָלער לאָפּעטע. דאָס בייט ער איבער אַביסל דעם „שיבער“, יענער זאָל זיך אַביסל אָפּרוען און אָפּקילן.

אין און אַרום הויז ווערט פון טאָג צו טאָג פריילאַכער און טומלדיקער.

פריילאַכער אַרבעטן די וואַלגערער, זיי זינגען אויס אַלע טע־אַטער לידלאַך, שפּאַסן צווישן זיך און מאַכן חוזק פון רעדלער מיטן געשטיפּלטן פּנים.

— דאָס זיינען אים די מצות געקומען צו חלום און זיך אָפּגע־רעכנט מיט אים... כאַ־כאַ־כאַ!

אַלע לאַכן און איינע פון זיי, אַ געזונטע מויד, אַ פריילאַכע שרייט אַריין:

— הע, יאָסל, ווען האָסטו געפּאַקט, האַ? נו און געמאָזלט האָסטו שוין?

דאָ ווערט שוין אברהם שוסטער אין כעס און לויפט אַריין:

— וואָס האָט איר זיך דאָרטן צעגראַגערט, ווייבער, מאַכט צו אייערע טריפה׳נע מיילער. דערע רב וועט דאָ באַלד זיין מיטן שמורה מעל. איר וועט מיר פאַרטרייבן די קונים.

ער גייט צו צום אויוון, קוקט זיך צו ווי צאַפּלדיקע מצות שפּרינגען אַרויס פון אויוון איבער דער שמאָלער לאַנגער לאָפּעטע און גלייך אין קויש אַריין.

צוויי אידן שפּרייטן אויס אַ ווייס ליילאַך, קלויבן אָפּ מצות און לייגן אַריין, דערנאָך בינדן זיי צוזאַמען דאָס ליילאַך, פירן דורך אַ לאַנג, בויגיק דרענגל, לייגן עס אַרויף אויף די אַקסלען, און איינ־בויגנדיק זיך אַביסל שטופּן זיי זיך פאַרזיכטיק דורך דער טיר.

הינטער זיי גייט נאָך דער קונה, ציטערט בײַ יעדן וויג זייערן אַז די מצות זאָלן זיך ניט צעברעכן, און בעט זיך בײַ זיי:

— ס׳זאָל כאָטש בלייבן עטלאַכע גאַנצע פאַר די סדרים.

אין דרויסן שטייען רעדלאַך מענטשן, רעדן וועגן יקרות פון ערב פּסח, וועגן אברהמ׳ס מזל׳דיקן אויוון און קינדער באַלאַגערן

די פענסטער, שפארן זיך צו דער טיר, שטעלן זיך אף די שוועלן קוקן זיך פארזיכטיק ארום, מאכן ניט געוואגטע טריט נעענטער און רוקן זיך וואס אמאל ווייטער און ווייטער.

עס גלוסט זיך זיי ניט אוועקצוגיין. אד, ווי זיי זיינען עס מקנא דעם אינגל וואס גיסט אויף די וואסער אף די מיירעס! אין גאנצן א ווייסער זיצט ער זיך אין ווינקל, שעפט אלע מאל אן דאס בלעכענע קווערטל, מיט וואסער און גיסט ביסלאכווייז אפן קנייטערס הענט.

נאר אט באווייזט זיך אברהם. אז חברה דערהערן נאר זיין קול לאזן זיי זיך לויפן צום טיר.

—ווארט לאפאטוטן לויפט ניט אזוי.

די קינדער שטעלן זיך אפ, האבן מורא און ווייסן ניט וואס צו טאן. אברהם גייט צו צום קויש קלויבט אוים די קליינע צע־בראכענע שטיקלאך און טיילט זיי איין:

— נאט לאפאטוטן און לויפט אהיים.

ביינאכט ווערט פריילאכער, עטלאכע גרויסע לאמפן ווארפן א בריטלאכן שיין דורך די פענסטער אף דער גלאנציקער בלאטע אין גאס. די קונים צעגיין זיך, די וואלגערער דערפילן זיך פרייער און צעזינגען זיך.

די שכנים הערן זיך צו, זיינען זיי מקנא:

אט, זיי מאכן איצט עטלאכע רובל.

אפילו דער שיבער, א בייזער איד מיט א רויטער בארד, ווערט אויך פריילאכער אף דער נאכט. און אז די בחורים און די מיידלאך נעמען זיך דורכווארפן מיט וויצן ווארפט ער אויך אריין א וו״רט.

וואס שפעטער אין דער נאכט ווערט שטילער, שטילער. די ארבעט גייט שוין א שלאפנדיקע. אייניקע שלעפן זיך אוועק אהיים אייניקע פאררוקן זיך אין א ווינקל, גלייכן זיך אוים די מידע ביינער, רעכענען איבער די געלט וואס זיי וועלן פארדינען, טרינק־געלט וואס זיי וועלן ארייננקריגן. און שלאפן מידע איין חלומ׳נדיק פון די ערשטע פסח׳דיקע טעג ווען מען וועט זיך קענען פרייע, זארגלאזע אויסציען אף א ריינעם ווארימען געלעגער.